STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04342

IDEAL UN ELND

Israel Rubin Rivkai

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַטשקאָווסקיס
„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

ד"ר ישראל רובין

אידעאל און עלנד

(פילאָזאָפיש-פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען)

וואַרשע — ניו-יאָרק 1929

Printed in Poland

Copyright 1929
by D-r I. Rubin
Warsav

Ideal un Elnd — D-ra I. Rubina
Popularna Bibljoteka Naukowa Wyd. Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8

DRUK. „REKORD" WARSZ. DZIKA 38

אינהאלט־פארצייכעניש:

	ז״ז
ערשטער קאפיטל: אידעאל און עלנד (אריינפיר)	19– 7
צווייטער קאפיטל: אין די אָרעמס פון צופאל	44–20
דריטער קאפיטל: די טראגעדיע פון פארענדלעכקייט	56–45
פערטער קאפיטל: די געטשקע פון אייביקייט	66–57
פינפטער קאפיטל: אין שטענדיקן „ערב"	72–67
זעקסטער קאפיטל: באנדאזשן אויף די ווונדן	84–73
זיבעטער קאפיטל: אין אנטלויפונג פון זיך	95–85
אכטער קאפיטל: פארשטיקטע קנאה	100–96
נײַנטער קאפיטל: אין פארטויבונג (צו דער פסיכאָ־לאָגיע פון אידעאליסט)	135–101
צענטער קאפיטל: „דער אמתער מהות פון אונזער זעלבסטדערהאלטונג	139–136
עלפטער קאפיטל: איז געמיינשאפט א ברכה אָדער א קללה?	152–140
צוועלפטער קאפיטל: „ארבעט מאכט דאס לעבן זיס"	160–153

פון איינעם צו איינעם

קאַפּיטל איינס

א י ד ע אַ ל און ע ל נ ד

(אַ ר יי נ פ י ר)

פון אויבן-אויף קאָן אַזאַ קעגנאיבערשטעלונג פון „אי-דעאַל" און „עלנד" פאַרשטאַנען ווערן נאָר ווי אַ קעגנאיבער-שטעלונג פון אַ נ ט י ט ע ז ן, פון איינער דעם אַנדערן בפירוש און לחלוטין א ו י ס ש ל י ס נ ד י ק ע באַגריפן. די קעגנזייטיקע שייכות צווישן זיי ביידע קאָן מען העכסטנס זען אין דעם, וואָס איינער רייסט אַרויס דעם באָדן פון אונטער דעם צווייטנס פיס, וואָס איינער מאַכט פאַר אוממעגלעך דעם ווייטערדויער פון צווייטן. „אידעאַל" און „עלנד" קאָנען איינער דעם אַנדערן בלויז ב אַ ק ע מ פ ן, באַמיען זיך צו באַזייטיקן, אָבער בשום אופן נישט געפינען זיך, אַזוי צו זאָגן, אין אַ פרידלעכן צוזאַ-מענלעבן, איינער קאָן מאַכן א ו י ס ט ר י ק ע נ ע ן דעם צווייטנס ברונעם אָבער בשום אופן נישט אַליין זיך זעטיקן און ציען יניקה פון אים, דעם קעגנערישן ברונעם, ווייל „אי-דעאַל" איז אויסדרוק פון פּאָזיטיוון אין מענטש און „עלנד", פאַר-קערט, איז אויסדרוק פון נעגאַטיוון, „אידעאַל איז ע ל י ה פון אונטערנעמערישקייט און דרייסטקייט און עלנד", דאַקעגן, איז י ר י ד ה פון אַפּאַטיע און אָפּהענטיקייט, „אידעאַל" איז מענטשלעכער מונטערנדיקער „ב אַ ר ג - אַ ר ו י ף", עלנד, דאַקעגן, איז טראַגיש-יאושדיקער „באַרג-אַראָפּ".

און וואָלטן מיר דאָס מענטשלעכע לעבן אין זיינע מילי-מיליאַסן אַרטן און פּראָצעסן געוואָלט זיך פאָרשטעלן בילדלעך, וואָלטן מיר דערצו געקאָנט נעמען דאָס אַלט-ביבלישע בילד פון יעקבס-חלום: אויף דער ריזיקער לייטער, וואָס איר אונטן איז טיף פאַרזעצט אין דער ערד, אין דעם נידעריקסטן נידער און איר שפּיץ דערגרייכט אַזש אין די הימלען אַריין, אין די העכסטע

הויכן, גייען מלאכים אַרויף און אַראָפּ. דידאָזיקע צוויי מינים מלאכים, אַרויף און אַראָפּגייענדיקע, טרעפן זיך טאַקע אַמאָל צו־זאַמען, זיי טרעפן זיך אָבער ווי קעגנער, וואָס איינער פון זיי טוט פונקט דאָס פאַרקערטע פון צווייטן: דער אַרויפגייענדיקער מוז קוקן אויפן אַראָפּגייענדיקן פון אויבן אַראָפּ, דער אַראָפּ־גייענדיקער מוז קוקן אויף דעם אַרויפגייענדיקן פון אונטן אַרויף. און פאַרשידן מוז זיין דאָס אויסזען פון אָט דיביידע מינים מלאכים: פון די ערשטע שפּריצט מיט מונטערקייט, מיט זיכער־קייט, מיט לעבן און אויפלעבונג און די צווייטע — אָפּגע־שוואַכטע און אויסגעליידיקטע, דורכגעדרונגען מיט ספק און אומבאַהאָלפנקייט, שפּרייטן זיי אַרום זיך, אָנשטאָט ליכט פון לעבן, שאָטנס פון טויט.

די אַרויפגייענדיקע מלאכים אויף דער פילשטאַפּלדיקער לייטער פון אונזער לעבן זענען עס די א י ד ע א ל ן, די אַראָפּגייענ־דיקע מלאכים — זענען עס די פלערליי אויסדרוקן פון מענטש־לעכן ע ל נ ד. באַגעגנען זיך קאָנען אָט די ביידע יאָ, אָבער נ אָ ר אַלס ק ע ג נ ז אַ צ ן, אַלס איינער אַ ג ר ע ס י ו ו קעגן צווייטן, באַגעגנען זיך בלויז אין געראַנגל פון קעגנזייטיקער פ אַ ר נ י כ ט ו נ ג און פאַראומעגלעכונג.

און נישט אַלע מאָל איז אַפילו אַזאַ צושטאַנד פאַראַן אין דער צוזאַמענטרעפונג פון „אידעאַל" און „עלנד", אַזאַ צושטאַנד פון קעגנזייטיקער באַקעמפונג, אַמאָל איז די דיסטאַנץ צווישן די ביידע נאָך ווייטער, אַזוי ווייט, אַז זיי באַגעגנען זיך בכלל נישט.

וואָרום די עצם מעגלעכקייט פון אַ באַגעגניש צווישן צוויי קעגנער, מעג אַפילו דער צווייטער אין פאַרגלייך מיטן ערשטן זיין אַ מילב קעגן אַ לייב, איז שוין אין אַ געוויסער מאָס אַ גוטער סימן פאַר דעם צווייטן און אַ נישט־גאָר־גוטער פאַר דעם ערשטן.

ווייל ווען דער אונטערשיד צווישן די באַגעגנטע קעגנער לאָזט זיך גראַדירן אין „מער" און „ווייניקער" (מער שטאַרק אָדער שוואַך, ווייניקער שטאַרק אָדער שוואַך), איז דאָך דאָס גופא שוין אַ סימן פון אַ געוויסער גלייכקייט צווישן די ביידע, — יעדע פאַרגלייכונגס־פעיקייט אַלס אַזעלכע איז, אין תוך, שוין

אַ טייל פון גלייכקייט. מעג איינער זיין לגבי דעם אַנדערן בּרוכצאָל לגבי אַ גאַנצן, איז ער אָבער דאָך מיט דעם גופא באַרעכטיקט צו פּרעטענדירן אויף אַ געוויסער אידענטיטעט מיט דעם צווייטן, ווייל אַ בּרוכצאָל פון אַ גאַנצן פאַרמאָגט דאָך שוין אייגנשאַפטן, לאָז זיין אַפילו אין אַ קלענערער מאָס, פון דעם גאַנצן גופא. אין עצם פאַרמעסטן זיך צווישן „קליין" און „גרויס" איז שוין אַנטהאַלטן די איינאַרטיקייט פון די פאַרמאָסטענע.

אָבער צו אַזאַ מדרגה דערגרייכט אַממערסטן די קעגנזייטיקע באַציונג צווישן „אידעאַל" און „עלנד" נישט.

אויב זיך האַלטן ביים פריערדיקן ביישפּיל, קאָן מען זאָגן:

זעלטן, זייער זעלטן געפינען מיר אויף דער לייטער פון לעבן ביידע מינים מלאכים, אַממערסטן זעען מיר אויף איר בלויז איינעם פון זיי: דעם אַרויפשטייגנדיקן „אידעאַל", דער צווייטער, די „עלנד", שטייגט שוין אַפילו נישט אַראָפּ: ער איז שוין לאַנג אַראָפּ פון אונטערשטן, פון לעצטן שטאַפּל, און נישט האָבנדיק וווּהין ווייטער אַראָפּצושטייגן און זענענדיק אינגאַנצן פאַרחלשט, טוליעט ער זיך אונטן, צופוסנס פון דער לייטער, מיט הכנעהדיקן פאַרגליווערטן גרימאַסע-שמייכל אויפן פנים.

דעם „אידעאַל" טרעפן מיר שטענדיק אין מצב פון דינאַמיק, פון „ווערן", פון קוועלנדיקער שעפערישקייט, די „עלנד" טרעפן מיר, פאַרקערט, על פּי רוב, אין מצב פון סטאַטיק, פון איבערן, אין מצב פון אויסגעטריקנטן קוואַל.

פאַר איר, דער „עלנד", איז כאַראַקטעריסטיש נישט אַזוי דער „יאוש" אין זיין אויסגעשטאַלטונג, נאָר דווקא אין זיין לאחר-יאושדיקייט. און ווען אַזאַ ווייטע דיסטאַנץ איז צווישן „אידעאַל" און „עלנד", קאָנען די ביידע שוין צווישן זיך אַפילו נישט באַגעגענען און נישט באַגעגנען זיך אַפילו אַלס קעגנער.

דאָס אַלץ שיינט אָבער בלויז פון אויבן-אויף אַזוי צו זיין.

באמת זענען „אידעאַל" און „עלנד" נישט קיין אַנטיטעזן, נאָר דווקא צוויי פאַראַלעלע טעזן, נאָך מער: צוויי אַנטפּלעקונגספאָרמען פון איין און דערזעלביקער טעזע.

זיי זענען אַזוי אויפגעבונדן און פאַרקניפּט אין טיפסטן

טיף פון זייערביידנס מהות, אַז — סוף כּל סוף מוז מען האָבן די געוואַגטקייט זיי אויפצופאַסן אַלס איינפאַכע סינאָנימען, אַלס צוויי ווערטער-באַשטימונגען פון איין און דעמזעלביקן אינהאַלט.

און אויב מיר, מענטשן, טוען עס נישט, איז עס נאָר דערפאַר. וואָס אַזאַ אויפפאַסונג, איז פאַר אונז אומאָנגענעם, נאָר דערפאַר. וואָס מיר ווילן זיך באַפרייען פון אַן אָנערקענונג, וואָס קאָן נישט גיסן קיין בוימל אויף אונזער סוגעסטיווער זעלבסטצופרידנקייט.

ווערטער-פאַרשידנקייט מיטן צוועק צו שאַפן פאַר אַנדערע, און קודם כּל פאַר זיך אַליין, די אילוזיע פון אינהאַלטס-פאַרשידנקייט, איז בכלל די טראַגיק פון אונזער מאָדערנעם מענטש. מיר האַלטן אין איין פאַרגרעסערן און פאַרפּילפּאַכן אונזער לעקסישן „אוצר“ דאָרטן, ווו ס'קומען כּלל נישט צו קיין נייע באַגריפן. ווערטער-„עשירות“ איז אַ מיטל צו פאַרשטעלן צו פאַרבאַהאַלטן דעם פייפנדיקן אינהאַלטס-„דלות“. אַ מין מיטל אַזאַ פון פסיכישער קאָסמעטיק איז עס דידאָזיקע דערפינדערישקייט פאַר ווערטער, פאַר נייע ווערטער, וואָס האָבן הינטער זיך נישט קיין נייעם אינהאַלט: אַ שמוק אויפן בלוטלאָזן פּנים, עס זאָל כאָטש אַביסל פאַרב שטיין.

און „עלנד“ אַלס אויסדרוק פון כּמו-פאַרשידנקייט צו „אידעאַל“ איז אין תּוך טאַקע נישט מער, ווי אַן אויפטו פון פסיכישער קאָסמעטיק.

„אידעאַל“ און „עלנד“ זענען איינס, צוויייאייניק, צוויי פאָרמען פון איין אינהאַלט. „אידעאַל“ איז דער בולטער אויסדרוק פון מענטשלעכער „עלנד“, און „עלנד“ איז די טרייב-קראַפט, די איינציקע, גאָר וויכטיקסטע טרייב-קראַפט צום מענטשלעכן „אידעאַל“.

„אידעאַל“ אַלס דערהויבונג, אַלס „באַרג-אַרויף“ און „עלנד“ אַלס דערנידערונג און „באַרג-אַראָפּ“ (אין איין סטאַדיע זייגער, ווען ס'איז נאָך פאַראַן אין אים מאָמענטן פון „ווערן“, פון לעצטער גוססער דינאַמיק) אָדער פון „דערנידעריקטקייט“ און „אונטער דעם באַרג“ (אין זיין צווייטער און לעצטער סטאַדיע פון פאַרענדיקטן „ווערן“ און לאַחר-יאוש-סטאַטיק), איז אַ אילוזאָרישע, אַ פּיקטיווע קעגנאיבערשטעלונג צו דער „עלנד“. אין

„אידעאַל“ גופא, באַ זיין פלאַמען, טליעט שוין די האַלב-אויס-געלאָשענע ליכט פון „עלנד“, אין זיין „באַרג-אַרויף“ און „דער-הויבונג“ איז שוין פאַראַן „באַרג-אַראָפּ“ — רעזיגנאַציע- און „דערנידערונג“-מהות.

און אויב מיר פילן עס נישט, איז עס אונזער טראַגיק, אונזער פּחדנותדיקע זעלבסטאָפּנאַרעריי. מיר פילן עס נישט, ווייל פילן עס יאָ וואָלט אונז פאַרשאַפט ווייטיק, וואָלט פאַר אונז געווען אומאָנגענעם, וואָלט פאַר אונז אַרויסגעשטעלט אין אכזריותדיקער נאַקעטקייט אונזער מענטשלעכע מינדערווער-טיקייט.

מינדערווערטיקייט — אָט דערדאָזיקער שרעקלעכסטער נאָמען — פון די אַלע אומצייליקע יתרו-נעמען פאַר מענטשלעכער „עלנד“, — „מינדערווערטיקייט“ איז דער קוואַל, פון וועלכן אונזער „אידעאַל“ ציט זיין יניקה, פון און צוליב וועלכן ער קומט אויף דער וועלט.

אין אונזער פאַרליבע צו פאַלשער ווערבאַליסטישער „עשירות“ האָבן מיר פאַר „אידעאַל“, פאַר דער קרוין פון אונזער עקזיסטענץ, צוגעטראַכט אַ שפע פון פאָרמולירונגען: זאַפטיק-דיכטערישע, ווי טרוקן-אינטעלעקטואַליסטישע.

אויב „אידעאַל“ איז די קרוין פון אונזער קאָפּ, פאַרוואָס זאָל מען עס נישט צירן מיט שעמערירנדיקער פילפאַרביקייט? און מיט אונזער צירן אונזער „אידעאַל-קרוין“ טרעפט טאַקע דאָס אייגענע, וואָס מיט דער קרוין-צירונג אין הויף פון נע-בעכדיקן אָרימען מלך: איז נישטאָ קיין אמתע בריליאַנטן, זאָלן זיין גלאַנציקע גלעזלעך — זאָלן אַנדערע מיינען, זאָל „דער מלך“ אַליין אָנהויבן גלויבן, אַז דאָס, וואָס גלאַנצט אין זיין קרוין, איז באמת בריליאַנט.

לאָמיר די כלערליי אידעאַל-פאָרמולירונגען אַלע גלאַנציקע גלעזלעך פאַרלויפיק לאָזן. לאָמיר זיך באַגנוגענען מיט דער אַלט-אַפּלטונישער אויפפאַסונג פון „אידעע“ (פון דערדאָזיקער אפּלטונישער „אידעע“ שטאַמט דאָך טאַקע די וואָרטבילדונג: „אידעאַל“), לויט וועלכער — אידעאַל פאַרמאָגט קיין אייגן ליכט נישט, נאָר איז און דינט בעיקר אַלס אָפּשפּיגלונג פון

אַן אַנדערן, פון אַן אויסער-אים זיך-געפינענדיקן ליכט. וואָס איז עס פאַר אַן אַנדער ליכט?

ווייל איך זאָגן: דאָס איז די מענטשלעכע **מינדער-ווערטיקייט**.

ווי יענע חלבנע ליכט, וואָס ווערן געמאַכט פון בהמות-פעטס, נאָכדעם ווי די בהמות זענען טויט, — אַזוי ווערט דאָס ליכט פון אונזער „אידעאַל" געליען פון דער בהמישקייט, פון דער טויטקייט וואָס אין אונז: פון אונזער מענטשלעכער מינ-דערווערטיקייט. אַזוי ווי יענץ האָלץ הויבט אָן צו לייכטן אין דער פינסטער ערשט דאַן און צוליב דעם, וואָס ער הויבט אָן צו פוילן, אַזוי נעמט זיך דאָס ליכט פון אונזער „אידעאַל" פון דעם פערמאַנענטן מינדערווערטיקייטס-פוילן פון אונזער מענטשלעך-פסיכישן וועזן.

וואָס איז אידעאַל? — שטרעבונג צו השלמה, צו דערהוי-בונג, צו אויסבעסערונג. איז דאָך אַזאַ שטרעבונג גופא דער בעסטער און איבערצייגנדיקסטער פאַררעטער פון דעם, אַז אונז פעלט השלמה, אַז מיר זענען דערנידעריקט, אַז מיר זענען פאַרשלימערט.

וואָלט אונזער לעבן געווען מיטווירקלעכער הויכקייט געפלאַסטערט, צו וואָס נאָך דאָס העכער-שטייגן פון „אידעאַל"? וואָלטן מיר געווען באַם „זעניט" פון פאַרפולקאָמונג, צו וואָס נאָך די אָנשטרענגונגען פון אידעאַליסטישן הויבן זיך? וואָלט אונזער לעבנס-בגד גאַנץ געווען, אָן לעכער, וואָס דעקן אויף אונזער ערוה,—צו וואָס לייגן אויף אים פאַרשטוקעווע אידעאַלן-לאַטעס? וואָלט אין אונזער וועזן אַלעס פול און אויסגעפילט געווען, ווי וואָלטן מיר געגומען דעם חלל אויף אויסצופילן אים מיט אונזערע אידעאַלן?

מיר האָבן אַזוי ליב צו רימען זיך מיט דעם פערמאַנענטן מענטשלעכן פראָגרעס, מיט אונזער כסדרדיקן הויבן זיך אין די הויכן, מיר פרייען זיך און שטאָלצירן אויף יעדער טעכנישער דערגרייכונג, ווי יענער אָרימער ווילדער ווייט-אַפריקאַנער אויף די גלאַנציקע שערבלעך, וואָס די ווייסע פלעגן אים צוּוואַרפן. דער פראָגרעס אָבער גופא איז דאָך דער שרייענדיקסטער עדות פון אונזער אָפּגעשטאַנענקייט, פון אונזער מינדערווערטיקייט.

די טעכנישע דערגרייכונגען און אויסבעסערונגען גופא ווייזן דאָך, אַז ביז זיי, ביז מיר האָבן זיי באַקומען, זענען מיר געווען הילפסלאָז. און צי זענען מיר שוין אין אַזאַ מצב, צי וועלן מיר ווען עס איז זיין אין אַזאַ מצב, אַז מיר זאָלן שוין נישט דאַרפן קיין פּראָגרעס־לאַטעס אויף אונזער נאַקעטקייט, אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן קיין נייע דערגרייכונגען, ווייל אַלץ איז שוין דערגרייכט?

פון דעם גופא, וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין גאַנצן בגד, וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט האָבן אַלץ דערגרייכט, מאַכן מיר אַן אילוזיע פאַר מונטערונג, פאַר זעלבסטצופרידנקייט, אין דעם גופא זעען מיר די „פּראַכט" פון אידעאַל:

דער מענטש וועט קיינמאָל נישט אויפהערן צו שטרעבן צו בעסערונג. די נויטיקייט אין אידעאַל וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן. די זון פון „פּראָגרעס" וועט קיינמאָל נישט פאַר־גיין אויף אונזערע הימלען — און דאָס איז אונזער „גליק".

אַ גליק איז עס אָבער פון אַ קבצן, וועלכער האָט אויף אַזוי פיל „שלום געמאַכט" מיט זיין דלות, אַז דער דלות גופא איז פאַר אים אַ „רייכקייט", אַ גליק פון יענעם קנעכט, וואָס נישט קאָנענדיק זיך באַפרייען פון זיין קנעכטשאַפט, מאַכט ער פון דער לעצטער גופא אַן „אויב נישט העכער פון פרייהייט".

שטענדיקער פּראָגרעס באַדייטעט שטענדיקע מאַנגלהאַפטי־קייט, שטענדיקע מענטשלעכע מינדערווערטיקייט.

און אין דעם שטעקט שוין דער תוך פון אונזער מענטש־לעכער מינדערוווערטיקייט — דאָס וועלן די „נויט" גופא פאַר־וואַנדלען אין „טוגנד", לאָזן זיך פאַרטויבן מיט אילוזיעס, וועלכע זאָלן אונז מאַכן אומפעיק צו הערן די קייטן־געקלינגערײ אויף אונזערע געפענטעטע פיס.

„זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב"—הייסט דערדאָזיקער בגד אויפן לשון פון אונזערע מענטשלעכע ווערטער־פאַבריצירער. זעלבסט־דערהאַלטונג — וואָרום וואָלט די מונטערנדיקע אילוזיע נישט פאַרדעקט דאָס שוואַרצע לאָך פון יאושדיקערווירקלעכקייט, וואָלטן מיר דאָך נישט געווען ביכולת צו דערהאַלטן זיך, נישט אַריינצוקייקלען זיך אין דעמדאָזיקן לאָך פאַר דער צייט און, אַז פון אונזער „זיין" זאָל ווערן „נישט־זיין".

און „אידעאַל“ איז אַלעמאָל די אילוזיע, וואָס נעמט זיך פון זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב. פון זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב געפירט קאָנען מיר און מוזן מיר – ווי אָט יענץ יתומל באַ פּרצן – גלייך פון בית־הקברות, ווו מען האָט זיין אייגענעם טאַטן באַגראָבן, און טאַקע צוליב דעם, ער זאָל דעמדאָזיקן בית־הקברות פאַרגעסן, גלייך איבערגיין צו שפּילן זיך מיט גלאַנציקע שטיינדלעך פון לעבנס־שאָסיי.

צוליב טעמים פון „זעלבסטדערהאַלטונג“, מוז דער קריגס־קאָמאַנדיר, וועלכער פירט זיין אַרמיי צו פאַרזייען מיט זייערע לעבנס די ברידער־קברים, זי טרייבן אונטער די קלאַנגען פון אַ מאַזשאָר־מאַרש. דערדאָזיקער מאַרש איז אויסגערעכנט אויף דעם, צו מאַכן פאַרגעסן די מינאָר־קלאַנגען פון שפּעטערן טויטן־הספד איבער די פאַראורטיילטע.

אונזער מענטשלעכער אידעאַל איז טאַקע אַזאַ מאַזשאָר־מאַרש, מיט וועלכן מיר אַליין פאַרטויבן זיך, מאַכן זיך פאַרגעסן די מינאָר־קלאַנגען, וועלכע רייסן זיך פון אונזער מענטשלעכער מינדערווערטיקייט.

ווי אין אַלט לאַפאָנטעניש־קרילאָווישן פאַבל:

אַ בער וויל אַרויפקלעטערן צו געניסן דעם האָניק פון בינשטאָק אויפן בוים. טרעפט ער אָבער סאַמע באַ דער עפענונג פון בינשטאָק אַ קלעצל, און דאָסדאָזיקע קלעצל איז אים מכבד מיט אַ ווייטיקדיקן קלאַפּ אין שטערן. וואָלט ער דאָך, דער בער, דאַכט זיך, געדאַרפט רעזיגנירן פון האָניק, זעענדיק, אַז אים באַקומען וועט ער נישט און קלעפּ פון קלעצל ביז צעשאָטן ווערן פון זיין שיידל וועט ער יאָ? – איז אָבער יעדער קלאַפּ פון דעם קלעצל, נישט נאָר וואָס ער פאַרשאַפט אים ווייטיק, נאָר אויך ער פאַרטויבט אים, מאַכט אים אוממעגלעך צו פאַרשטיין זיין אמתע לאַגע. יעדער נייער קלאַפּ פון קלעצל איז אַ נייע פאַרטויבונג און אַ נייער געשטאַרקטער ווונש צום האָניק.

יעדער מענטשלעכער אידעאַל־באַזיצער איז געגליכן צו אָט דעמדאָזיקן בער, און יעדער אידעאַל איז אַ קלעצל – אַ קלעצל פון איבער האָניק – וואָס קלאַפּט אין קאָפּ און פאַרטויבט.

מיר זעען נישט די שטערונג צו דער אַבסאָלוטער האָניק־פולקאָמענהייט, מיר זעען נישט די מינדערווערטיקייט, אויף

וועלכער מיר זענען פאַראורטיילט, מיר ווערן אַלץ מער פאַרטויבט און — זעצן פאָר אונזער האָפנונגסלאָז קלעטערן.

ווען נישט אָט דאָסדאָזיקע קלעצל פון פאַרטויבנדיקן אי־דעאַל, וואָלטן מיר דאָך אונזער לעבנס-קלעטערן נישט געקאָנט פאָרזעצן!

אַז „אידעאַל" איז קיינמאָל נישט דאָס, צו וואָס מיר ווילן אין אונזער פאַרטויבטקייט אים מאַכן: נישט דאָס אַבסאָלוטע, נישט די אַנטיטעזע צו „עלנד", נאָר דווקא דאָס פאַרהעלטניש־מעסיקע, דאָס קלעצלדיקע, דאָס אידענטישע מיט „עלנד", קאָנען מיר דאָך זען באַשיינפּערלעך פון דעם:

ווער זענען די טרעגער פון אידעאַל? אין וואָס פאַר אַ שויס וואַרעמט ער זיך עס אויס און ווערט באַפרוכפּערט?

אַלע מאָל זענען די שאַפער און טרעגער פון אידעאַל — די „באַליידיקטע און דערנידעריקטע", די וואָס שמאַכטן און קאָנווולסירן אין די פאַרביכטנדיקע אָרעמס פון „עלנד", פון מינדערווערטיקייט.

אַלע אידעאַלן לויט זייערע פאַרשידענע מינים און די־פערענצירונגען: די אינדיווידועלע ווי די קאָלעקטיווע, די סאָציאַלע ווי די נאַציאָנאַלע — ווו דערזעען זיי די ליכטיקע שיין, ווו הערן מיר זייערע געבורטס-ווייען? — נאָר ביי די, וועמען עס פעלט, ביי די, וואָס דאַרפן זיך פאַרטויבן, כדי נישט צו מערקן, נישט צו פילן דעם ווייטיק פון מאַנגלהאַפטער ווירקלעכקייט.

פאַרוואָס איז דער אַלטער, שוואַכער און קראַנקער מענטש „אַ פריאָרי", שפּינער פון די גאָלדענע אידעאַל-פעדים? (פאַנ־טאַזיע, צו וועלכער אַלטע, שוואַכע און קראַנקע, ווי אויך קינדער, ווידער צוליב זייער הילפלאָזיקייט און זייער מאַנגלהאַפטער ווירקלעכקייט, זענען מער ווי אַלע עלול, איז דאָך דאָס אידענ־טישע מיט אידעאַל). — פאַרוואָס איז דווקא דער פּראָלעטאַריאַט געוועזן די איינציקע קוזניע, ווו ס'האָט זיך אויסגעשמידט דער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכהייט? פאַרוואָס איז עס דווקא אויף דעם גורל פון דעם יידישן, פאַרוואָגלטן און פאַרפייניקטן, געיאָכטן און געיאָגטן יידישן פאָלק אויסגעפאַלן

צו זיין דער טרעגער פון דער וועלט-אויסלייזונג, פון וועלט-משיחיזם?

דער תירוץ איז דאָ נאָר איינער: „וועמען ס'טוט ווי, דער שרייט". ווער ס'איז אויפגעקאָרטשעט אין סדום-בעטל פון עלנד, יענער וויל, מוז וועלן ברייטקייט פון גן-עדן. ווער ס'ליידט פון אומגלייכקייט און אומגערעכטיקייט, וויל און מוז וועלן גלייכקייט און גערעכטיקייט.

אַנדערש גערעדט: וואָס מער מינדערוועַרטיקייט, אַלץ מער נויטיקייט זי צו קאָמפּענסירן מיט שטרעבונג צו אילוזאָרי-שער העכערוועַרטיקייט. אידעאַל איז אַ קאָמפּענסאַציע.

אין די אַלע געלויפיק געבראַכטע ביישפּילן קאָן אָבער די מינדערוועַרטיקייט צוגעפּירט ווערן צו אַ מאַטעריעלער קאַטע-גאָריע. באמת אָבער, איז מאַטעריעלע און פּסיכישע מינדער-ווערטיקייט, ווי בכלל די דואַליזאַציע פון מענטשלעכן וועזן אויף „מאַטעריע און גייסט" — איינער פון די פּיל וואָרט-שפּילן, וועלכע פאַרבייטן דעם מאַנגל אין אינהאַלט. לאָמיר אָבער אָננעמען, אַז צווישן מאַטעריעלער און פּסיכישער מינדער-ווערטיקייט איז דאָ אַן אונטערשיד. מוז מען צוגעבן: נישט נאָר די מאַטעריעלע מינדערוועַרטיקייט אַליין פירט צום אידע-אַל, נאָר אויך און בעיקר די פּסיכישע מענטשלעכע מינדערווער-טיקייט. דאָ פאָרלויפיק אַ קליינע פּסיכאָלאָגישע עקסקורסיע אין וועזן און אין צוזאַמענשטעל פון אידעאַל.

אידעאַל — פּסיכאָלאָגיש גענומען — איז אַן אויסדרוק, א קאָמבינירונג פון עמאָציעס. עמאָציעס ווערן געטיילט אויף: סטעניש (מונטערנדיקע, פּאָזיטיווע) און אַסטעניש (אונטער-דריקנדיקע, נעגאַטיווע). איז די פראַגע: וועלכע עמאָציעס זענען די סיבה און וועלכע דער רעזולטאַט?

געוועָן, אמת, אַמאָל אַ מיינונג[1], אַז די ערשטע טרייב-קראַפט צום שאַפן, צום אונטערנעמען איז די סטעניש עמאָציע. ס'איז אָבער לעצטנס אויף אַן איבערצייגנדן אופן דערוויזן געוואָרן,

[1] פון פיל אנדערע: Olzelt Newin: „Über Phantasie-vorstellungen" ער באַטראַכט, אמת, בלויז די שאפונג אויף דעם עסטע-טישן געביט — ס'איז אָבער קיין וועזנטלעכער אונטערשיד נישט פאַראַן צווישן עסטעטישן און אנדערן שאַפן.

אַז דאָס איז פאַלש. די ערשטע און וועזנטלעכסטע טרייב-קראַפט צום שאַפן, צום אונטערנעמען איז איינציק און אַליין די אַסטע-נישע עמאָציע, דאָס הייסט:

נישט דאָס לוסט-געבנדיקע, נאָר דווקא דאָס אומלוסט-געבנדיקע שטויסט דעם מענטש צו אונטערנעמערישקייט, צו אַקטיוויטעט. יעדע ערשטע אַקטיוויטעט איז אַלע מאָל אַן אָנ-שטרענגונג צו באַפרייען זיך פון אומלוסט, פון שטערונג, אַן אָנ-שטרענגונג אויסצופילן דאָס, וואָס פעלט[1]. צי איז עס דערפאַר, וואָס אין אַרום, אין די אָביעקטיווע באַדינגונגען, אין דער פעריפעריע פון דער מאַטעריעלער ווירקלעכקייט איז פאַראַן מער אומלוסט ווי לוסט-מאַטעריאַל אָדער דערפאַר, וואָס אין אונז גופא, אין אונזער פסיכיק און אונזער סוביעקטיוון וועזן, און, אַזוי צו זאָגן, אין אונזער צענטער פון פסיכישער ווירקלעכקייט[2] איז פאַראַן אַ גרעסערע אויפנאַמספעיקייט פאַר אומלוסט ווי פאַר לוסט (אַסטענישע עמאָציעס שטאַרקער ווי סטענישע) — עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דאָס אַסטענישע איז קודם לסטענישע, אַז פאַר נויט זענען מיר עמפינדלעכער ווי פאַר טוגנד.

מען קאָן גיין אַפילו אַזוי ווייט, אַז מען זאָל קאָנען אַלץ, לגמרי אַלץ, צופירן צו אַסטענישע עמאָציעס, צו אומלוסט.

יעדע סטענישע עמאָציע, יעדער לוסט-געווין איז בלויז אַ שנוי-צורה פון אַסטענישער עמאָציע, פון אומלוסט-באַזייטיקונג. כ'וויל זיך דאָ אויף דעם נישט אָפּשטעלן לאַנג.

שמחה, למשל, איז אין אונזער לעבן נישט נאָר ווייניקער ווי אומעט, נאָר שמחה גופא קאָן באַטראַכט ווערן אַלס קוואַנטיטאַ-טיווע מדרגה, אַלס נומערישע גראַדירונג פון אומעט: שמחה-ווייניקער אומעט, לוסט-געווין, בדרך כלל-אָנערקענונג, אַז ס'איז פאַרבליבן ווייניקער נויטיקייט אין אומלוסט-באַזייטיקונג.

אַמבעסטן קאָן מען עס זען, ווען מען אַנאַליזירט דעם נייטראַלן צושטאַנד פון אַן עמאָציע, די אַזוי גערופענע גלייכ-גילטיקייט.

---

1) דאָס וואָס ביי אַנדערע פסיכאָלאָגן הייסט: לוסט- און אומלוסט-איינדרוקן, הייסט ביי פרייערן א. א. וו. סטענישע און אַסטענישע עמאָציעס.

2) איך האַלט זיך דאָ ביי דער אָנגענומענער קלאַסיפיקאַציע פון „מאַטעריעל" און „פסיכיש".

קיין ריינע גלייכגילטיקייט, קיין לחלוטינדיקע צווישן-שטופע צווישן סטעניששער און אַסטעניששער עמאָציע איז בכלל נישט פאַראַן. יעדע „גלייכגילטיקייט“ איז נישט מער, ווי אַ צושטאַנד, אין וועלכן די סטענישע און אַסטענישע עמאָציעס, באַ זייער צוזאַמענשטויסונג צווישן זיך זענען דערפירט צום מינימום. אָבער שוין אין יעדער גלייכגילטיקייט איז פאַראַן אַ נייגונג צו איינער פון דידאָזיקע עמאָציעס. גלייכגילטיקייט, אַלזאָ, הייסט בשום אופן נישט, אַז ס'איז דערגרייכט פולשטענדיקער פסיכישער גלייכגעוויכט, אַז דאָס צינגל פון דער פסיכישער וואָגשאָל איז געבליבן שטיין אין סאַמעראָדנעם מיטן, נאָר אַז דער ע ו ד ף פון איינעמס געוויכט איבער דעם צווייטנס איז אַ קוים באַמערקבאַרער, אַז דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל וואַקלט זיך אַזוי פּאַמעלעך און אין אַזעלכע קליינע ראַדיוסן, אַז מיט אַ געוויינלעכן אויג קאָן מען זיי אָננעמען פאַר נול-באַוועגונג, פאַר אַבסאָלוטע רו.

ווען מען קוקט זיך צו גוט צו גלייכגילטיקייט, געפינט מען אין איר אַ גרעסערע נייגונג צום אומלוסט, ווי צו לוסט, אַ גרעסערע וואַקלונג אין דער זייט פון אַסטענישער, ווי אין דער זייט פון סטענישער עמאָציע. גלייכגילטיקייט איז מ ע ר פּאָטענציעלער אומעט, ווי פּאָטענציעלע שמחה, למשל. פון גלייכגילטיקייט איז ל י י כ ט ע ר איבערצוגיין צו אומעט, ווי צו שמחה.

דאָס, וואָס גלייכגילטיקייט קומט דאָס רוב פון מידקייט, ווייזט אויך אויף דער נאָענטער און דירעקטער שייכות, וואָס צווישן איר און אַסטענישער עמאָציע, וואָרום מידקייט איז דאָך דער אָנהויב רעזיגנאַציע און דעם אומגלייכן קאַמף מיט אומלוסט.

אומקערנדיק זיך צום פריערדיקן: צו דער שייכות צווישן אונטערנעמען, אַקטיוויטעט און כאַראַקטער פון עמאָציע, מוז מען אַלזאָ זאָגן:

די אַסטענישע עמאָציע, דער קאַמף מיט שוועריקייטן, די שטרעבונג צו באַזייטיקן מינדערווערטיקייט איז די אורזאַך פון יעדער אַקטיוויטעט.

פאַרוואָס איז אַ קינד, למשל, אַזוי אַקטיוו, פאַרוואָס איז ער דער אַקטיווסטער צווישן די מענטשן? — ווייל אים פעלט

מער, ווי עמיצן אַנדערש׳ אים פעלט נישט בלויז אין מאַטעריעלן זין, נאָר בעיקר אין פסיכישן: ווייל ער פילט שטאַרקער, ווי די דערוואַקסענע, זיין פסיכישע מינדערווערטיקייט.

דאָס קינד איז דער שטאַרקסטער אידעאַליסט. אידעאַל איז בכלל דער אויסדרוק פון דער שטאַרקסטער אַקטיוויטעט. נישט בלויז „קינד" און „אַקטיוויטעט" זענען געבונדן, נאָר אויך „אידעאַליסט" און „קינד" — יעדער אידעאַליסט איז אין אַ געוויסער מאָס אַ קינד: אויפריכטיקייט, אומבאַגרעניצטער גלויבן אין אייגענע מעגלעכקייטן, פעיקייט צו לאָזן זיך באַהערשן דורך דער אילוזיע, — דאָס זענען, צווישן אַנדערע׳ די געמיינזאַמע אייגנשאַפטן פון קינד און אידעאַליסט.

מיר דאַרפן אין דעם זאַץ: „צום אונטערנעמען ברענגט די אַסטעניש עמאָציע" פאַרבייטן די ווערטער „אונטערנעמען" מיט „אידעאַל" („אידעאַל" איז דאָך דאָס שטאַרקסטע „אונטערנעמען") און „אַסטענישע עמאָציע" מיט „מינדערווערטיקייט" (אַסטענישע עמאָציע קומט דאָך פון אָנערקענטער, נישט בלויז מאַטעריעלער, נאָר אויך פסיכישער מינדערווערטיקייט), און מיר באַקומען דעם אויספיר:

צום אידעאַל פירט די פסיכישע מינדערווערטיקייט!

צוויי פאָלן זענען עס אין מענטשלעכן לעבן און מענטשלעכן וועזן, פאָלן, צווישן וועלכע עס פירט אַ גלייכער וועג, צווישן וועלכע עס עקזיסטירט אַן אומבאַדינגטע דיפוזיע:

„אידעאַל" — פון איין זייט און „עלנד" — פון דער אַנדערער!

צווייטער קאַפּיטל

אין די אָרעמס פון צופאַל

דער גרעסטער און ווייטיקסטער קלאַפּ, וואָס מיר באַקו־מען פון אונזער מינדערווערטיקייט, דער בולטסטער און פיינ־לעכסטער אויסדרוק פון אונזער מענטשלעכן עלנד איז דער פאַקט פון אונזער פאַרקנעכטונג, פון אונזער צוגעשמידקייט צום צופאַל.

וויפיל פילאָזאָפן זאָלן נישט אויסדרייגען מיט לאָגישע און איבערלאָגישע אותות ומופתים די אַזוי־גערופענע אינערלעכע פסיכישע „פרייהייט" פון מענטשן, וויפיל דיכטער זאָלן נישט טונקען זייערע פינזלען אין די זאַפטיקע פאַרבן פון מכלומרשטער מענטשלעכער „זעלבסטבאַשטימונג", — אין סוף פסוק זיינען דאָך דידאָזיקע אַלע פּרוּוון ווידער אַמאָל בלויז קונציקע סאַלטאָ־מאָרטאַלאָס אַריבערצושפּרינגען איבער אַ תהום, בלויז אַ קאָמ־פּענסאַטאָרישע פיקציע צו דער באמתער מינדערווערטיקייט. דאָס, וואָס מען קאָן זאָגן וועגן אידעאַלן בכלל, וועגן היילנדיקער פאַנטאַזיע, קאָן מען אויך זאָגן אָט וועגן די אַלע באַגרינדונגען און אויפווייזונגען פון מענטשלעכער „פרייהייט": ס'איז אַ רע־זולטאַט פון זעלבסטדערהאַלטונג, אַ רעזולטאַט פון וועלן אילו־זאָריש פאַרדעקן דעם פאַקטישן אומאָנגענעמען ב ל י י ז אין פרייהייט.

ווי קאָן דען זיין מעגלעך פרייהייט, אַבסאָלוטע און נישט־גראַדירטע, גאַנצע און נישט געדריטלטע — געפערטלטע פריי־הייט, ווען אַלע אונזערע האַנדלונגען זענען באַדינגט אַלע מאָל און אומעטום פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן צו אונזער פסיכיק אפשר אַ שייכות יאָ, אָבער אַ שייכות פון סיבה צום רעזולטאַט, פון באַווירקער צום באַווירקטן? ווי קאָן דען זיין מעגלעך פרייהייט אַלס זעלבסטשטענדיקע קראַפט, ווען אונזער פסיכיק, וואָס איז גלייכצייטיק סאַי דער לאַגער, ווו דידאָזיקע

פרייהייט ווערט אויפגעהאַלטן און סאַי די פאַבריק, ווי די פרייהייט זאָל ווערן פראָדוצירט, איז אַליין אין שטענדיקער אָפּהענגיקייט פון אויסערלעכע פאַקטאָרן?

אויב די מענטשלעכע פסיכיק מוז פון איר גענעזיס, פון איר „בראשית" זיין אָפּהענגיק פון אויסערלעכע באַדינגונגען, איז דאָך דאָס אַליין שוין אַ פאַטאַלער איבעררייס פון די אַלע פעדים, וואָס פירן זי צו אמתער פרייהייט, איז דאָך דאָס אַליין שוין געגנוג אַריינצושליידערן דידאַקטיקע פסיכיק אויך אויף שפּעטער, אויף שטענדיק אין די האַרטע אָרעמס פון פאַטום.

זייער מעגלעך, אַז אויך אין דער וועלט-עקזיסטענץ בכלל, אין איר גאַנצן, איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אמתער פרייהייט, אַז די אַלע באַוועגונגען, וואָס מיר זעען, זענען טאַקע נישט מער, ווי אַן אינערך-צושטאַנד, אַ פאָרזעצונג פון אַן ערשטן שטויס מצד אַ פרעמדער פאַרהוילענער האַנט, אַז די גאַנצע געזעצמע-סיקייט אין די באַציונגען צווישן איינצלנע פאַקטן און קאָמפּ-לעקסן פון פאַקטן אין קאָסמאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ פאָ-רויסבאַשטימטקייט מצד אַ פרעמדער קראַפט, און דעריבער טאַקע, וואָס דאָ ווירקט אַ פרעמדע קראַפט, איז שוין אין זיי, אין די פאַקטן גופא, נישט פאַראַן קיין אייגענער, קיין זעלבסט-שטענדיקער זין, נישט פאַראַן דאָס, וואָס מיר רופן „פרייהייט".

וואָרום ווי מען זאָל נישט גורס זיין און וואַריאירן די כלערליי קאָמענטאַרן צו קאַוזאַליטעט אין דער נאַטור, אין דער אָביעקטיווער גרויסער וועלט בכלל, בלייבט דאָך שטענדיק אַ געוויסע מוז-שייכות צווישן איינצעלנע פאַקטן, אַ געקייטלטקייט — און קאָן דען אַ רינגעלע פון אַ קייט, אַ רינגעלע, וואָס מוז אין דער גאַנצער קייט זיין אַריינגעהאָפטן, זאָגן: „איך בין פריי?"

די „פרייהייט" איז אין אַזאַ פאַל אין גרויסן, אין קאָסמישן פאַרנעם נאָר אַ אילוזאָרישע, נאָר די פרייהייט פון יענער לע-גענדאַרער באַשעפעניש (אין בוקי בן יגלי"ס אַ שילדערונג), וואָס איז מיטן נאָפּל באַהעפט צו דער ערד און קאָן זיך באַ-וועגן נאָר אין אַ געוויסן שטח אַרום דעם באַהעפטונגס-פונקט. טראַכט זיך אַזאַ באַשעפעניש: איך בין פריי זיך צו באַוועגן

ווּהין און ווי ווייט איך וויל, ביז צו די עקן וועלט, והראיה: איך באַוועג זיך דאָך פריי אין אָטאָ דעם שטח.

אַפילו אַ פויגל אין אַ ריזיק־גרויסן נעסט, אין אַ נעסט די גרויס פון אַ וואַלד, קאָן ווערן פאַרגלויבט, אַז זי איז פריי אַבסאָלוט, אַז קיין נעסט־ווענטלעך פאַרשטעלן גאָרנישט איר פלי־מעגלעכקייט. און ווער רעדט נאָך, אַז די געוווינהייט גופא אַרומצופליען נאָר אין אַ באַשטימטן שטח שאַפט שוין ממילא די אָנערקענונג פאַר דעמדאָזיקן שטח ווי פאַר אַ אומבאַגרענעצטקייט, ווי פאַר אַן „אין־סוף״.

אין אַזאַ אופן, ווען צופאַל זאָל הערשן אין קאָסמישן פאַרנעם — און דאָס איז דאָך כּלל נישט אויסגעשלאָסן — איז די מענטשלעכע פּסיכיק דאָך געוויס באַרויבט פון אַבסאָלוטער פרייהייט, ווייל אַ טייל פון אַ באַגרענעצטן גאַנצן מוז דאָך ממילא זיין באַגרענעצטער ווי דאָס גאַנצע אַליין. אין אַזאַ פאַל וואָלט די מענטשלעכע פּסיכיק געווען צוויי מאָל אין גלות׳ זי וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ גלות בתוך גלות: גלות־צופאַל אין דער גרויסער מאַקראָקאָסמאָס־דירה און גלות־צופאַל אין לעבן פון קליינעם מיקראָקאָסמאָס־שכן.

אָבער מיר מוזן גאָרנישט אָנקומען צו אַזעלכע ווייטע חקירות. ווי מען זאָל נישט גורס זיין די מאַקראָקאָסמישע פריי־הייט, ווען אַפילו פּאָזיטיוו, איז די מיקראָקאָסמישע, די מענטש־לעכע „פרייהייט״, געוויס אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע מיטן באַוווּסטזיניקן אָדער אומבאַוווּסטזיניקן צוועק צו פאַרדעקן, צו פאַרלייקנען דעם העכסט־פיינלעכסטן פאַקט פון דער אויבער־הערשאַפט מצד צופאַל.

דער אידעאַל, אָט דער אַקטיוווסטער אויסדרוק פון דער מענטשלעכער „פרייהייט״, איז באמת גראָד אַ רעזולטאַט פון צופאַל.

צופאַל — איז זיין פּאָטער־מוטער: זיי האָבן אים אויף דער וועלט געבראַכט, צופאַל איז די קראַפט, וואָס באַווירקט זיין ווייטערע געשטאַלטונג, זיין פאַרזעצונג, זיין עקזיסטענץ, צופאַל איז אויך דער קברן, וואָס נעמט אים אַוועק פון דער וועלט פּונקט אַזוי, ווי ער, דער אייגענער צופאַל׳ האָט אים פריער אויף דער וועלט געבראַכט.

אידעאַל אַלס אויסדרוק פון אַ פסיכישער איינשטעלונג אין דעם מענטש, נאָך פּרעציזער: פון אַן עמאָציאָנעל־פּסיכישער איינשטעלונג (ווי מיר האָבן געזען: פון אַן אַסטעטישער עמאָציע), מעג ער זיין אַן אינדיווידועלער אָדער אַ קאָלעקטיווער, פאַר־ראַט און אַנטפּלעקט זיין פאַרקנעכטונג צום צופאַל, צווישן אַנדערן, דורך פאָלגנדיקע סימנים:

א) אָפּהענגיקייט פון אַנדערע, נישט־פּסיכישע סיבות און

ב) נישט דויערהאַפטיקייט.

מיר ווילן נעמען דאָס ערשטע. עס קאָן גערעדט ווערן וועגן אַ געוויסער אידעאַליזם־פאַראַנלאַגטקייט ביי מענטשן, ביי פּרטים, ווי ביי אַ כּלל. איין מענטש, למשל, דערשיינט פאַר אונז מיט אַן עמאָציאָנעלן איבערגעוויכט (איז מער עלול צום אילוזאָרישן, צום פאַנטאַסטישן) איבער די איבעריקע, דער־דאָזיקער מענטש איז „אַ פריאָרי" דער אידעאַל־טרעגער (ווי אַ ס פאַר אַן אידעאַל — איז דאָ גאַנץ גלייך). דאָס אייגענע איז פאַראַן אַ גרופּע, אַ פאָלק, וואָס איז אידעאַל־פעיקער פון אַנדע־רע. ס'וואָלט אַפילו געקאָנט אויפגעשטעלט ווערן אַזאַ אייגנאַר־טיקע מאַפּע פון אידעאַל־מער־פעיקע און ווייניקער־פעיקע פעלקער אויף דער ערד: פראַנצויזן, לאָמיר זאָגן, זענען אידעאַל־פעיקער פון ענגלענדער, רוסן — אידעאַל־פעיקער פון אַמעריקאַניש־יענקישן פאָלק א. א. וו.

דאָס וואָלט שוין אַריינגעפירט אין די געשלענגלטע און נאָך נישט אויסגעפאָרשטע שטעגעלעך פון פינסטער־געדיכטן ראַסן־פּראָבלעם־וואַלד. אַזאַ פאַראַנלאַגטקייט אויפן געביט פון אידעאַל־פעיקייט איז אָבער זיכער פאַראַן. און פאַראַנלאַגטקייט שטאַמט פון ירושה, פון די, וועלכע האָבן דעם געגעבענעם איינצל־מענטש אָדער דעם געגעבענעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו אויף דער וועלט געבראַכט. ס'פירט דאָ, אַלזאָ, אַ גלייכער יוֹצג פון עלטערנס שלאָפצימער צום קינדס אידעאַל־פעיקייט. וואָס זשע אָבער איז דאָס קינד שולדיק, ווען עס איז באַלאַסטעט מיט עלטערנס ירושה? צי קאָן מען אין דער־דאָזיקער פּאַרטיקער ירושה, וואָס עס טראָגט אין זיך, צי ער וויל עס יאָ צי נישט, זען אַן אויסדרוק פון קינדס „פרייהייט", פון קינדס זעלבסטבאַשטימונג און אויסוואַלמעגלעכ־

קייט, אָדער מען מוז אין דעם זען אַן אויסדרוק פון אויפ־צווינגנדיקן צופאַל?

אָבער אויב אין דעם קאָן מען זען בלויז די צופעליקייט פון דער אידעאַל־פעיקייט, קאָן מען אין אַנדערע פאַלן באַשיינ־פערלעך זען די צופעליקייט שוין פון אידעאַל גופא, פון דעם קאָנקרעטן אויסדרוק פון דער אַלגעמיינער פעיקייט. די אַרומיקע באַדינגונגען פון לעבן, וועלכע קאָנען שטאַרקן דעם אידעאַל און קאָנען אים אויך אָפּשוואַכן, די וואָס פורעמען אַפילו אויס דעם קאָנקרעטן אידעאַל און גיבן אים צו זייער שטעמפּל, אָט די־דאָזיקע באַדינגונגען — צי זענען זיי נישט קיין צופאַל?

אין שוין דערמאָנטן פאַקט, פון וועלכן מיר קאָנען פיל לערנען: אין דעם, וואָס גראָד אַ פּראָלעטאַריער, וועלכער לעבט אין באַדינגונגען פון „גאַרנישט האָבן" ווערט דער טרעגער און קעמפער פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, פון יענעם אידעאַל, וועל־כער זאָגט אים צו „די גאַנצע וועלט צו געווינען" (לויט מאַרקס שלאָג־אויסדרוק), הערן מיר דען נישט דאָס אָפּשפּאָטנדיקע קול פון איבער אונז הערשנדיקן צופאַל? ווי וואָלט געווען, ווען אָט דער פּראָלעטאַריער וואָלט אין אַנדערע באַדינגונגען געלעבט, ווען אַ געוויסן פּראָלעטאַריער געלינגט אַמאָל — ווידער אַדאַנק אַ צופאַל — זיך דורכצורייסן אין קעגנערישן לאַגער — וואָלט דען געהאַט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל דאַן אויף אים אַ ווירקונג?

און ווען די יידישע אומה וואָלט נישט געווען אין אירע באַדינגונגען, ווען דער אייגענער צופאַל, וואָס האָט דאָס יידישע פאָלק אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון היסטאָרישן מעדאַל „יודעאַ קאַפּטיי" און דאָס רוימישע פאָלק אויף דער אַנדער זייט פון אייגענעם מעדאַל: „רוימער־זיגער", וואָלט דעם סדר פאַר־ביטן, צי וואָלט זיך דאַן ממילא נישט געענדערט אויך דער כאַראַקטער פון די אידעאַלן פון ביידע פעלקער, צי וואָלט דאָס רוימישע פאָלק דאַן נישט איבערגענומען די קאָנטראַסטאַט־לעכע, די משיחיסטישע מיסיע און דאָס יידישע פאָלק די פאַר־שטאַטלעכע מיסיע אין דער וועלט?

דער צופאַל פון באַדינגונגען קאָן דאָך, אַזוי צו זאָגן, ממש באַשטעלן, און נישט בלויז אַלגעמיינע אידעאַל־פעיקייט, ביי וועמען ער וויל עס, נאָר אַפילו קאָנקרעטן אידעאַל!

און די אָפּהענגיקייט פון אידעאַל פון באַדינגלעכקייט ווערט אַריבערגעטראָגן פון דער אויסערלעכער ספערע (פעריפערי־שע באַדינגונגען) אין דער אינערלעכער.

ביים פרט איז זיין אידעאַל, זיין קאָנקרעטער אידעאַל אַפילו, דורכויס אָפּהענגיק אַפילו פון אייגענער פיזיאָלאָגישער באַדינגלעכקייט.

ביים כלל איז זיין אידעאַל אָפּהענגיק פון דעם, וואָס אַנטשפּרעכט דער אינדיווידועלער פיזיאָלאָגיע: פון אינפעקציע, פון מאַסן־אינפעקציע. פון פיזיאָלאָגיע צו פסיכאָלאָגיע, פון מאָגן צום הארץ – ווי אומעסטעטיש און ווי אומאָנגענעם פאַר אונזער מענטשלעכער בחיר־היצורימדיקייט עס זאָל נישט קלינגען – דאָס איז דאָך דער איינציקער גראָדער וועג אין מענטשלעכן לעבן בכלל און לגבי דער געשטאַלטונג פון אידעאַל־פעיקייט און אי־דעאַל־קאָנקרעט בפרט.

קודם כל – דער עלטער פון מענטשן, אַזוי צו זאָגן: די מעטריקע אַלס סימן פון מענטשלעכער אידעאַל־פעיקייט. דער יונגער, דער געזונטער – איז פעיק צו א י י ן מין אידעאַל (אידעאַלן ברויזיקע, פון אילוזאָרישן „אויבן זיין") און דער אַלטער, שוואַכער – צו אַן אַנדער מין אידעאַלן (אידעאַלן רויקע, באַרויקנדע, פון שלום־מאַכן מיט דעם „אונטן זיין", פון באַזינגען דעם עצם „אונטן זיין".) נאָרמאַל איז דאָך דווקא, אַז קהלת־אידעאַל זאָל געשאַפן ווערן אין דער עלטער, אויפן ראַנד פון קבר, און שיר־השירים־אידעאַל דווקא אין דער יוגנט, אויפן ראַנד פון לעבן. ווען אַן אַלטער זאָגט ברויזיקע שירה, איז ער פונקט אַזוי פּאַטאַלאָגיש, אומנאָרמאַל, ווי ווען אַ יונגער מאַכט פילאָזאָפיש־קאַלטע, אָפּגעקילטע אַפּאָריזמען. און דאַן בכלל – דער קערפּערלעכער צושטאַנד פון אידעאַל־באַזיצער אין זיין ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון אידעאַל. דערמאָנט זיך די באמת שוידערלעכע באַשרייבונג פון לעאָניד אַנדרייעוו, יענעם קליינעם „רעאַלן" פאַקט, וועלכער שטעלט אונז מיט אונזערע אידעאַלן אַרויס אין דער גאַנצער אָדם־נאַקעטקייט, נישטיקייט און מינדערוועדיקייט: אַ פאַראורטיילטער צום טויט פאַר אַ גרויסער, „דערהאַבענער" אידעע, בעט מען זאָל צו אים אין זיין לעצטער שעה פאַרן שטאַרבן אַריינלאָזן זיין געליבטע. צוויי

שטאַרקע ליבעס טראָגט דערדאָזיקער העלד אין זיין ברויזיקן האַרץ, אַ פּרט-ליבע און אַ כּלל-ליבע: צו זיין געליבטער און צום אָרימען פאָלק. און זיין ליבע, באַזונדערס די צווייטע, איז אַזוי שטאַרק, אַזוי ריזיק, אַז ער גיט אַוועק זיין לעבן פאַר איר. וואָס טייערערס פאַרמאָגט דען אַ מענטש ווי זיין לעבן? וויל ער, אָט דער מערקווירדיקער אידעאַליסט, זיינע לעצטע מינוטן אָפּגעבן זיין געליבטער, זיך שיידן פון דעם אָביעקט פון זיין שטאַרקן פּרט-אידעאַל. און מיר זענען שוין פון לכתּחילה גרייט אויף רירנדיקער וואַרעמקייט, אויף אַ טראַגישן איבערמענטשלעכן מאָמענט. טרעפט אָבער איין קלייניקייט און דאָס טראַגיש-איבערמענטשלעכע ווערט צעשאָטן אין קלעגלעכע שערבלעך פון קאָמישער חיהשקייט: דעם גרויסן אידעאַליסט הויבן אָן אין דערהאַבנסטן מאָמענט, אין דער אָנוועזנהייט פון זיין געליבטער, וויי צו טאָן זיינע ציינער, און ער, דער גרויסער אידעאַליסט, פאַרגעסט תּיכּף אין אַלץ, רייסט איבער זיין שיידונג מיט זיין געליבטער און וואַרפט זיך מיט חיהשן ברומען אַרום:

איין בקשה האָט ער — מען זאָל אים זיין ציין-ווייטאָק באַרויקן!

אָבער, ליבער, גרויסער אידעאַליסט! צו וואָס טויגן דיר די ציין, אַז אָט באַלד, אין אַ שעה אַרום, וועט מען דיר דיין קאָפּ צוזאַמען מיט די ציין אַרונטערנעמען? וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס ציין-ווייטיק לגבי דעם וויי פון אַוועקגיין פון לעבן, פון אַוועקגיין פון דער געליבטער?

טענהט נישט מיט אים אין דעם מאָמענט, ער וועט אייך נישט הערן, ער וועט אייך נישט פאַרשטיין: ציין-ווייטיק איז פאַר אים אין געגעבענעם מאָמענט שטאַרקער פון אַלץ, פון אַלע זיינע אידעאַלן!

איז עס נישט קיין אכזריותדיקע אָפּשפּאָטונג מצד דעם אַשמדאי-צופאַל פון דער מינדערווערטיקייט איבער אונזערע מענטשלעכע אידעאַלן?

דאָס וואָס ציין-ווייטיק איז אַלס אויסלאָדונג פון אידעאַל ביים איינצלנעם, איז אינפעקציע ביים אָנלאָדן מיט אידעאַל דעם קאָלעקטיוו.

די וויסנשאַפט דערוויזט עס גאַנץ גענוי. אָבער מיר

דאַרפֿן כּלל נישט אָנקומען צו די וויסנשאַפֿטלעכע געניויִקייטן, מיר ווייסן עס בדרך-כּלל אַליין גאַנץ גוט — וואָס פֿאַר אַ ראָל עס שפּילט די מאַסן-אינפֿעקציע פֿון אידעאַל.

יעדע פּסיכישע דערשיינונג בכלל, ווי יעדע פֿיזישע פֿאַר-מאָגט מיקראָבן אַזעלכע, וועלכע שטעקן אָן און פֿאַרכאַפּן די אַרומיקע, און דער אידעאַל, אַלס די אַקטיווסטע אַנטפּלעקונג פֿון פּסיכישן, פֿאַרמאָגט אַזאַ אינפֿעקציע-קראַפֿט אין דער גרע-סטער מאָס. די מאַסע איז להוט נאָך שטאַרקע עמפּינדונגען, זי טראָגט אין זיך אַ שטענדיקע גרייטקייט צו פֿאַרפֿלאַמט ווערן פֿון יענעמס אידעאַליסטישן קאַלך-אויוון. וויפֿיל מאָל דינט דער איינצלנער אַלס אויפֿפֿלאַקערונגס-מיטל פֿאַר דער מאַסע בשעת אַ רעוואָלוציע?

אויספֿירלעכער וועגן אָט דערדאָזיקער מאַסן-אינפֿעקציע פֿון אידעאַל וועלן מיר נאָך רעדן ווייטער, אָבער שוין דאָ דאַרף געזאָגט ווערן:

דערדאָזיקער צופֿעליקער מאָמענט פֿון אינפֿעקציע שטעלט דאָך דעם אידעאַל אין פֿרט פֿון זיין אַבסאָלוטקייט, פֿון זיין זעלבסטשטענדיקייט, אין גרויסן — גרויסן ספק.

אויב מען קאָן אַ מאַסע — זאָל אמת זיין, אויף אַ קורצע צייט — ווילקירלעך אָנפּאָמפּען מיט אידעאַליסטישן ברען, איז ווּ איז די באַרעכטיקונג פֿאַר די לאָרבער-קרענץ פֿון אומ-ווילקירלעכן, אַבסאָלוטן אידעאַל?

און דער גרעסטער קלאַפּ דער נישט אַבסאָלוטקייט פֿון אידעאַל איז זיין נ י ש ט - ד ו י ע ר ה אַ פֿ ט י ק י י ט.

צי האָבן מיר דען באמת אייביקע אידעאַלן? — ניין. אַלע מענטשלעכע אידעאַלן זענען דאָך געגליכן צום נעכטיקן שמע-טערלינג און צום נעבעכדיקן מעטעאָר:

היינט געלעבט און מאָרגן — געשטאָרבן.

אַ רגע געבלענדט מיט זיין שניידנדיקן ליכט און — פֿאַרשוווּנדן.

די אידעאַלן, וואָס מיר האָבן ערשט נעכטן פֿאַרהערלעכט, וועקן היינט אַ טעמע פֿאַר פֿאַראַכטונג. ערשט נעכטן האָבן מיר אויפֿגעשטעלט מזבחות צו בענטשן און היינט אויף די אייגענע מזבחות שעלטן מיר.

שוין נישט רעדנדיק וועגן דורות, וועגן תקופות — די אידעאַלן פון פריערדיקע דורות ווערן דאָך אַזוי זעלטן פון אונז אונטערגעכאַפּט. פון זעלבסטדערהאַלטונג געטריבן האַלטן מיר עס אַפילו פאַר אַ גוטן סימן: ווי קאָנען מיר זיך „דער־נידעריקן" צו נעכטיקע אידעאַלן, אַז היינט שטייען מיר שוין נישט אין פאַרגלייך העכער ווי נעכטן?

אָט מיט דערדאָזיקער באַרעכטיקונג אונזערער שטרייכן מיר אַליין אונטער די נישט אַבסאָלוטקייט, די באַדינגלעכקייט פון אידעאַל. אויב אַן אידעאַל איז אָפּהענגיק פון דור, פון דער תקופה, פון העכערן אָדער נידעריקן ניווא, אויב יעדער דור האָט זיך זיין אידעאַל און „נח בדורו כיפתח בדורו" — איז עס דאָך אַ באַווייז פאַר דער אָרגאַנישער צופעליקייט פון אידעאַל, איז עס דאָך אַ דעגראַדאַציע פאַר דעם אידעאַלס אַלמאַכט און אַב־סאָלוטן ווערט.

אַפילו די אַמאָליקע גרעסטע אידעאַלן — ווער געדענקט זיי, ווער האָט זיי אין זינען?

אונזער לעבן, אונזער געשיכטע איז דאָך אַ גרויסער בית־הקברות, וווּ יעדער בערגל — אַ קבר אויף אַן אידעאַל, און אַפילו נישט ביי יעדער בערגל שטייט אַ מצבה מיט דעם פון כבוד־וועגן אָפּגעהיטן „פה נקבר".

ווער פון אונז געדענקט די גרעסטע אידעאַל־טרעגער פון דער מענטשהייט? ווער פון אונז דערמאָנט זיך אַליין, אָן דעם מ'זאָל אים פון אויסן דערמאָנען, מיט דעם האַמער־קלאַפּ פון די, וואָס רופן צו סליחות פאַרשלאָפענע, וועגן די אידעאַלן פון די גרע־סטע מענטשלעכע גאונים פון אַמאָל?

נאָר בשעת ס'קומט אַ יאָרצייט, און דאַן אויך גיבן נאָר איינציקע געציילטע, אָפּ „כבוד דעם אָנדענק" פון די גרויסע אידעאַליסטן און — דער חוב איז דערפילט.

אָבער נישט נאָר לגבי כּראָנאָלאָגיש־ווייטערע אידעאַלן גילט די נישטדויערהאַפטיקייט. עס גילט אויך לגבי נאָענטע, ערשט נעכטן אייגענע אידעאַלן. פאַרוואָס זענען פאַראַן אַזוי פיל „חוזרי בתשובה" צווישן אידעאַליסטן, פאַרוואָס איז מעגלעך, אַז אין ברונעם פון אייגענעם נעכטיקן אידעאַל, אין ברונעם, פון וועלכן מען האָט ערשט נעכטן אַליין געטרונקען און אַנדערע

טרינקען געמאַכט, זאָל מען היינט שפייען אָן איבער־בלייב פון אַפּשיי?

אויב אויך ביי די טרעגער גופא פון אַ באַשטימטן אידעאַל איז אַזוי אָפּט דער מנהג צו געבן היינט אַ גט יענעם אידעאַל, מיט וועלכן ערשט נעכטן האָט מען זיך פאַרקנסט, איז דאָך עס אַ בולטער און איבערצייגנדיקער פאַרראַט פון דער אַבסאָלוטקייט, פון דער זעלבסשטענדיקייט, וואָס איבעאַל זאָל האָבן פאַרמאָגט.

צי דאַרף מען האָבן ביישפּילן? דאָס אָפּזאָגן זיך אַליין פון אייגענעם פריערדיקן אידעאַל איז דאָך אין אונזער צייט, ווי אין אַלע צייטן, „מעשים בכל יום”. טאָלסטאָי — זאָגט עדות באַזשיווין — האָט זיך צו דער עלטער אָפּגעזאָגט פון זיין „אַננאַ קאַרענינאַ”. „איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי האָב איך עס גאָר געקאָנט אַזוינס אַמאָל אָנשרייבן! — פלעגט טאָלסטאָי אָפּט קלאַפּן זיך „על חטא”.

סעלמאַ לאַגערלעף ענטפערט[1]) אויפריכטיק אויף דער פראַגע:

„צי זי וואָלט זיך, די 63 יאָריקע, געוואָלט באַגעגענען איצט מיט זיך אַליין, אַלס 20 יאָריקע? „ניין. כ׳שעם זיך איצט מיט דעם, וואָס ביי 20 יאָר האָב איך זיך מיט דעם געגרויסט!”

פאַרוואָס איז אין אַלע דורות פאַראַן אַזאַ העפטיקער קאַמף צווישן „עלטערן און קינדער” אַפילו דאַן, ווען די קינדער טוען דאָס אייגענע, וואָס זייערע עלטערן אַמאָל, אין זייער יוגנט? עלטערן פאַרלאָזן זייערע יוגנט-אידעאַלן, יוגנט וועט שפּעטער, ביים עלטער ווערן, פאַרלאָזן אירע פריערדיקע אידעאַלן.

אַזוי איז עס שוין דער אויסגעטראָטענער וועג:

אידעאַל איז נישט דויערהאַפט. אידעאַל, וועלכן מען רעכנט, בשעת מען איז מיט אים באַגייסטערט, פאַר אַ „נר תמיד”, פאַרלירט שפּעטער, נאָכדעם ווי מען אַנטוישט זיך אין אים, זיין „תמיד” און פאַרבלייבט בלויז אַ ליכטל, אַ צאַנקנדיק חלבן ליכטל, וואָס מער עס לייכט, טריפט עס, מער ווי אַכטונג, רופט עס צו זיך אַרויס פאַראַכטונג און ביטול.

לכתחילה האַלטן מיר דעם אידעאַל פאַר דאָס העכסטע

---

1) אַנקעטע איינגעאָרדנט פון אַ שוועדישן זשורנאַל: „Sondagnissl Strix“

פון אַלע הויכן, שפּעטער אָבער ווערט ער פאַרשליידערט ווי „דאָס נידעריקסטע אין אַלעם נידער".

קיין גוטער סימן פאַר דער אַבסאָלוטקייט פון דעם אידעאַל איז עס זיכער נישט!

צוויי זענען זיי עס אַלזאָ די הויפּט-עדות פון דעם, אַז אידעאַל און אידעאַליסט ביידע זענען איינגעפּרעסט אין די ביינערדיקע אָרעמס פון צופאַל און קאָנען מחוץ אים זיך קנאַפּ־ וואָס פריי און זעלבסטשטענדיק באַוועגן:

די אָפּהענגיקייט פון אידעאַל פון פאַרשידענע נישט פסי־ כישע, אינערלעכע און אויסערלעכע, באַדינגונגען און זיין נישט־ דויערהאַפטיקייט און די צופעליקייט פון אידעאַליסט, דאָס וואָס ער פאַרמאָגט נישט קיין זעלבסטבאַשטימונג, קיין אייגענע פרייע אויסוואַל-מעגלעכקייט, וואָס נישט ער ווערט אַן אידעאַליסט, נאָר איז אַן אידעאַליסט, „איז" — געצווונגערנערהייט.

אַלס בעסטע אילוסטראַציע צום צווייטן קאָן אונז דינען די פּערזענלעכקייט פון גאון.

„אידעאַליזם" און „גאונות" זענען דאָך זייער שכנותדיקע באַגריפן. ביידע, דער אידעאַליסט און דער גאון, שטעלן זיך דאָך אונז פאָר בעיקר אין איין ריכטונג — ווער אין אַ גרעסע־ רער און ווער אין אַ קלענערער מאָס, די מאָס שפּילט דאָך אָבער דערביי נישט קיין וועזנטלעכע ראָל: אין דער ריכטונג פון הויבן-זיך, פון שטייגן איבער דעם מענטשלעכן דורכשניט. ביידנס פסיכיק איז באַצייכנט מיט איין אַלגעמיינעם סימן — מיט דעם רייסן זיך צום „אויבן", מיט רעאַליזירן אין אַקטיווער פאָרם די אומצופרידנקייט מיט דעם „אונטן" פון איינגעשטעלטע לעבנס-פאָרמען און לעבנס-אינהאַלטן.

יעדער גאון איז אַן אידעאַליסט, אַן אידעאַליסט אין פאַר־ מערסטן און העכסטן גראַד, יעדער אידעאַליסט דאַקעגן טראָגט זיך שוין עפּעס פון גאונות, ווען אַפילו אין מיקראָסקאָפּיש־ קליינעם גראַד.

איז טאַקע אינטערעסאַנט כאָטש קורץ צו באַטראַכטן די פראַגע פון גאון — ווי אַזוי ער קומט אויף דער וועלט און וואָס ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין התגלות.

ס'זענען נאָך אמת זייער פאַרטונקלט פאַר דעם מענטשלעכן

אויג די איינצלנע שטעגעלעך-וועגעלעך פון דער מענטשלעכער פסיכיק בכלל און פון גאונס פסיכיק בפרט. אַסך פון פסיכאָ-לאָגישע עקסקורסיעס זענען נאָר „א פ ש ר" עקסקורסיעס, און אַ סך פון פסיכאָלאָגישע באַהויפּטונגען זענען דאָך דיקטירט פון ה ש ע ר ו ת. איין פאַקט איז אָבער לגבי דעם גאון און זיין פסיכיק א ו י ס ע ר י ע ד ן ס פ ק: ער איז אַ גאון נישט ווייל ער ו ו ע ר ט, נאָר ווייל ער א י ז. דער זאַץ זאָל ריכטיק פאַר-שטאַנען ווערן: מיר שטויסן זיך טאַקע אָן אַמאָל אויף פאַלן, ווען דער גאון ו ו ע ר ט, ווען אַלס גאון אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז איינער אַזאַ, וועגן וועמענס גאונות מיר האָבן פריער קיין אַנונג נישט געהאַט. דאָס איז אָבער נישט קיין סתירה צום גע-זאָגטן. ווייל אויב דער גאון ו ו ע ר ט פלוצלינג, אומדערוואַר-טעט, איז דאָסדאָזיקע ו ו ע ר ן גופא נישט קיין רעזולטאַט פון גאונס אייגענעם אינערלעכן מהות, נאָר ווידער אַמאָל בלויז פון אויסערלעכער באַדינגונג. ווען ער ו ו ע ר ט אַפילו, הייסט עס באמת: נישט ער ווערט ב ע צ ם, אָן און פאַר זיך, נאָר ו ו ע ר ט פ אַ ר א ו נ ז. אַנדערש גערעדט: דער וואָס „ווערט" אַ גאון, ווערט בלויז נ ת ג ל ה אין זיין גאונות, אין אים און פאַר זיך איז ער אָבער געווען אַ גאון אויך פריער, פאַר זיין נתגלה-ווערן.

מ'דאַרף דעריבער רעדן וועגן גאונס ז י י ן און נישט וועגן גאונס ו ו ע ר ן. „זיין" איז אויפהאַלטן פון אַ פ אַ ר ט י ק ל, פון עמיץ — און פון ערגעץ — אַ באַקומענעם אינהאַלט, ביי וועלכן די זעלבסטבאַשטימונג פון אינהאַלטס-באַזיצער, זיין איי-גענער וואָלאָנטאַרישער מאָמענט שפּילט קיין ראָל נישט. „ווערן", פאַרקערט, איז שאַפן אַ לכתחילהדיקן און אַן אייגענעם אינ-האַלט, מיט און דורך זעלבסטבאַשטימונג און אָנווענדונג פון וואָלאָנטאַרישן מאָמענט מצד דעם אינהאַלטס-באַזיצער.

„ז י י ן" איז אַ לאָמבאַרד אויף אויפצוהיטן פרעמדע צי-רונג, „זיין" אין אַביסל אַ שוואַכערער פאָרמולירונג — איז דאָס באַקומען פון צירונג אַלס ג ע ש ע נ ק. „ווערן" איז אַ פ אַ ב ר י ק פון צירונג, ווו די צירונג ווערט פּראָדוצירט.

און רעדט מען וועגן גאון, מוז מען אָנערקענען:
זיין גאונות איז ביי אים אַ ג ע ש ע נ ק, אַ געשענק פון

צופאַל, און נישט זיין אייגענע אור־פּראָדוקציע, נישט דאָס, וואָס איז דורך אים אַליין, דורך זיין אייגענעם ווילן און זעלבסט־באַשטימונג פּראָדוצירט.

וואָרום וואָלט זיך די גאונות געווענדט פון ווילן, פון זעלבסטבאַשטימונג, וואָלטן דאָך אַ ל ע געוואָלט און אַ ל ע וואָלטן זיך זעלבסטבאַשטימט אין גאונות. ווער פון די מענטשן וואָלט עס מיטן אייגענעם רצון געווען גרייט צו פאַרבלייבן אין שאָטן פון דורכשניט דאַן, ווען ס'איז מעגלעך צו דערגרייכן דעם לאָקערנדיקן איבערדורכשניט?

אלא וואָס דען: אַ גאון קאָ ן מע ן נישט ווערן. כדי צו „ווערן" אַ גאון, מוז מען אַ גאון פון פריער, פון לכתחילה ז יי ן.

ווירקט דאָ, הייסט עס, דערזעלביקער „מוז", וואָס אין לעבן איבערהויפט, דער „מוז", וואָס וואַרפט טויזנטער אין תהום און הויבט געציילטע אין די הימלען אַריין.

פון דעמדאָזיקן „מוז"– ער איז אידענטיש מיט „צופאַל"– ליידט נישט נאָר דער דורכשניטס־מענטש אַליין, וועלכער וואָלט געוואָלט ז יי ן אַ גאון און קאָן נישט, נאָר אויך דער גאון גופא, וועלכער קאָ ן נ י ש ט ז יי ן ק יי ן ג א ו ן.

דער גאון איז אַ קנעכט פון זיין גאונות!

און ס'וועט אפשר קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, אָבער ס'איז פּאָרט אַזוי: נ י ש ט ו וי נ י ק ע ר קרבן פון צופאַל איז דער גאון, וואָס א י ז אַ גאון און קאָן נישט ווערן א ו י ס גאון, ווי עס זענען קרבנות פון צופאַל אָט די אַלע מילי־מיליאַסן דורכשניטס־מענטשן, וועלכע מוזן זיין נישט־גאונים, הגם זיי ווילן אַלע שטאַרק זיין יאָ גאונים. קלאָר איז, אַז צווישן די אַלע קאָמפּאָנענטן, וועלכע בילדן גאונות אין דעם גאון – ווען מיר וועלן שוין אַמאָל זיין אַפילו ביכולת אָט די קאָמפּאָנענטן פעסט־צושטעלן מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט – וועט דעם גאונס אייגענער, פרייער ו וי ל ן נ י ש ט פ י ג ו ר י ר ן.

פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון היינט צו טאָג נאָך נישט קלאָר פעסטגעשטעלטע צופעליקייטן, וועלכע ברענגען אונז דעם גאון, קאָנען מיר נעמען צוויי:

דעם גאונס אַנטשטיין אין זיך, דעם גאונס געבורט.

און דעם גאונס „אַנטשטיין" פאַר אונז, דעם גאונס התגלות.

ווי מען זאָל נישט וועלן באַגרענעצן די ווירקונג, וואָס ירושה האָט אויף דער פסיכיק פון מענטשן, וועט מען מוזן צוגעבן, אַז די גאונות פון גאון איז ענג פאַרבונדן מיט ירושה. ס'הייסט נישט: דער גאון באַקומט זיין גאונות דירעקט בירושה פון זיין עלטערנס גאונות — אין אַזאַ פאַראייגפאַכטן זין איז עס פאַלש, און אַזוי דאַרף מען בכלל ירושה נישט פאַרשטיין — עס האָבן דאָך גאַנץ-דורכשניטלעכע עלטערן אַ מאָל אַ קינד אַ גאון.

מען דאַרף ירושה בכלל און ירושה לגבי דעם גאון בפרט נישט פאַרשטיין אַלס איבערפירן מרשות לרשות (פון עלטערנס רשות אין רשות פון קינד) די אייגענע ווערטן און אייגנשאַפטן; אַלס אָפּבּרעקלונג פון גאַנצן, אַלס מעכאַנישע טיילונג, נאָר בפירוש אַלס עלטערנס פאַראורזאַכונג פון קינדס געוויסע פסיכישע ווערטן און אייגנשאַפטן.

מיר קאָנען נישט אָנווייזן: אין וואָס קאָנקרעט דידאָזיקע פאַראורזאַכונג באַשטייט, מיר זענען נישט ביכולת צו צעלייגן די פאַראורזאַכונג אויף אירע יסודות, אונז פעלט פאַרשטענדניש פאַר דער פאַראורזאַכונג אַלס סיבה, מיר קאָנען אָבער יאָ און מוזן אַפילו קאָנסטאַטירן דעם אומספּקדיקן רעזולטאַט פון דער פאַראורזאַכונג.

אין אונזער פאַל: דער גאון האָט זיין פאַראורטיילונג, זיין פאַרטיקע און אויפגעצווונגענע פאַראורטיילונג אויף גאונות, אין ירושה, אין יענער געהיימער, אונז באַקאַנטער קראַפט, וואָס פ אַ ר א ו ר ז אַ כ ט זיין גאונות.

ס'פירט אַ געהיימער קאַנאַל פון קינדס גאונות צו די עלטערן און אור-עלטערן, צו זייער הזדווגות.

וואָלט דעם און דעם גאונס פאָטער זיך נישט מזדווג געווען מיט דעם גאונס מוטער נאָר מיט אַן אַנדערער — וואָלט אפשר קיין גאון נישט געבוירן געוואָרן.

און וואָלט די הזדווגות פאָרגעקומען נישט דאַן און נישט אַזוי ווי זי איז פאָרגעקומען, נאָר אין אַן אַנדערער צייט און ביי אַנדערע אומשטענדן, וואָלט ווידער, אפשר, קיין גאון נישט געקומען אויף דער וועלט.

די און אַנדערע וואָרשיינלעכקייטן פון דעם מין קאָנען און מעגן באַצווייפלט ווערן. ווער אָבער קאָן זיי אָפּלייקענען מיט זיכערקייט, עס זאָל פון זיי קיין שפּור נישט בלייבן?

דאָס וואָס מיר קאָנען נישט גענוי אָנרופן די קאָנקרעטע פאַקטאָרן פון ירושה-באַווירקונג, הייסט דאָך נישט, אַז זיי זענען נישט פאַראַן. אָט, למשל, די פראַגע פון געשלעכט ביי געבוירענע. מיר ווייסן נאָך נישט, וויאַזוי און פאַרוואָס איין קינד ווערט פון די עלטערן פּראָדוצירט אַלס זכר און דאָס צווייטע קינד אַלס נקבה. צי וועלן מיר אָבער דורכדעם, וואָס מיר ווייסן נישט די גענויקייטן פון דער סיבה, פאַרלייקענען דעם עצם פון עלטערנס שייכות צו אָט דערדאָזיקער סיבה?

יאָ, ווען עלטערן אַליין וואָלטן געוווּסט, פאַרוואָס און ווי אַזוי דאָס איי אין מוטערלייב ווערט באַפרוכפּערט אַלס זכר אָדער נקבה, וואָלט ממילא מעגלעך געווען פריער, נאָך איי-גענעם באַשלוס, באַפרוכפּערן אַזוי און נישט אַנדערש.

און וואָלטן עלטערן געוווּסט גענוי פאַרוואָס און ווי אַזוי ס'ווערט דאָס איי באַפרוכפּערט מיט גאונות, וואָלט שוין לאַנג געווען אַן „עצה-בוך" אַזאַ אַרויסגעגעבן פאַר עלטערן מיטן נאָמען: „ווי אַזוי צו ברענגען גאונים אויף דער וועלט". און דאָס בוך וואָלט געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג, נאָך גרעסער ווי די ביבל, ווייל אַלע, אַלע אָן אויסנאַם, וואָלטן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין לויטער — גאונים. אָבער — צוריק צו דער צופעליקייט פון דעם גאונס אַנטשטיין.

אויב דעם גאונס אַנטשטיין איז — אַזוי אָדער אַנדערש — אָפּהענגיק פון... „אַ טיפּה סרוחה", צי איז דאָ אַ יסוד צו רעדן וועגן גאונס איי גענער גרויסקייט, וועגן גאונס מכלומרשטן פריי-זיין פון צופאַל? —

אמת, מיר פאַרבינדן שטענדיק דעם גאון מיט זיינע עלטערן, ווען מיר שטודירן די אייגנאַרט פון דעם אָדער יענעם גאון, מאַכן מיר עקסקורסיעס אין דער ביאָגראַפיע און פּסיכאָלאָגיע פון גאונס עלטערן. דער גאון אַליין פילט אויך זיין פאַרבונדנקייט מיט די עלטערן. נישט איינער פון זיי זאָגט, ווייזנדיק אויף זיינע עלטערן, מיטן נוסח פון עקיבא בן יוסף, ווען ער האָט אָנגעוויזן זיינע 24 טויזנט תלמידים אויף רחלען: „שלכם

ושלי — שלה" — „דאָס וואָס איך האָב אייך געגעבן, האָב איך ביי איר (ביי זיי, די עלטערן) גענומען".

געטהע, למשל, פאַרדאַנקט זיין מוטער פאַר זיין גאונות.

דער „הייליקער אויגוסטינוס" זאָגט בפירוש, אַז ווען זיין מוטער וואָלט געווען נישט די הייליקע מאַניקאַ, וואָלט ער קיין הייליקער אויגוסטינוס נישט געוואָרן.

דידאַזיקע פאַרבינדונג צווישן גאון און זיינע עלטערן ווערט אָבער פאַרשטענדלעך דווקא אין אַ קלענערן און טפלדיקן שטח: אין זין פון עלטערנס ווירקן אויפן גאון שוין נאָך זיין געבורט, דידאָזיקע פאַרבינדונג דאַרף אָבער אַריבערגעטראָגן ווערן אויף אַ גרעסערן און עיקרדיקן שטח: אויף דער עלטערנס פאַראורזאַכונג פון גאונות ביים גאון נאָך איידער ער איז געבוירן.

נאָך בולטער איז די צווייטע צופעליקייט פון גאונס אַנטשטיין, זיין אַנטשטיין פאַר אונז, זיין התגלות.

וויפיל פאַרטיקע אמתע גאונים גייען פאַרלוירן, פאַרשווינדן אומבאַמערקט פון אונזערע אויגן, באם ס'העלפט נישט צו זייער התגלות אַ צוזאַמענטרעף פון צופעליקע אומשטענדן און באַדינגונגען? און פאַרקערט: וויפיל אַנטפּלעקטע גאונים וואָלטן געגאַנגען פאַרלוירן באם זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדער געפלעכט פון אומגינסטיקע צופעליקייטן?

ביישפּילן צו דעם זענען איבערפול. יעדער אַנטפּלעקטער גאון איז אַ ביישפּיל. און יעדער פון די נישט-אַנטפּלעקטע גאונים איז אַ ביישפּיל.

אַ פ ל ט ו ן איז שיער נישט געוואָרן פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט אויפן מאַרק פון סיראַקוזאַ — און נאָר צוליב דעם צ ו פ אַ ל, וואָס ס'האָט זיך אויף אים קיין בעלן נישט געפונען, וואָס קיינער האָט אים נישט געקויפט — האָבן מיר אפלטונס גאונות באַקומען. ווי וואָלט אָבער געווען, ווען אַ בעלן וואָלט זיך יא געפונען?

ספינאָזאַ איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער גרויסער וועלט ערשט 100 יאָר נאָך זיין טויט, נאָכדעם ווי זיינע ווערק זענען על פי צופאַל פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ס'האָט געהאַלטן דערביי, זיינע ווערק זאָלן פאַרלוירן גיין. ווי וואָלט געווען, ווען ספינאָזאַס ווערק וואָלטן על פי אַנדערן, מער מעגלעכן צופאַל, אַוועק

אויף פאַק-פּאַפּיר — צי וואָלטן מיר איצט געקאָנט באַלויכטן זיין מיט דער גאונות פון גרויסן שטיין-שלייפער? דעם גאונס צופע-ליקייט קומט צום אויסדרוק נישט נאָר ביי דער התגלות זיינער פאַר אונז אַליין, נאָר אויך ביי זיין אַרויסווייזן זיין גאונות גופא.

דעם גאונס אַרבעט איז דערפינדערישע אַרבעט, ווייל ער איז שטענדיק מחדש נייעס, עפּעס אַזעלכעס, נייעס און גרויסעס, וואָס מיר האָבן ביז אים נישט געוווסט און וואָלטן אָן אים ווייטער נישט געוווסט.

ווי אַזוי אָבער ווערן דערפינדונגען געמאַכט? צי זענען דערפינדונגען אָפט, אַממערסטן נישט קיין רעזולטאַט פון צופאַל?

מען קאָן ברענגען טויזנטער ביישפּילן דאָס צו באַווייזן. אַרכימעד, דער געניאַלסטער מאַטעמאַטיקער פון אַלטערטום, האָט זיין פיזיקאַלישן גרונט-געזעץ — גילט פאַר דעם אַ מסורה — אַנטדעקט דורכדעם, וואָס ליגנדיק אַמאָל אין וואַסער פויל ביים באָדן זיך, האָט ער פּלוצלינג דערשפּירט, ווי אַזוי זיינע פיס הויבן זיך פון וואַסער אַרויס.

אַ צופאַל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די אַנטדעקונג פון עלעקטראָ-מאַגנעטיזם. דער דענישער נאַטורפאָרשער ערסטער האָט אַמאָל געהאַלטן אַ עקספּערימענטאַלן פאָרטראַג ביי זיין וואָלט-באַטעריע, האָט איינער פון די צוהערער באַמערקט, אַז אַ נאָדל, וואָס האָט זיך דאָ צופעליק געפונען טאַנצט אַרום אַרום איר שטיך-פונקט. און אָט אָט דאָס צופעליק באַמערקטע [illegible]ערן פון צופעליקן מעטאַל-שפּיץ האָט שפּעטער געמאַכט אַן איבערקערע-ניש אין דער גאַנצער פיזיק.

ווי וואָלט געווען, ווען די דערמאָנטע צופאַלן וואָלטן נישט מיטגעהאָלפן, צי וואָלטן די דערפינדונגען געהאַט אַ פּלאַץ?

פון די געבראַכטע ביישפּילן איז צו שליסן, אַז צופאַל איז דער הויפּט-פאַקטאָר פון אידעאַל און אידעאַליסט אין די דריי וויכטיקסטע ריכטונגען פון זייער מהות: אין זייער אַנט-שטיין אַן און פאַר זיך, אין זייער אַנטשטיין פאַר אונז און אויך אין זייער רעאַליזירונג.

„גאון” — איז די העכסטע, מאַקסימאַלסטע מדרגה פון אידעאַליזם-טרעגער, פון אידעאַליסט, דערפינדונג — די קאָנקרעטע טאַט-פאָרם, רעאַליזאַציע-פאָרם פון אידעאַל. און

אויב לגבי זיי מוז נאָך אין ראַמען פון צופאַל אַלץ באַטראַכט ווערן, ווי איז שוין ביי די אידעאַליסטן פון נידעריקערער, מינימאַלערער גראַדאַציע און ביי דער קלענערער מינימאַלער טאַט-פאָרם פון אידעאַל?

און אויב אַפילו שוין דער גאון איז אַ קינד פון לויטער צופאַל — צי איז באַרעכטיקט און צי האָט אַ יסוד אונזער דאַנקבאַרקייט דעם גאון? פאַרוואָס קומט דעם גאון דאַנקבאַרקייט, ווען ער אַליין איז ביי זיין גאונות נישט שייך, און האָט נישט פאַר אים קיין אייגענע, באמת אייגענע, פאַרדינסטן? מיט וואָס איז אַ דענקמאָל דעם גאון, וואָס איז צוליב אַ יין מין צופאַל יאָ אַנטשטאַנען און יאָ נתגלה געוואָרן פאַר אונז, מער פאַרדינט, ווי אַ דענקמאָל די אַלע אומבאַקאַנטע גאונים, וועלכע זענען, ווידער צוליב אַ צווייטן מין צופאַל, צוליב אַן אומגינסטיקן צופאַל, נישט אַנטשטאַנען און נישט נתגלה געוואָרן פאַר אונז?

דעם אַפּלטון, וואָס איז צופעליק נישט פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט, קומט יאָ אַ דענקמאָל און יענעם אַפּלטון, וואָס איז צופעליק יאָ פאַרקויפט געוואָרן — קומט נישט?

מיט אונזער דאַנקבאַרקייט די גאונים דריקן מיר, אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך אַליין, נאָר אויס דאַנקבאַרקייט דעם צופאַל, יענעם צופאַל, וואָס שפּילט זיך מיט אונז, ווי ער וויל, דאַנקבאַרקייט פאַר דעם צופאַל פאַרוואָס ער פאַרקנעכטעט אונז, פאַרוואָס ער פענטעט אונז מיט קייטן פון מינדערווערטיקייט. אונזער דאַנקבאַרקייט איז דאָס קושן די רוט, וואָס שלאָגט, דאָס כורעים-פאַלן פאַר דעם פאַרקנעכטער און באַצווינגער. דאָס מקבל באהבה זיין" יסורים.

אונזער דאַנקבאַרקייט איז קודם כל אַן אויסדרוק פון אַ קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע, אַ פיקציע, מיט וועלכער מיר זעלבסט באַרעכטיקן אונזער מינדערווערטיקייט.

די אייגענע מינדערווערטיקייט אונזערע קומט בולט צום אויסדרוק, ווי איך האָב שוין אויבן קורץ אָנגעדייטעט, אין דער דערפינדונג און אין אונזער פאַלש-פאַרזיסטער באַציונג צו איר באמתן תוך.

וואָס איז דען דערפינדונג?

יעדע נייע דערפינדונג איז אַ נייער פּאַראַט פון מאַנגל־האַפטן אין אונזער לעבן, פון אונזער מינדערוועטיקייט אין דער וועלט.

נאָר אין גייעג נאָך קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס האַלטן מיר אין זינגען גאַנצן „הלל“ די גאונים און זייערע דערפינדונגען.

יעדע דערפינדונג — באַהויפּטן מיר אין זעלבסטפּאַרגע־סונג — איז אַ נייער נצחון פון מענטשלעכער אַלמאַכט, מיר באַזיגן אַלץ מער די נאַטור, מיר ווערן אַלץ מער די הערשער פון דער וועלט.

צי איז עס טאַקע אַזוי? אפשר איז יעדע דערפינדונג אַ נייע דערמאָנונג פון מענטשלעכער מפּלה, פון מענטשלעכער געפאַלנקייט? וואָרום די דערפינדונג ווייזט דאָך, אַז ביז איר האָט אונז עפּעס געפעלט. און וואָלטן מיר באמת געווען אין מצב פון ווירקלעכער, פון העכסטער פולקאָמענקייט, וואָלט דאָך ממילא נישט געווען קיין נויטיקייט און קיין מעגלעכקייט צו מאַכן נייע דערפינדונגען. יעדעס געפינען איז דאָך די צווייטע, די ווייטערע פּאַזע נאָך פאַרלירן. און די „פיקציע“ פון „באַזיגן די נאַטור“, פון „אַ מענטשלעכער אַלמאַכט“ אין די דערפינדונגען — באמת „באַזיגן מיר מיט אונזערע דערפינדונגען נישט די נאַטור, נאָר באַקומען אַן אָנזאָג וועגן דעם, אַז מיר זענען פון דער נאַטור באַזיגט, אַז מיר קאָנען נאָך נישט אַלע געזעצן פון דער נאַטור, אַז מיר זענען נאָך אומוויסנדיקע לערן־יינגלעך, וואָס דרייען זיך אַרום צווישן די אומצייליקע רווישנדיקע טראַנסמיסיעס פון דער נאַטור־פאַבריק און לערנען ערשט אירע עלעמענטאַרע געזעצן.

נעמען מיר די לעצטע דערפינדונגען פון אונזער צייט, אָט די „ריזיקע“ אויסטועז אין דער טעכניק־אַוויאַציע, ראַדיאָ א. א. וו., — צי „באַזיגט“ אונזער עראָפּלאַן „די נאַטור“ אָדער באַווייזט, פאַרקערט, אַז ביז איצטער האָבן מיר נישט געוווסט, ווי אַזוי צוצופּאַסן זיך צו דער נאַטור? וואָלט דער עראָפּלאַן געווען ווירקלעך קעגן דער נאַטור, נישט אין איינקלאַנג מיט די געזעצן אירע, וואָלט ער נישט געקאָנט אויפהויבן זיך אין דער הויך און וואָלט דאָך געבליבן אַ שפּילצייג פון קליינע קינדער.

און דאָס אייגענע איז מיט ראַדיאָ און מיט די אַלע בלערליי איבעררײַשנדיקע דערפינדונגען און דערגרייכונגען פון דער טעכניק. מיר קאָנען דאָך מאַכן אַ פשוטן פאַרגלייך: פאַלט זועמען פון אונז אַמאָל איין (אויסער אפשר קולטור-היסטאָריקער אין געצײלטע מאָמענטן) צו באַזינגען א י צ ט די גרויסע אויפטוען פון א מ א ל י ק ע דערפינדונגען? אַ שטייגער, פון אַעראָפּלאַן פון אונטער די וואָלקנס אַראָפּ זאָל עמיצער אַ דיכטער שיקן אַ באַגייסטערט לויב-ליד... דעם אַמאָליקן אור-אור-זיידן פון אַעראָפּלאַן, דעם גאַר אַמאָליקן פרימיטיוון פאַרקערס-מיטל: פערד-און-וואָגן? און בשעתו איז דאָך פערד-און-וואָגן געווען זיכער נישט קיין ווייניקער איבעררײַשנדיקע דערפינדונג, ווי דער הײַנטיקער אַעראָפּלאַן. פאַרוואָס באַזינגען מיר אים נישט איצט? ווייל, שטייענדיק העכער, פאַרשטייען מיר שוין, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו רימען זיך מיט אונזער אַמאָליקן שטיין נידעריקער. צי טוען מיר אָבער אַמאָל אַ טראַכט וועגן דעם, אַז דעם אייגענעם גורל פון אַמאָליקן פערד-און-וואָגן וועט שפּעטער מיט יאָרן האָבן אויך אונזער איצטיקער אַעראָפּלאַן? דאָס אויך נישט: פאַרוואָס? בלויז דערפאַר, ווייל אונז איז עס באַקוועם, עס אימפּאָנירט אונזער זעלבסטבאַפרידיקונג די אילוזיע: „מיר האָבן דערגרייכט די העכסטע היוכן". מיר קאָמפּענסירן מיט דער הילף פון דער פיקציע אונזער פאַקטישע מינדערווערטיקייט.

אָט דידאָזיקע איינגעגלויבטקייט אונזערע אין אונזער מכלומרשטער דערגרייכונג פון די „העכסטע היוכן" איז דאָך אין איר תוך שוין אַן איבעריקע אַנטפּלעקונג פון אונזער מינדערווערטיקייט, פון אונזער קורצזיכטיקייט, פון מאַנגל אין זעלבסטקריטיציזם. מיר זענען אין דעם פּרט פולשטענדיק קינדיש, ווייל אַזאַ איינגעגלויבטקייט, אַן איינגעגלויבטקייט, וואָס נעמט זיך דווקא פון אומפּולקאָמענקייט און נישט פון העכסטער פאַרפולקאָמונג, איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קינד.

ווער איז נאָך אַזאַ פלייסיקער און אומדערמידלעכער „אַנטדעקער" און „דערפינדער" ווי דאָס קינד? זיין גאַנץ לעבן, זיין גאַנצע אַנטוויקלונג, איז דאָך איין לאַנגע שורה פון אַזעלכע „אַנטדעקונגען" און „דערפינדונגען". און פון דעם נעמט זיך טאַקע זיין אויסערגעוויינלעכע אַ ק ט י װ י ט ע ט: אַ קינד

האָט צ ו פ י ל ו ו אָ ס צו דערפינדן און צו װ י י נ י ק צייט װ ע ן צו דערפינדן, אַז ער מוז אַרבעטן אָן אויפהער, מיט פלייס און אָנשטרענגונג.

און דער קינדישער „דערפינדער" איז אין שטענדיקן מצב פון באַגייסטערונג מיט זײַנע „דערפינדונגען": ער איז איבערצייגט בשעת מעשה אין דער אַלפּאַרפולקאָמענקייט פון זיין דערפינדונג, ביז — ביז ער דערפינדט שפּעטער עפּעס נייעס און די אַלפאַרפולקאָמענקייט — ווי אַ פּרייז-צעטל אין די הענט פון קרעמער — ווערט איבערגעטראָגן, איבערגעקלעבט פון אַלטן אויסגעליידיקטן שאַכטל פון פריערדיקע „דערפינדונגען" אויף דעם נאָך פולן שאַכטל פון נייער „דערפינדונג".

אַ קינד ביי זיין איינגעגלויבטקייט אין דער אייגענער „קאָלומבישקייט", — ער איז דאָך אין דעם איבערצייגט, — גלויבט בשעת-מעשה, אַז יעדע איינציקע געגעבענע „דערפינדונג" זיינע איז דאָס „העכסטע פון אַלע הויכן", — און ער קוקט קיינמאָל נישט א ו י ף צ ו ר י ק, פאַרגלייכט נישט זיין נייע „דערפינדונג" מיט דער אַלטער, נאָך וויינקער קוקט ער פאָרויס, כדי צו פאַרגלייכן זיין איצטיקע „דערפינדונג" מיט די יעניקע, וועלכע וועלן קאָנען און דאַרפן עווענטועל שפּעטער געמאַכט ווערן. ער איז א י נ ג אַ נ צ ן אַריינגעטון נאָר אין איצט, אין זיין אויגנבליקלעכער, לעצטער „דערפינדונג".

דער מ אָ ט אָ פון דער פריקינדערישער „דערפינדערישקייט" זענען די ווערטער פון פאָלקסליד:

ש ו י ן נ י ש ט אָ קיין נ ע כ ט ן, נ אָ ך נ י ש ט אָ קיין מ אָ ר ג ן און דאָס וואָס איז יאָ פאַראַן, „דאָס שטיקעלע ה י י נ ט" ווערט אין די אויגן פון קינד אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ ש ט י ק, צו דער מדרגה פון אומאָפּפרעגבאַרער „פאַרפולקאָמונג".

ווי קוקן מ י ר אָבער אויף דעם קינדס „דערפינדונגען", ווי קוקט דאָס קינד גופא אויף זיינע אַ מ אָ ל י ק ע דערפינדונגען? — ווי אויף זייער נויטיקע, אמת, אָבער פון אומבאַהאָלפנקייט שטאַמענדיקע, ווי אויף וואַקלונגען פון אַ הינקענדיקן.

דאָס שטעלן צום ערשטן מאָל זעלבסטשטענדיק אַ פיסל איז טאַקע אַ וויכטיקער אויפטו אין קינדס אַנטוויקלונג, אָבער וויכטיק איז ער דאָך נאָר דערפאַר, וואָס ביז דאַן, ביז דער-

דאָזיקער „גרויסער" „דערפינדונג" איז דאָך די אומבאַהאָלפנקייט פון קינד, פון „דערפינדער" געווען נ אָ ך ג ר ע ס ע ר, נאָך ש ט אַ ר ק ע ר, נאָך מ א ו י מ ד י ק ע ר.

יעדער נייער אָפּגעהאַלטענער „זיג" אין קינדס אַנטוויקלונג איז דעריבער אין סוף־פּסוק נישט קיין ז י ג איבער אַנדערע, איבער דער נאַטור, נאָר אַ זיג איבער זיך אַליין, איבער דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט.

און דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן אויך וועגן אונזערע דערפינדונגען, וועגן דערפינדונגען און אידעאַלן פון אונז, דערוואַקסענע, פון די גרעסטע און העכסטע צווישן אונז.

די אמתע פאָרמולירונג פאַר אַ דערפינדונג דאַרף זיין נישט:

„מיר באַזיגן דורך דער דערפינדונג די אויסערלעכע נאַטור", נאָר „מיר באַזיגן דורך איר אונזער אייגענע אינערלעכע נאַטור", — פילן אויס יענעם בלויז, יענע אומבאַהאָלפנקייט אונזערע, וואָס האָט אונז פריער, ביז דער געמאַכטער דערפינדונג, געהאַלטן ו ו י י ט פון קענען ווי ס'דאַרף צו זיין די אויסערלעכע נאַטור מיט אירע געזעצן.

„אַ דערפינדונג" — איז נישט קיין חבור־צאָל, וואָס דאַרף צ ו ג ע ג ע ב ן ו ו ע ר ן צו אונזער העכערווערטיקייט, נאָר דווקא אַ חסור־צאָל, וואָס דאַרף אַ ר אָ פּ ג ע נ ו מ ע ן ווערן פון אונזער מינדערווערטיקייט.

און ווען מיר זאָלן ווען אַמאָל זיין אויפריכטיק און ערלעך מיט זיך, ווען מיר זאָלן וועלן אָנווענדן אַפילו צו די העכסטע אידעאַלן אונזערע, אָט די שטאַרקסטע דערפינדונגען פון אונזער גייסט, ניכטערן זעלבסטקריטיציזם, וועלן מיר דאָך מ ו ז ן אויסגעפינען די ק י נ ד י ש ק יי ט אונזערע, די פולסטע אידענטישקייט אונזערע מיטן קינד.

פונקט ווי ביים קינד, אַזוי איז אויך ביי אונז די דערפינדונג נישט קיין אויסדרוק פון ו ו י ד ע ר ש ט אַ נ ד דער נאַטור, נאָר, פאַרקערט, אַן אויסדרוק פון צ ו פּ אַ ס ן ז י ך צו איר. יעדע נייע דערפינדונג באַדייט אַ נייע צוגעקומענע פּרשה פון קאָנען פאַרשטיין יענע שווערע סדרה: „נאַטור", וועלכע מיר קאָנען נאָך נ י ש ט א י נ ג אַ נ צ ן.

יעדע דערפינדונג איז אַלזאָ נישט אַ נײַ באַהערשן די נאַטור, נאָר אַ נײַ באַהערשט־ווערן, אַ נײַ קאָנען און אַ נײַ לאָזן זיך באַהערשן פון איר.

מען מאַכט געוויינלעך אַן אונטערשיד צווישן „אַנטדעקונג" און „דערפינדונג" אין דעם זין, אַז די ערשטע זאָל זיין קלענער און ווייניקער וויכטיקער פון דער צווייטער: „אַנטדעקן" עפּעס זאָל הייסן — בלויז אויסגעפינען דאָס, וואָס איז בעצם פאַראַן, נאָר וואָס מיר האָבן עס פריער נישט געוווּסט, ווען אַ „דערפינדונג" זאָל שוין הייסן — שאַפן עפּעס נייעס, וואָס איז פריער בכלל נישט געווען. קאָלומבוס, למשל, איז בלויז אַן „אַנטדעקער" — ווייל אַמעריקע האָט אויך פאַר אים עקזיסטירט און ער האָט בלויז אויסגעפונען דאָס פאַראַנענע, עדיסאָן, דאַקעגן, איז אַ — „דערפינדער" — ווייל ער האָט שוין געפונען דאָס נישט געוועזענע. אַזאַ פאַרטיילונג איז לחלוטין פאַלש. יעדע דערפינדונג, ווי געזאָגט, איז די אייגענע אַנטדעקונג: קיין נייעס שאַפט זי נישט, קיין נייעס צווינגט זי דער נאַטור נישט אָן, נאָר איז מער נישט ווי אַ פּראָדוקט פון אַ נייעם צופּאַסן זיך צו דער נאַטור, צו דעם, וואָס איז אין דער נאַטור פון פריער, פון אַלע מאָל שוין געווען, נאָר וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט געוווּסט.

און דערביי איז דערפינדונג נישט קיין אָפּלייקענונג פון אונזער מינדערווערטיקייט, נאָר אַ באַשטעטיקונג — זי ווייזט, אַז דעם מענטש פעלט זיין גייסט, זי שרייט וועגן אינערלעכער, אָרגאַנישער מאַנגלהאַפטיקייט.

ווען מיר אין געזאָגטן פאַרבייטן דאָס וואָרט „דערפינדונג" מיט „אידעאַל", וועלן מיר באַקומען אַ פאָרמול פאַר דער פאַרקערפּערונג פון אונזער מינדערווערטיקייט אין אונזער אידעאַל.

נעמען מיר דעם גרעסטן און דערהאַבנסטן אידעאַל אונזערן, דעם סאָציאַליזם, למשל, אָט דעם אידעאַל פון גלייכהייט און יושר, צי איז אַ סך ווייטער פון ערשטן טראָט ביים אומבאַהאָלפענעם קינד — ווען מיר זאָל דעם אָנגערופענעם אידעאַל נעמען אין זיין אַבסאָלוטקייט?

סאָציאַליזם איז דאָך אין תוך אַ זאַך, וואָס אַנטפּלעקט די פאַקטישע מענטשלעכע געפאַלנקייט:

איצט נאָך, ווען דער מענטשלעכער גייסט שטייט מכלומרשט אויף די העכסטע הויכן פון „פאָלקומענקייט”, דאַרף מען ערשט קעמפן פאַר באַזייטיקן מענטשן-פרעסערישקייט צווישן מענטשן...

די „גלייכהייט” צו וועלכער מיר שטרעבן, איז דאָך אַ טריט, אַ יאָושדיקער טריט אַרויסצוגיין פון דער אומגלייכ־הייט, פון דעם מצב, ווו איינער פרעסט אויף דעם אַנדערן, ווו פאַר איינעם ווערט דער כלל מיט זיין מאַטעריעלן און גייסטיקן גאַנצן באַזיץ, מיט זיין בלוט און פלייש און נערוון און לייסטונגספעיקייט (לייסטונגספעיקייט גייט דאָך אויך אויפן חשבון פון בלוט און פלייש), ליציטירט ווי קויף-סחורה אין דער יאַטקע.

סאָציאַליזם איז דאָך אין לעצטן סך-הכל דער פרווו פון דער קו צו רעטן זיך פון אונטער דער קצבישער האַק, צו רייסן זיך פון די יאַטקע-פאַליצעס.

איז עס באמת אַזאַ הויכע מדרגה? אַטעסטירט עס טאַקע אַזוי הויך און פאָזיטיוו אונזער מענטשלעכע הויכווערטיקייט?

וואָס דער אידעאַליסט אַליין גלויבט און איז איבעראייג־געגלויבט אין די פאָלקומענקייט פון זיין אידעאַל, וואָס דער דער־פינדער זעט אין זיין אויפטו דאָס „העכסטע” — איז צו פאַר־שטיין, אָבער נישט צו באַרעכטיקן. צו פאַרשטיין ווי אַ בויטיק מיטל, אָן וועלכן דאָס עצם שאַפן וואָלט געווען נישט מעגלעך, ווי אַ קוואַל, פון וועלכן מען שעפט פאַטאָס — חיונה פאַר דער עקזיסטענץ.

וואָלט דער אידעאַליסט נישט געגלויבט, וואָלט דער דערפינדער געזען פאַר זיך דעם ווייטערן גורל פון זיין איצטי־קער דערפינדונג — וואָלט קיין פאַטאָס-קראַפט צום אידעאַל און צו דער דערפינדונג נישט געווען.

פונקט ווי דאָס קינד: ווען אין זיין נאָך ווייכינקן מוחל, בשעת ער שטעלט דעם ערשטן טראָט, וואָלט געקאָנט דורכשטראַלן איין איינציקער געדאַנק פון זיין שפּעטערן דערוואַקסענעם באַ־וווסטזיין, וואָלט דאָך דאָס אויפגעהויבענע פיסל צוריק זיך אַראָפּ־געלאָזן אין טיפן יאוש.

ווען עדיסאָן, למשל, דער גרעסטער דערפינדער פון אונזער צייט, קומט אַרויס דאָ נישט לאַנג ביי זיין 80-יאָריקן געבורטס־

טאָג מיט אַן „אני-מאמין", וואָס איז כּלוֹ לויב-געזאַנג דעם מענטשנס גיין „דורך דערפינדונגען צו „אַלמאַכט", איז עס פאַרשטענדלעך, ווייל אָן אַזאַ „אני מאמין", וואָלט עדיסאָן קיין עדיסאָן נישט געקאָנט זיין. עס איז אָבער נישט צו באַרעכטיקן די אויפפאַסונג, אַז „אידעאַל" און „דערפינדונג" זאָלן באמת זיין אויסדרוקן פון „אַלמאַכט", נישט צו באַרעכטיקן פון שטאַנדפונקט פון אַבסאָלוטקייט פאַר אידעאַל און דערפינדונג. פאַרקערט: פון אָט דעם לעצטן שטאַנדפונקט, איז „אידעאַל" און „דערפינדונג" — בלויז אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע פון אונזער מענטשלעכער מינדערווערטיקייט.

און די סיבת־הסיבות פון אונזער מינדערוועטיקייט איז מאַנגל אין פרייהייט, פסיכישער מער און וועזנטלעכער ווי מאַטעריעלער, אין אונזער געצוווּנגענער פאַרקנעכטונג צו דעם, וואָס שטייט אויסער אונז און איבער אונז, די פאַרקנעכטונג צו צופאַל. אונזער מענטשלעכע טראַגיק איז אין דעם טאַקע, וואָס מיר מיט אונזער גאַנצן וועזן זענען אַ שפּיל-צייג — אין די אָרעמס פון צופאַל!

דריטער קאַפּיטל

די טראַגעדיע פון פאַרענדלעכקייט

דער שטאַרקסטער און שרעקלעכסטער אויסדרוק פון אונ־זער מינדערוואַרטיקייט איז אונזער פ אַ ר ע נ ד ל ע כ ק יי ט.

מיר זענען בלויז קורצע ד ו ר כ ג יי ע ר אין לעבן, הויבן זיך אויף פון „נישט-זיין"-תהום, כדי שנעל ווידער צו פאַרשווינדן אין זעלביקן תהום. אונזער קורץ „זיין" גופא לויפט דורך אויף זיין אומפאַרמיידלעכן וועג צום נישט-זיין, צום ט ו י ט. ווי לעכערלעך איז יענער אָפּגעמשפּטער צום טויט, וועגן וועלכן מיר לייענען: זיין לעצטע בקשה איז געווען — דערלאַנגען אים זיין געליבטע שפּייז און געטראַנק. האַרט פאַרן טויט האָט ער נאָך מיט פאַרגעניגן דאָס לעצטע מאָל געגעסן-געטרונקען".

איר שטעלט זיך פאָר: פון דאָרטן אין הויף, הינטער די פענסטער פון דער צעלע, וווּ דער פאַרמשפּטער איז פאַרשפּאַרט, טראָגן זיך קלעפּ פון העק און האַמערס, וועלכע גרייטן, פאַר־ענדיקן די תליה צו מאַכן פון מענטש א ו י ס מענטש.

און דאָ אין דער צעלע גופא ענטפערט דער מענטש, דער ערב אויס-מענטש, אין אוניסאָן צו די שטאַרקערע קלעפּ פון תליה-הויף, מיט זיינע טשמאָקן- און בולבול-קלאַנגען ביים לעצטן עסן-טרינקען.

צי זענען מיר אַ ל ע, מיר מענטשן בכלל, נישט געגליכן צו אָט דעמדאָזיקן טויט-פאַרמשפּטן לעצט-עסער? צי קומט אונזער גאַנץ לעבן מיט זיינע באַגייסטערונגען און אַנטוישונגען, מיט זיינע דערהאַבנסטע אידעאַלן און היציקסטע קאַמפן נישט פאַר אונטער דער מינדערוואַרטיקייטס-באַפעל פון „נאכל ונשתה כי מחר נמות" — „לאָמיר עסן און טרינקען איידער מיר פאַר־זינקען"!?

ווען אויבן, אויסער און איבער אונז, הענגט איבער אונ־זערע קעפּ די דאַמאָקל-שווערד פון אומפאַרמיידלעכן ט ו י ט,

וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן שוין אונזערע אַלע אָנשטרענגונגען צו הויבן דעם קאָפּ אין משך פון קורצן, פאַריבערגייענדיקן לעבן? ווען איבער אַלע אונזערע אילוזאָרישע בערג-אידעאַלן טראָגט זיך דער אָפּשפּאָטנדיקער אַשמדאַי-כאַ-כאַ: „שטאַרבן וועסטו און שטאַרבן מוזסטו", צי ווערן אונזערע בערג נישט צעשאָטן ממילא אין קליין-נישטיקע זעמדעלעך ביי דעם קליין-קלענסטן ווינטל-שפּיל?

ווי איז דאָרטן אין דער סימבאָלישער טראַגעדיע פון לעאָניד אַנדרעיעוו:

„אַ מענטש געבוירן" — רופט אויס אַ בת-קול אין ערשטן אַקט. „אַ מענטש פאַרלוירן" — רופט אויס אַ בת-קול אין לעצטן אַקט. ווי נישטיק קליין איז די דיסטאַנץ צווישן ערשטן און לעצטן אַקט!

פון געבוירן צום שטאַרבן איז בלויז אַ טריט, אַ קליינער מענטשלעכער פליגן-שפּרונג. צווישן ערשטן געוויין ביים קומען אויף דער וועלט און לעצטן גסיסה-כאָרכלען ביים אַוועקגיין פון דער וועלט — איז אַ הרף-עין. ווי אָפט שרייען אויס מענטשן אין טיפן ווייטיק, ווען זיי מאַכן די אַנטדעקונג: אָט ערשט איז עס דאָך, דאַכט זיך, געווען, ערשט יונג און מונטער און באַרג-אַרויף און שוין איינגעדרייטע פּלייצעס און שוין אַזאַ גאַלאָפּ צום באַרג-אַראָפּ!

צווישן וויגעלע פון זויג-קינד און בית-הקברות — איז גאָר אַ קליינער מהלך. און נישט נאָר דער טויט קומט גיך שפּעטער און שליסט אָפּ, נישט נאָר אויפן בית-הקברות איז דער טויט, נאָר ער איז דאָך דאָ כסדר, אָן אויפהער צווישן אונז לעבע- דיקע. דאָס מענטשלעכע קורצע לעבן גופא איז דאָך אַ שורה, און נישט בלויז פון דערנענטערונג צום טויט, נאָר פון בהדרגה- דיקן טויט גופא.

וואָרום וואָס איז דען אונזער „עלטער"-ווערן, פון טאָג צו טאָג, פון אויגנבליק צו אויגנבליק עלטער ווערן, אויב נישט קיין ביסלעכווייזיק אָפּשטאַרבן?

ס'איז אַן אונטערשיד בלויז אין אָפּשטאַרבונגס-גראַדירונ- גען: דער יינגערער, דער געזונטערער איז וויניקער אָפּ- געשטאָרבן, דער עלטערער, דער שוואַכערער, קראַנקערער איז מער

אָפּגעשטאָרבן, וויניקער אָדער מער פּראָצענטן פון טויט, ביז ס׳קלויבן זיך אויף אַלע התדערט פּראָצענט — און „געווען אַ מענטש און נישטאָ״.

וואָרום וואָס זענען אַלע אונזערע ווייטיקן און קרענק, אויב נישט קיין בהדרגהדיק שטאַרבן? — אין יעדן „ווײ״ פון קראַנקן-בעט איז שוין פאַראַן אַ טייל פון ענדגילטיקן גסיסה-כאָרכל, אין יעדן לייד-אויסגעשריי פון לעבעדיקן קלינגט שוין — נישט נאָר סימבאָליש, נאָר דירעקט — דאָס קול פון ווידוי-זאָגער.

דאָס קורצע לעבן גופא איז בעצם נישט מער ווי אַ קלע-נערער אָדער אַ גרעסערער ברוכטייל פון שטאַרבן, טויט איז די פאַרענדיקונג פון אַ לענגערן שטאַרבן-פּראָצעס, טויט איז אַן אויגנבליק, דאָס לעבן איז די צייט, אין די ראַמען פון וועלכער דער שטאַרבן-פּראָצעס קומט פאָר ביז צו זיין אויגנבליקלעכער פאַרענדיקונג.

אונזער לעבן באַשטייט פון „גוטס״ און „שלעכטס״, פון פרייד און לייד, פון האָפנונג און אַנטוישונג — איז דידאָזיקע טיילונג באמת אַ געקינסטלטע, און איר טעם איז דער אייגע-נער טעם פון פריערדערמאָנטן צום-טויט-פאַראורטיילטן לעצט-עסער: מ׳וויל דעם ביטערן פּראָצעס פון טאַקטישן בהדרגהדיקן שטאַרבן אַביסל פאַרזיסן מיט אַן אילוזיע פון נ י ש ט-שטאַרבן.

איין טייל פון דער חלוקה: דאָס שלעכטס, די לייד, אַנטוישונג א. א. וו. (טויזנטער סינאָנימען און וואַריאַנטן האָט דאָך דאָסדאָזיקע שלעכטס) איז געוויס אַן אויסדרוק פון שטאַרבן: אַ מענטש לײדט ווייטיקן (די „העכערע״ פּסיכישע ווייטיקן מוזן אויך דערפירט ווערן סוף-כל-סוף צו די נידעריקערע פיזישע ווייטיקן) — הייסט עס — ער טראָגט שוין אַ גרעסערן פּראָצענט שטאַרבן אין זיך, אַ מענטש האָט זיך אַנטוישט — הייסט עס — צו אים איז צוגעטרעטן נענטער דער מלאך המות. נאָר אַפילו דער ערשטער טייל פון דער חלוקה: דאָס „גוטס״, די פרייד, די באַגייסטערונג א. א. וו. זענען אויך נישט מער, ווי אַ פאַר-מאַסקירטע פאָרם פון אייגענעם שלעכטס און ווידער אַן אויס-דרוק פון בהדרגהדיקן שטאַרבן-פּראָצעס.

וואָרום דאָס גוטס איז אַלעמאָל אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן

שלעכטס, דאָס גוטס איז די אילוזיע, אַז ס'איז געלונגען פון שלעכטס זיך צו באַפרייען, דאָס גוטס (ווען מען זאָל עס אַפילו אַ רגע אָננעמען אַלס רעאַליטעט) איז די פויזע צווישן שלעכטס מיט שלעכטס. אַנדערש גערעדט: דאָס שלעכטס אין קורצן מענטשלעכן לעבן איז דאָס, וואָס געפינט זיך שטענדיק אין אָפענסיווע-מצב, דאָס גוטס, דאַקעגן,—אין דעפענסיווע-מצב, אין פאַרטיידיקן זיך, אין אָפכאַפּן דעם אָטעם.

פרייד קומט דאַן, ווען מען האָט פון זיך אָפּגעשטויסן דעם אומעט, באַגייסטערונג – ווען מען איז נצול געוואָרן פון אַנטוישונג אַ. א. וו. די פויזע אין אַ פּראָצעס אַלס אָפּנויג פון אים איז אָבער אַלע מאָל קלענער צייטלעך און שוואַכער אײנהאַלטלעך פון עצם-פּראָצעס, און דעריבער האָבן מיר אין אונזער קורץ לעבן ווייניקער און שוואַכער „גוטס" ווי שלעכטס. ווער קאָן דען זאָגן, אַז זיין לעבן איז געווען מער מיט פרייד און באַגייסטערונג אָנגעפילט, ווי מיט אומעט און אַנטוישונג?

דאָס דעפענסיווע-אַרטיקע „גוטס" אין אונזער לעבן איז קלענער און שוואַכער פון אָפענסיווע-אַרטיקן שלעכטס נאָך אויך דערפאַר, וואָס ס'ווערן אַלץ שוואַכער ביי זיינע טרעגער די כוחות, וואָס מער צייט ס'גייט אַריבער, אַלץ מער פאַרמינערט ווערט די ווידערשטאַנדספעיקייט באַ זיי.

דעפענסיווע אַליין זאָגט שוין עדות פון שוואַכערן כחות- און ווידערשטאַנדס-באַזיץ, אין דעפענסיווע געפינט זיך שטענדיק דער, וואָס איז שוואַכער פון זיין קעגנער, איז אָבער די צרה פון שוואַכן נישט נאָר אין דעם, וואָס ער איז שוואַך, נאָר בעיקר אין דעם, וואָס ער ווערט אַלץ שוואַכער, וואָס זיין שוואַכקייט פּראָגרעסירט און פאַרגרעסערט זיך מיט דער צייט.

אַ באַלאַגערטער איז פריער ווידערשטאַנדספעיקער ווי שפּעטער, זיינע קליינע קרעפטן אַפילו פאַרלאָזן אים וואָס ווייטער אַלץ מער.

און דעריבער טאַקע זעען מיר ביים אַלטן און קראַנקן ווייניקער „גוטס", ווייניקער פרייד און באַגייסטערונג, ווי ביים יונגן און געזונטן: דער לעצטער האָט נאָך, האָט נאָך מער מיט וואָס צו געבן ווידערשטאַנד, דער ערשטער האָט שוין ווייניקער מיט וואָס צו געבן ווידערשטאַנד. און אין גוטס ווי

אין שלעכטס מוז מען אומבאַדינגט זען סימנים פון שטאַרבן־פּראָצעס אינערהאַלב דעם מענטשלעכן לעבן גופא.

זעט מען אַ מענטש אין פּיין, אין ווייטיקן, אין אַנטוישונג — הייסט דאָס, אַז דער שטאַרבן־פּראָצעס לאָזט זיך ביי אים פילן שטאַרקער, זעט מען אַ מענטש אין פרייד, אין באַגייסטערונג, אין האָפענונג — הייסט עס, אַז דער מענטש האָט אויסגעקעמפט אַ פּויזע, אַ קליינע פּויזע אין שטאַרבן־פּראָצעס.

זעט מען שמחה און באַגייסטערונג ביי אַ יונגערן, געזונטערן מענטש, הייסט עס — די דעפענסיווע קעגן טויט איז אַביסל שטאַרקער — דער נצחון פון טויט וועט אָבער מוזן קומען.

זעט מען שמחה און באַגייסטערונג ביי אַן עלטערן קראַנקן מענטש, הייסט עס — די דעפענסיווע קעגן טויט גייט שוין צום סוף, דער לעצטער פּולווער ווערט שוין אויסגעשאָסן, ס׳ווערן געמאַכט דער לעצטער ווידערשטאַנדס־אָנשטרענגונגען קעגן שוין באַגענטן טויט און שוין קעגן זײַן ענדגילטיק אָפּגעהאַלטענעם נצחון. פאַרוואָס איז אונז אַזוי ווידערווילִיק דאָס מיט טויט געשטעמפּלטע פּנים פון קראַנקן? פאַרוואָס זענען אונז אַזוי שרעקלעך די גסיסה־קאָנוווּלסיעס פון אַ מענטש?

ווייל ס׳דערמאָנט אונז וועגן זיך, וועגן אייגענעם סוף, וועגן דער אייגענער פאַרענדלעכקייט.

און ווייל פון דעם — צי אָנערקענען מיר עס יאָ צי נישט — פילן מיר אַ פּאַטש אין בלוטלאָזן פּנים פון אונזער מענטשלעכער „ווערט" בכלל, אַ שניידנדע ראיה צו אונזער באמתער מינדערווערטיקייט.

ווער קאָן אונז פאַרטייטשן דעם מיין פון לעצטן נישט־דערזאָגטן ווונטש פון אַ גוסס? ווער קאָן אויף פאַרשטענדלעכע ווערטער איבערזעצן דעם ביז טרערן רירנדיקן לעצטן פאַרשטאַרטן בליק פון שטאַרבנדיקן אָן־לשון? צי איז נישט דאָס דער טייטש, דער שרעקלעכער טייטש פון דעם אַלעם:

נאָך אַביסל לעבן! כאָטש נאָך אַ קליינע פּראָלאָנגאַציע פון סוף! ? — דאָס זענען דאָך טראַגישע בעטלערטענות, דאָס איז דאָך דער הילפסלאָזער פאַרזוך פון זיך טרינקנדיקן צו ראַטעווען זיך אויף דעם שוים פון די כוואַליעס, דאָס איז

דאָך די מינדערווערטיקייטס-פאַרצווייפלונג פון יענעם פאַראור-טיילטן, וועלכער וויל זיך „גליקלעך מאַכן" דורך נאָך אַ מאָלצייט, דורך ברעקלעך פון אַ מאָלצייט פאַר דעם פאַרשווינדן!

נישטאָ נאָך אַזאַ אָרט, ווי דאָס הויז פון געשטאָרבענע, נישטאָ נאָך אַזאַ צייט, ווי די רגע פון גסיסה, ווו און ווען עס זאָל זיך לאָזן אַזוי פילן די גאַנצע מענטשלעכע מינדער-ווערטיקייט אין איר גאַנצער נאַקעטקייט.

אָפּגעמשפּטע אויף אומברחמנותדיקן דלות פון פאַרענד-לעכקייט, אויף טויט און פאַרשווינדונג, זענען מיר אויך ביים לעבן, אין דעמדאָזיקן פּעריאָד פון בהדרגהדיקן שטאַרבן, בלויז נעבעכדיקע בעטלער, וועלכע קלויבן ברעקלעך און לאָזן זיך טרייסטן — מיר זענען געזעטיקט פון הונגער, מיר האָבן די אַב-סאָלוטע רייכקייט דערגרייכט!... איז טאַקע אונזער לעבן אַ שורה פון זעלבסט-אָפּנאַרעריי, פון פאַרשטעלן די אויגן פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן טויט, פון אַ שטרויסן-פאַרגראָבן דאָס פּנים אין זאַמד פון אידעאַלן, כּדי נישט צו זען, נישט צו פילן די וואַרטנדיקע, דאָס שוין פאַראַנענע זאַמד פון בית-הקברות.

אונזערע אידעאַלן זענען אַ מיטל צו פאַרגעסונג, אַ מיטל צו פאַרשטעלן, אילוזאָריש צו דערווייטערן זיך פון לעצטן אָפּ-שפּאָטונגס-„כאַ-כאַ-כאַ" פון טויט איבער אונזער מינדערווערטיקייט.

אונזערע אידעאַלן זענען אַן אונטער-הויט-איינשפּריצונג אין קערפּער פון גוססן, ער זאָל קאָנען באַקומען אויף נאָך אַ שטיקל צייט אַביסל אָטעם.

וואָלט דער אידעאַליסט געווען מסוגל צו קוקן פּנים-אל-פּנים זיין מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט, וואָלט שוין ממילא זיין קורץ לעבן, אָט די קורצע צווישנצייט ביז דעם ענדגיל-טיקן טויט, נישט געקאָנט אויסגעפילט ווערן מיט יענע ווייניקע פּויזעס, מיט יענע ווייניקע דעפּענסיווע-אַרטיקע עמאָציעס, וואָס באותו רגע גיבן זיי זין אין דעם לעבן.

וואָלט אַ מענטש בכלל שטענדיק און ניכטער געפילט זיין פאַרענדלעכקייט, וואָלט ממילא זיין לעבן אַפילו קיין אילוזאָרישן באַדן נישט געהאַט.

דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז דעריבער איין גרויסע קייט פון זעלבסט-אָפּנאַרעריי, כּדי צו דערווייטערן זיך פון דער

פאַרענדלעכקייט, כּדי בּעטלעריש אַראָפּצוכאַפּן שפּייז-בּרעקלעך פון יענעם טיש אין דער טויטן-צעלע, פון וועלכער מען גייט צו דער תּליה, אין תּהום פון פאַרשווינדונג.

אויבּ ניכטער זיין, — וואָס טויג דעם אידעאַליסט די פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעאַל ערשט נאָך זיין טויט, ערשט דאַן, ווען ער, דער אידעאַליסט, וועט שוין נישט זיין ?! —

וואָס טויג דעם דענקער, קינסטלער, דעם גאון, דעם דער-פינדער זיין לעבּנס-ווערק, אַז נישט ער וועט אָט פון דעם ווערק געניסן ?! — אויבּ ניכטער, — ווו איז דער יסוד פאַר מענטשלעכן בּאַגייסטערט-זיין מיט זיך, מיט אייגענע רמ״ח אברים, ווען אָט די אברים וועלן אין אַ גאָר-קורצער צייט שפּעטער גיין אויף צו בּאַמיסטיקן די ערד ? — אַ מענטש וואָלט דאָך אויף זיך און אויף אַנדערע געמוזט קוקן דורך דעם שפּאַקטיוו פון פאַרענדלעכקייט און זען אין יעדן איינעם נאָר מאַטעריאַל פאַר שפּעטערן פ ו י ל ן. ווען איינער פון אונז גייט דורך בּיי אַ שוי-פענסטער פון אַ פלייש-האַנדל און זעט אויפגעהאָנגענע ליטקעס פון געשאָכטענע בּהמות, צי פאַלט אים אַמאָל איין אין קאָפּ דער אין תּוך ריכטיקער געדאַנק:

ווען נישט אונזער מענטשלעכע עטיק, וואָס דערלאָזט נישט קיין מענטשנפרעסעריי, וואָלט דאָך אויך איך, איך מיט אַלע מיינע גרויסע פּלענער און אידעאַלן, געקאָנט הענגען אָט דאָ אין שוי-פענסטער, מיט אָפּגעהאַקטע הענט און פיס, מיט צע-טרייבּערטן קאָפּ און האַרץ ? — און די פאַקטישע וואָג מיינע מיט מיין גאַנצער גייסטיקייט וואָלט זיך אויסגעדריקט אין גע-ציילטע קילאָס און מיין פּרייז — אין עטלעכע מטבּעות...

און דאָס, וואָס מיר הענגען נישט אין שוי-פענסטער פון קראָמען מיט מענטשנפלייש, פאַרלייקנט דאָך נישט, אַז דאָס וואָלט געקאָנט יאָ זיין...

אפשר וועלן אַמאָל אויך קי קומען צו אַזאַ מדרגה, זיי זאָלן נישט לאָזן די מענטשן געבּרויכן זייער פלייש, זאָלן נישט קאָנען איבּערהאַקן זייער קורץ לעבּן, איידער ס׳קומט אָן זייער נאַטירלעכער טויט.

און וואָס איז, אַז מיר הענגען נישט אין די שוי-פענסטער פון מענטשנפלייש-האַנדל, ווען פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן פלייש-

געברויך פון דער נאַטור זענען מיר שוין יאָ אויסגעגליכן מ י ט ד י ק י, פאַר דער נאַטור איז שוין נישט גילטיק אונזער עטיק, און מענטשנפלייש איז דאָרטן פונקט אַזוי „ווערטפול״, ווי בהמות-פלייש ? ! —

און עס איז נישט אמת, אַז עס איז צווישן מענטשן גופא אַפילו נישטאָ קיין מענטשנפלייש-געברויך: אויף אַן אומדירעקטן אופן עסן מיר דאָך יאָ מענטשנפלייש. די מענטשנקערפּערס נאָכן טויט מאַכן פעט די ערד, פון וועמעס פּרוכטן מיר געניסן, כּדי אונטערצוהאַלטן אונזערע קערפּערס, די קערפּערס פון די נאָך לעבעדיקע. וויפיל איז אין די פּרוכטן פון דער ערד, וואָס מיר עסן, פאַראַן מענטשנפעטס פון אַמאָליקע ווי מיר לעבעדיקע מענטשן ? ! — און וואָס וועט זיין מיט אונז אַליין נאָך אונזער טויט ? —

עס ווערט כּסדר מקוים דאָס, וואָס רבי יוחנן באַקלאָגט אין די גרויזאַמקייטן פון חורבן: קינדער עסן זייערע עלטערן, אייניקלעך שפּייזן זיך מיטן פעטס פון זייערע זיידעס צעפוילטע לייבער.

מיר טראַכטן אָבער וועגן די אַלע שרעקלעכע אומעס-טעטישע זאַכן נישט, ווייל מיר קאָנען נישט זיין ניכטער, ווייל מיר מוזן אונזער פאַרענדלעכקייט פאַרדעקן, פאַרגעסן.

וואָלטן מיר געווען ניכטער, וואָלט אַזאַ מין געהויבענע מענטשנפרייד, ווי „נחת פון קינדער״ זיך פאַרגעשטעלט נישט אין ליכט נאָר אין גרויזאַמען שאָטן:

ברענגען קינדער אויף דער וועלט וואָלט געהייסן ברענגען נייע מוז-קאַנדידאַטן פאַר חברה קדישה, באַזאָרגן די באַ-דערפניש פון דער ערד אין פוילעניש, אין פעטס. משפחה וואָלט געהייסן — אַ פאַבריק, וואָס שטעלט צו נייע באַמיסטיקונג פאַר דער אַלטער ערד. מיר טראַכטן אַזוי אָבער נישט, ווייל מיר אַנטלויפן פון דער גרויזאַמקייט פון אונזער מענטשלעכער פאַ-רענדלעכקייט.

און ווייל מיר אַנטלויפן פון אָנערקענען אונזער פאַרענד-לעכקייט, שאַפן מיר אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך אַליין כּסדר אָפּנאַרערישע אילוזיעס, אין וועלכע ניכטערנהייט וואָלט מען געקאָנט אויפדעקן פאַלשקייט און צביעות.

אונזער באַערן דעם אָנדענק פון אַ געשטאָרבענעם — וואָס

איז עס, אויב נישט קיין קינדישער שפּיל מיט גלאַנציקע שטיינד־לעך נאָך דער לוויה פון זיין אייגענעם טאַטן, אַ משל וואָס איך האָב שוין אויבן ציטירט פון פּרצן? אַזאַ באַערן דעם אָנדענק איז שוין ביי אונז אויטאָמאַטיזירט, עס איז אַ נומער, איינער פון אַסך, פון „באָן טאָן", דאָס האַרץ די אוממיטלבאַרע עמפּפינדונג שפּילט דאָ דערביי זייער זעלטן אַ וועלכע ס'איז ראָל.

מיר דאַרפן „באַערן דעם אָנדענק" פון געשטאָרבענעם, פּונקט אַזוי ווי מיר דאַרפן אַ מאָציע צום אַפּעטיט.

אַריבערפירן דעם צווייטנס טויט אויף זיך — „היינט יענער, מאָרגן איך" — דאָס טוען מיר נישט. דאָס וואָלט אונז, חלילה, פאַרשאַט צום אייגענעם לעבנס־אַפּעטיט.

מיר גייען אויף אַ לוויה פון אונזערן אַ גוטן און פאַרערטן באַקאַנטן, מיר זעען, ווי מ'לאָזט אַראָפּ אין דער ערד זיין „איבערבלייב", היינט קאָנען מיר זיך נאָך דערלויבן אַ קוק טון אין טויטן פּנים אַריין, מיט אַ קורצער צייט שפּעטער וואָלטן מיר עס שוין נישט געטון — ס'וואָלט צו שטאַרק שאָקירט אונזער עסטעטיש געפיל. צי טוען מיר אָבער אַמאָל אַ טראַכט ביים אַראָפּלאָזן דעם טויטן אין זיין קבר: „אָט אַזוי וועל אויך איך שפּעטער אויסזעען"!?

אַ פרוי וויינט זיך אויס אויף דעם פרישן קבר פון נאָ־ענטן מענטש און... פאַרפּודערט איר פּנים, כדי אָפּצווישן דעם שפּור פון די טרערן: אַ שאָד די לעבנס־שיינהייט. אַ מענטש קערט זיך אום פון זיין פריינטס קבר גלייך אין אַרבעטס־אָרט צוריק: ער האָט אַ שעה אַרבעט פאַרפעלט.

צווישן אַלמנה־קלייד און נייעם קדושין־רינג איז אַ קליי־נער הפסק.

„וואָס מען לייגט אַריין אין דער ערד ווערט פאַרגעסן", און דאָסדאָזיקע פאַרגעסן ווערן גופא מאַכן לעבעדיקע מענטשן פאַר אַ טוגנד.

מ'דאַרף פון דער פאַרענדלעכקייט זיך אָפּצוימען מיט כּלערליי געקינסטלטע ווענטלעך — כּל זמן עס לאָזט זיך.

און נישט נאָר די אַלטע אידעאַלן ווערן נישט פאַרמינערט פון דער פאַרענדלעכקייט, פון דער פאַרענדלעכקייט גופא ווערן געשאַפן נייע אידעאַלן, גרויסע אידעאַלן.

אַזאַ אידעאַל איז „השארת הנפש" — ביי גלויביקע און „קיין זאַך גייט אין דער נאַטור נישט פאַרלוירן" ביי די נישט גלויביקע.

און אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע פאַלן, איז דער גורל פון די גלויביקע נישט אין פאַרגלייך בעסער, ווי פון די אומ-גלויביקע. די אומגלויביקע זענען פיל אימפּאָטענטער אין אידעאַל-שאַפונג ווי די גלויביקע. זייערע „אידעאַלן" זענען סוראָ-גאַטן, ביליקע נאָכמאַכונגען פון די אידעאַלן, וואָס די גלויביקע פאַרמאָגן.

„השארת הנפש" איז אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע אָבער אַ ראַדיקאַלע, אַן אומפּאַסנדיקע, זי קאָן באמת געבן טרייסט, איר פאַרטויבונגס-קראַפט איז באמת שטאַרק. די נאַטורוויסנ-שאַפטלעכע, ראַציאָנאַליסטישע „רעטונג" פון דער מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט איז אַ שערבעלע פון דער צעבראָכענער רעליגיעזער כלי, אַ שערבעלע צום פאַרבלענדן, צו שפּילן זיך מיט אים, אָבער נישט קיין כלי צום אומפּאַסן.

„השארת הנפש" רעטעט פון דער גרויזאַמקייט, וואָס געפינט זיך אין פאַרענדלעכקייט דורך דעם, וואָס זי לאָזט איבער דעם מענטש אַלס גאַנצן, דעם מענטש אין זיין מענטשלעכן — אַביסל גע-ענדערטן — וועזן. „דער מענטש לעבט ווייטער נאָך זיין טויט", פאַראַן אַן ערדיש לעבן און אַ הימליש לעבן. און דאָס צווייטע איז נאָך אַפילו בעסער און גאַנצער פון ערשטן. אין גן-עדן לעבט מען, גאַנצע מענטשן לעבן דאָרטן. זיי טוען דאָרטן אַפילו די אייגענע אַרבעטן, די בעסערע פון זיי, פאַרשטייט זיך, וואָס אויף דער ערד: אברהם זעצט פאָר זיין הכנסת אורחים משה לערנט תורה, יעזוס טוט זיינע רחמים-מעשים. מאַהאָמעד פלעכט נביאות-צווייגן אין גאָטס קראַנץ אַריין, בודהאַ העלפט מיט די געטער שאַפן זייער אויבערשטע קלוגהייט.

און אַז דער עיקר פון „השארת הנפש" איז דער גאַנצער מענטש, אַז אין „השארת הנפש", ווי די לעצטע זאָל נישט זיין פאַרדיכטעט, איז דער עיקר באמת די „השארת הגוף", קאָן מען זעען פון דעם צווייטן גלויבן, וועלכער איז אַ צווילינגס-ברודער פון „השארת הנפש" — פונם גלויבן אין „תחית המתים": מענטשן וועלן זיך אומקערן צו זייער פריערדיקן ערד-לעבן.

און דאַן — און דאָס איז די גרעסטע נקמה קעגן דער פאַרענדלעכקייט אַלס אַזעלכע, דאָס איז שוין די שטאַרקסטע קאָמפּענסאַציע — און דאַן וועט אַן ענדע נעמען צו דער פאַר־ענדלעכקייט גופא, „בלע המות לנצח".

וואָס זאָגט אונז די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע, ראַציאָנאַליסטי־שע אולוזיע צום אָפּלייקענען די מענטשלעכע פאַרענדלעכקייט?

„קיין זאַך אין דער נאַטור גייט נישט פאַרלוירן". אַ שטענדיקער „חוזר חלילה", אַ שטענדיקע וועקסל־באַציונג צווישן נאַטור־עלעמענטן, פון וועלכע דער מענטש איז נאָר אַ טייל — דער מענטש שטאַרבט אָפּ אין זיין איצטיקער פאָרם, ער נעמט אָבער אָן, לעבט צוריק אויף אין אַנדערע פאָרמען, דער מענטש נאָכן טויט צעפאַלט זיך אויף זיינע כעמישע יסודות א. א. וו.

דאָס אייגנטלעך־מענטשלעכע ווערט אָבער יאָ פאַרלוירן! וואָס־זשע האָט דער מענטש דערפון, וואָס פון אים ווערט נאָך זיין טויט אַ נ ײ ע ר „עפּעס", נישט זיין פריערדיקער מענטשלע־כער „עפּעס"? צי איז דאָס גרויזאַמע פון דער מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט אין דעם, וואָס דער מענטש זאָרגט פאַר דער גאַנצקייט פון דער נ אַ ט ו ר, אָדער דווקא אין דעם, וואָס ער זאָרגט פאַר זיין א ײ ג ע נ ע ר, פּסיכאָפיזישער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר גאַנצקייט?

קומט צום גוסס, ווען ער בעטלט פאַרצווייפלט נאָך אַ פּאָר ברעקלעך, מעגן זיי זיין אַפילו פאַרדאַרטע, פון מענטש־לעכן לעבן מיט אַ טרייסט: „דו גייסט נישט פאַרלוירן, פון דיר וועט ווערן כּהנה וכּהנה, אַזעלכע און אַזעלכע כעמישע שטאָפן". אַ קללה וועט ער דאָך אייך שיקן פון זיינע פאַרשטאַרטע אויגן אַרויס! —

די און די, די שאַפער פון דער רעליגיעזער קאָמפּענסאַ־טאָרישער פיקציע, ווי די שאַפער פון דער ראַציאָנאַליסטישער, זענען נביאי־השקר, ווייל די מענטשלעכע פאַרענדלעכקייט, די מענטשלעכע מינדערווערטיקייט אין איר אַבסאָלוטקייט ווערט דורך דעם נישט געמינערט. איינע, די רעליגיעזע נביאים, זענען אָבער העכער פון די צווייטע, פון די ראַציאָנאַליסטישע, ווייל זיי גיבן אַ גאַנצן ענטפער, אַ גאַנצע קאָמפּענסאַציע און די

אַנדערע – בלויז אַ ש ע ר ב ל פון אַן ענטפער, אַ ברוכשטיק פון אַ קאָמפּענסאַציע.

אין דעם אוראַלטן מנהג אַריינצולייגן אין קבר פון געשטאָרבענעם זיינע כלים, אַפילו שפּייז, אַפילו זיין פרוי און קנעכט, איז פאַראַן מער יסוד צו טרייסטן זיך פון פאַרענדלעכקייט, מער יסוד צום אילוזאָרישן פאַרניכטן די פאַרענדלעכקייט, מער יסוד ווי אין נאַטור-מאָניזם אַלס נאָכגעמאַכטע, מכלומרשטע רעליגיע, ווי אין יענער „ניכטערקייט" פון דעם ראַציאָנאַליסטישן באַקעמפער פון פאַרענדלעכקייט, וועלכער לאָזט איבער אין דער צוואה זיין קערפּער פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן.

די אַמאָליקע „ווילדע" פרוי, וואָס איז געגאַנגען אַליין מיטן אייגענעם ווילן אין קבר צוזאַמען מיט איר געליבטן מאַן, כדי דאָרטן מיט אים „פאָרזעצן דאָס לעבן", איז געווען מיט איר טאַט מער בכוח אילוזאָריש אָפּצושוואַכן די גרויזאַמקייט פון דער מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט, ווי יענע מאָדערנע פרוי, וואָס צוליב איר פאַרליבטקייט אין בערנאַרד שאָו, האָט זי געלאָזן אין איר צוואה אַ פּונקט: מ'זאָל אין דער הויט פון איר פּנים איינבינדן דעם געליבטן באַנד פון שאָוס ווערק און עס אַוועקשיקן דעם מחבר.

אויב די טראַגעדיע פון מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט קאָן און דאַרף געמאַכט ווערן צום פאַרגעסן ווערן, אויב זי מוז האָבן אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע, איז דער רעליגיעזער וועג זיכער אַ בעסערער, ווי דער אַ- אָדער אַנטי-רעליגיעזער!

ביידע אָבער זענען בלויז פיקציעס און די טראַגעדיע אַלס אַזעלכע פאַרבלייבט אויך נאָך זייער אָנווענדונג –

די טראַגעדיע פון דער מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט!

פערטער קאַפּיטל

דער געטשקע פון „אייביקייט"

די טראַגעדיע פון מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט איז שוין צו שאַרפע, צו ווייטיקדיקע, זי קאָן שטעלן אין סכנה די עצם-זעלבסטדערהאַלטונג, די עצם-אימפולסן צום לעבן ביז עס קומט דער סוף: „אַז מען דערמאָנט זיך אָן טויט איז נישט ניחא דאָס לעבן" — זאָגט דאָס פאָלק אַליין וועגן דער סכנה פון אָנערקענען די פאַרענדלעכקייט. האָט מען געמוזט צוטראַכטן אַ דירעקטע תרופה קעגן דער סכנה, אַ דירעקטן קעגנזאַץ צו דער פאַרענדלעכקייט, און אַזאַ צוטראַכטעניש איז עס טאַקע די „אייביקייט" אָדער די „אומשטערבלעכקייט", „אייביקייט" — אַ מונטערנדיקע אַנטיטעזע צו דער יאושדיקער טעזע: „פאַר-ענדלעכקייט", „אומשטערבלעכקייט" — אַנטיטעזע צו דער טעזע: „שטאַרבן, טויט".

אין „אייביקייט", ווי אין דעם לעצטן צעמענט אויף גאַנץ צו מאַכן די צעבראָכענע קאָריטע פון מענטשלעכער פאַרענד-לעכקייט, כאַפּן זיך אָן אַלע מענטשן, אָן אונטערשיד, די טרע-גער פון רעליגיעזע און מיסטישע, ווי אויך די פריידיקער פון „פרייע", אַטעיסטישע און ראַציאָנאַליסטישע אָנשויונגען.

און די לעצטע זענען אויך דאָ שטאַרק הינטערשטעליק

גבי די ערשטע.

אויב רעליגיעזע מענטשן האָבן פאַר זיך, מעג זיין אפילו בלויז אין דער פאַנטאַזיע, דורך קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע, אַ גרויסן, ווירקלעכן אַלמעכטיקן גאָט און די „אייביקייט" ביי זיי איז, צווישן אַלע אַנדערע, איינע פון גרויסן גאָטס סגולות, אַ טייל, אַן אַנטפּלעקונגס-פאָרם פון גאָט, האָבן שוין די נישט-רעליגיעזע מענטשן צו טון נאָר מיט קליינע, שוואַכינקע, אַפילו אַלס קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס,

שוואַכינקע געטשקעס און אויך די „אייביקייט", וואָס ביי זיי איז אַ נישטיקער געטשקע.

איין מאָל פאַר אַלע מאָל:

„גאָטהייט" אַליין איז טאַקע אויך אַ פיקציע, וואָס מענטשן האָבן צוגעטראַכט מיט דער כוונה צו קאָמפּענסירן מיט איר זייער מינדערווערטיקייט. „גאָטהייט" אַליין איז אויך נישט מער ווי אַ באַנדאַזש אויף די אייטערנדיקע ווונדן פון דער מענטשלעכער געפאַלנקייט. אָבער פון דערדאָזיקער פיקציע גופא האָבן נישט אַלע מענטשן גענומען גלייכע טיילן: ווער ס'האָט אַ גרעסערן און ווערטפולערן חלק פון דער פיקציע און דעריבער איז טאַקע אויך ביי זיי איר קאָמפּענסאַציע-פעיקייט שטאַרקער, און ווער ס'האָט אַ קלענערן און אומבאַדייטנדיקערן חלק און דעריבער טאַקע איז ביי זיי אויך די קאָמפּענסאַציע-פעיקייט פון זייער פיקציע שוואַכער.

ווער ס'נעמט פון „גאָטהייט" דאָס גאַנצע — די גאָט-הייט און ווער ס'נעמט בלויז טיילן, אַפּפאַל פון גאַנצן— געטשקעס.

די רעליגיעזע מענטשן זענען גליקלעכער, ווייל זיי זענען מאָנאָטעיסטיש אין זייער גאָטהייטס-פיקציע: זיי האָבן דעם גאַנצן, דעם איינהייטלעכן גאָט, די פרייגלויביקע די ראַציאָנאַליסטן, הגם זיי פּרעטענדירן אויף דעם לויב-טיטל פון מאָניזם, זענען באמת פּאָליטעיסטן, זיי האָבן אָנשטאָט איין גאַנצן גאָט גאָר מערערע שטיקלעך, נאָר ברוכטיילן פון געטער.

די „אייביקייט" פון די רעליגיעזע מענטשן איז אויך אַ גאַנצערע, אַ פולשטענדיקערע, אַ גאָטהייטס-אייביקייט, ווען די „אייביקייט" פון די נישט-רעליגיעזע איז בלויז אַ טייל-ווייזע, אַ נעבעכדיקע, אַ געטשקע-אייביקייט.

און אין לעצטן סך-הכל איז אָבער סיי די סיי די אַנדערע „אייביקייט" נאָר אַ געקינצלטע, אילוזאָרישע לאַטע צום פאַרדעקן דאָס לאָך פון פאַקטישער מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט.

די לאַטע-אַרטיקייט פון דער רעליגיעזער „אייביקייט" וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן, ווייל זי איז אַרויסגע-צויגן פון גבול פון סוביעקטיוו-מענטשלעכן אויפפאַסן. זי איז געריכטעט נישט אויף דעם ערדישן, דעם זייטיקן, עולם-הזהדיקן

מענטש, נאָר דווקא אויף מחוץ אים, דווקא אויף דער ווייט־רער טראַנסצענדענטאַלקייט, וואָס איז אָפּגעטיילט און וואָס איז איבער דער ערדישער עקזיסטענץ. זי ווערט געמאָסטן נישט מיט דער מאָס פון מענטשלעכן זכרון און מענטשלעכן צייטבאַגריף, און דעריבער איז דאָ דער פאַקט, וואָס מענטשן (רעליגיעזע) געדענקען נישט לאַנג זייערע אבות נישט קיין וועזנטלעכע סתירה צו דער עצם „אייביקייט".

נישט אין פאַרגלייך ערגער איז אָבער מיט דער נישט־רעליגיעזער, מיט דער פריידענקערישער „אייביקייט".

זי דאַרף דאָך לויט איר עצם בעיקר זיין געריכטעט אויף דעם אייגן־מענטשלעכן אויפפאַסן, זי מוז דאָך געמאָסטן ווערן בעיקר מיט מענטשלעכן זכרון און צייט־באַגריף, פאַר איר איז דאָך שוין דאָס כאַראַקטעריסטישע די צענטריפּעטאַלע קראַפט: דאָס וואָס פירט צום מענטש, אין קעגנזאַץ צו דער רעליגיעזער „אייביקייט" וואָס דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר איר איז די צענטריפוגאַלע קראַפט. דאָס וואָס פירט פון מענטש.

פרעגט זיך:

ווי גרויס איז צייטלעך די מענטשלעכע „אייביקייט"?

מ'קאָן באַטראַכטן צוויי מינים פון „אייביקייט", ריכטיקער: די „אייביקייט" לגבי צוויי באַזיצער אירע — „אייביקייט" פון אידעאַל און „אייביקייט" פון אידעאַל־טרעגער, „אייביקייט" פון אַבסטראַקטער מענטשלעכקייט און „אייביקייט" פון קאָנקרעטן מענטש.

וואָס פאַר אַ צייט־דויער עס האָט די „אייביקייט" פון אידעאַל, פון אַבסטראַקט־מענטשלעכן, האָבן מיר שוין געזען. אַ אידעאַל, ווי דערהויבן ער זאָל נישט זיין, ווי וויכטיק אין דורכבּרעכעריש פאַר נייע וועגן ער זאָל נישט זיין בשעתו, פאַרשווינדט זייער גיך פון מענטשלעכן לעבן. די נייע שטראָמען פון נייע אידעאַלן־צופלוסן שלינגען איין פריער־שפּעטער די אַלטע שטראָמען און ברענגען צו אַ בולטן אָפּפלוס פון די עלטערע אידעאַלן. „אייביקייט פון אַ אידעאַל", ווען מען זאָל עס נעמען אין ראַמען פון מענטשלעכן זכרון און צייט־באַגריף, איז באמת נאָר אַ פאַריבערגייענדיקער עפּיזאָד און נישט מער. וואָרום, ווען מיר נעמען אַפילו די העכסטע אידעאַלן: די נביאישע אידעאַלן,

ד אידעאַלן פון מאָנאָטעיזם, פון קריסטנטום א. א. וו., זענען זיי דאָך מפּיל-קינדער אין פאַרגלייך מיטן דויער פון דער פּאַקטישער מענטשלעכער געשיכטע.

„פיר טויזנט יאָר" איז שוין דער ווייטסטער גרענעץ-פונקט פאַר צו אונז דערגאַנגענעם (און פון אונז נישט-אויסגעהאַלטענעם) מענטשלעכן אידעאַל, ווייטער קומען: „צוויי טויזנט יאָר" (קריסטנטום) און נאָך ווייניקער. וואָס איז עס אָבער אין פאַרגלייך מיט די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יאָרן פון מענטש- און וועלט-עקזיסטענץ? און ווו איז דער שריד ופליט, דער שוואַכסטער אָפּגלאַנץ פון פריערע, פון עלטערע אידעאַלן? — אַלע עלטסטע אידעאַלן, וואָס מיר ווייסן נאָך וועגן זיי, זענען דאָך באמת גאָר יונגע אור-אייניקלעך פון געשיכטלעכן דויער, און וואָס ווייסן מיר וועגן די אור-אור-זיידעס פון מענטשלעכן אידעאַל?

ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ נישטיקע ברוכצאָל פון דער פאַרגאַנגנהייט אָט די „אייביקייט", וואָס ד'ערגייט צו אונז פון אַמאָליקע אידעאַלן.

אַרכעאָלאָגן און היסטאָריקער באַמיען זיך, אמת, זייער שטאַרק און מיט אומדערשעפּטן פלייס אַ ביסעלע אויסצוברייטערן אונזער צייטלעך-שמאָלע „אייביקייט", זיי גראָבן אין דער טיף פון דער ערד, ווו די אַמאָליקע „אייביקייט" איז פאַרשוווּנדן, זיי פאָרשן און נישטערן — און זיי געלינגט אַמאָל צוצוגעבן נאָך אַ שערבל צו דער צעבראָכענער „אייביקייט", נאָך אַ טויזנט, אַ פּאָר טויזנט יאָר. וואָס באַטייט אָבער דאָס געפונענע, דאָס אָפּגערעטעטע אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרלוירענעם, מיט דעם פאַרשוווּנדענעם לדורי-דורות?

באמת אייביק איז דאָ נאָר דאָס פעלן פון „אייביקייט"! אייביק איז נאָר די קורצקייט פון אונזער זכרון, אונזער אומפעיקייט אַרויסצונעמען ווערטן אין זייער אַבסאָלוטן, קאָסמישן דויער.

אָבער נאָך קלעגלעכער איז מיט דער „אייביקייט" פון אידעאַל-טרעגער, פון אידעאַל-פאַרקערפּערער, מיט דער „אייביקייט" פון קאָנקרעטן מענטש אָדער מענטשן-דור פון באַשטימטן מענטשלעכן קאָלעקטיוו.

דאָ דאַרף מען אָפּטיילן גרעסערע פון קלענערע מענטשן. דורכשניטס-מענטשן פון איבערדורכשניטס-מענטשן, געוויינלעכע פון גאונים.

ווער רעדט שוין וועגן די קלענערע, וועגן די דורכשניטס-מענטשן — זייער „אייביקייט" איז דאָך שוין געוויס אַ קליינע, גאָר קליינע, ביז באַליידיקונג נישטיקער טראָפּן אין ים פון פאַרגעסלעכקייט, פון פאַרענדלעכקייט. אָבער אפילו שוין דער גורל פון איבערדורכשניטלעכן מענטש, פון גאון איז דאָך נישט פיל בעסער.

דער דורכשניטס-מענטש — ווי לאַנג געדענקען מיר אים, ווי לאַנג בלייבט זיין שוואַכער שפּור אין אונזער עקזיסטענץ, אין זכרון פון די, וואָס קומען נאָך אים?

סיי קוואַנטיטאַטיוו, בנוגע דעם קרייז פון מענטשן, וועלכע געדענקען אים, סיי קוואַליטאַטיוו, בנוגע דער שאַרפקייט און קראַפט פון זיין איבערגעלאָזענעם זכרון, איז די „אייביקייט" פון אַזאַ דורכשניטס-מענטש מער ווי מיקראָסקאָפּיש.

קוואַנטיטאַטיוו — ווי גרויס איז דער קרייז פון מענטשן, וועלכע האַלטן איין דעם אָנדענק פון פאַרשווונדענעם דורכשניטס-מענטש? — בלויז די נאָענטסטע, די בלוט-פאַרוואַנדטע פאַמיליע-קרובים און די פריינט. ווי גרויס איז אָבער די מענטשלעכע משפּחה? ווי גרויס איז די צאָל פון נאָענטע פריינט, וואָס אַ מענטש האָט?

אין דעם פּרט ברענגט אַריין דאָס נייע אָרט לעבן אונזערס אַלץ גרעסערע און גרעסערע פאַרוויסטונגען, אונזערע נייע לעבנס-נאָרמען רויבן אָפּ אַכזריותדיק אפילו יענע „כבשת הרש" פון „אייביקייט", וואָס עס האָט געהאַט דער דורכשניטס-מענטש אַמאָל, ביים מער פּרימיטיוון לעבן.

אין קליינעם שטעטל דויערט דער אָנדענק פון געשטאָרבענעם לענגער און די צאָל פון די, ביי וועמען דער אָנדענק ווערט איינגעהאַלטן, איז גרעסער, ווי אין כרך, וועלכער צערייסט די אַזוי אויך שוואַכע פעדים צווישן מענטשן, וועלכער אינדיווידואַליזירט אַלץ מער די מענטשלעכע אינטערעסן און מאַכט יעדן איינצלנעם אַלץ מער עגאָצענטריש, אַלץ מער אַריינגעגאָסן אין זיך.

אַלזאָ, אין ציפערן אויסגעדריקט, וויפיל מענטשן פאַרבאַ־האַלטן ביי זיך געוויינלעך דעם אָנדענק פון דעם פאַרגאַנגענעם לעבן פון אַ געשטאָרבענעם דורכשניטס־מענטש ? — 30-20-10-5 אָדער אַביסל מער. ווען מען זאָל אָט די צאָל טון אָנדענק־אויפהאַלטער פאַרגלייכן מיט דער ריזיקער צאָל פון די, וואָס האָבן קיין אַנונג נישט וועגן דעם געגעבענעם טרעגער פון „אַמאָל איז געווען אַ מענטש", ווען מען זאָל וועלן זיך אָפּ־געבן מיט דער אַנעקדאָטישער אויפגאַבע פון אויסרעכענען, וואָס פאַר אַ מילי־מיליאָנען ברוכצאָל עס בילדן די 30-20-10-5 „געדענקער" פון דער אַלגעמיינער צאָל מענטשן „נישט־געדענ־קער" אויף דער וועלט. — וועלן מיר באַקומען דעם פאַקטישן באַטייט פון דער „אייביקייט" פון דורכשניטס־מענטש.

און ווי איז עס מיט דער שאַרפקייט, מיט דער קראַפט פון אויפגעהאַלטענעם „אָנדענק", ווי איז עס מיט דער „אייבי־קייט" פון דורכשניטס־מענטש, אַזוי צו זאָגן, קוואַליטאַטיוו ?

פון טאָג צו טאָג ווערט דער אַזוי אויך קלעגלעכער „אָנ־דענק" שוואַכער און בלאַסער. תיכף נאָכן טויט באַוויינט מען דעם אוועקגעגאַנגענעם און וואָס שפּעטער אַלץ מער געוויינט מען זיך צו צו דעם. תיכף מאַכט דער טויט אַ שניט אין באַ־וווסטזיין פון די געציילטע קרובים און פריינט, שפּעטער אָבער ווערט דער שניט אַלץ מער פאַרוואַקסן, אַלץ ווייניקער קענטיק.

אַפילו ביי דעם הייפעלע „געדענקער" ווערט דער „אָנ־דענק" דעגראַדירט „צו אַ געלעגנהייטס־זאַך, צו „אַ מצוות עשה שהזמן גרמא": איין מאָל אין יאָר זאָגט אַ זון נאָך דעם פאָטער־מוטער „קדיש", איינמאָל אין דרייהונדערט פינף און זעכציק טעג ווערט איינגעאָרדנט אַ יאָרצייט, אַ 1/365 פון צייט, שוין פון יענער באַגרענעצטער צייט, וואָס די „געדענקער" אַליין באַזיצן (זיי וועלן דאָך אויך גיך אוועק און פאַרשווינדן און אַליין ווערן סוביעקטן פון „אָנדענק") בילדעט די „אייבי־קייט" פון דורכשניטס־מענטש.

אָט אין דעם פלעמל פון טריפנדיקן און וואָס ווייטער אַלץ זיך פאַרקלענערנדיקן יאָרצייט־ליכט, וואָס ברענט איין נאַכט אין יאָר, דאַרף מען זוכן די דורכשניט־מענטשלעכע „אייביקייט".

און ווי לאַנג האַלט זיך אויף דער אָנדענק פֿון דורכשניטס־מענטש ? — אין משך פֿון איין ד ו ר, מאַקסימום פֿון צוויי דורות, נישט מער. קינדער דערמאָנען נאָך זייערע עלטערן, אייניקלעך קאָנען נאָך אויך דערמאָנען זייערע אורעלטערן, אָבער ווייטער פֿון דעם גייט עס נישט.

דורכשניטס־מענטשן באַמיִען זיך מיט די קליינע מיטלען, וואָס זענען דאָ אין זייער רשות, — און ביז פּיינלעכקייט, ביז טראַגיזם דערגייען דידאָזיקע אָנשטרענגונגען און באַמיִונגען, — צו פֿאַרגרעסערן, צו פֿאַרלענגערן כאָטש אַביסל די „אייביקייט".

זיי גיבן זייערע קינדער נעמען נאָך די פֿאַרשטאָרבענע, — זאָל כאָטש דער נאָמען בלייבן א. א. וו.

ווער פֿון די נעמען־טרעגער ווייסט עפּעס צו זאָגן וועגן איינעם, צוויי פֿאָרגענגער פֿון די, וועמעס נאָמען זיי טראָגן ? און נאָך מער: ווער ווייסט עפּעס צו זאָגן אַפֿילו וועגן דעמ־יעניקן אייניציקן, וועמעס נאָמען עס איז צו זיי אַריבער ? די „אייביקייט" איז דאָ אַ קליין, גאָר קליין רפֿואה־לעפֿעלע אויף אַ מאַוימדיקן ים פֿון מענטשלעכער פֿאַרגעסלעכקייט און פֿאַרענדלעכקייט.

אָבער אַפֿילו דער איבערדורכשניטס־מענטש, דער גאון האָט אויך נישט פֿיל בעסער מיט זיין „אייביקייט".

ווי לאַנג און ווי שטאַרק בלייבט דער „אָנדענק" פֿון גאון ? — דער קרייז פֿון „געדענקער" איז לגבי דעם גאון, אמת, גרעסער, ווי לגבי דעם דורכשניטס־מענטש: זיין אָנדענק האַלטן אויף גאַנצע מענגען פֿון מענטשן העט ווייט א י ב ע ר די גרענעצן פֿון איין לאַנד און אפֿילו פֿון איין וועלט־טייל. אַריסטו, סאָקראַטעס א. א. וו. זענען אינטערנאַציאָנאַלע און אינטערטעריטאָריאַלע נעמען. אָבער דאָ שפּילט אויך די צייט אַ פֿאַרניכטנדיקע ראָל: וואָס גרעסער עס איז דער צייט־דויער, אַלץ קלענער ווערן סיי די קרייזן פֿון די „געדענקער", סיי די קראַפֿט פֿון זייער „געדענקען". ביי הייַנטיקן טאָג זענען די דערמאָנטע, אַלס ביישפּיל, די גאונים־נעמען: אַריסטו, סאָקראַטעס פֿאַר דער ווייט־איבערוויגנדסטער מענטשהייט, אַפֿילו פֿאַר די אינטעלעקטועלע נ י ש ט מ ע ר ו וי נ ע מ ע ן, באמת געדענקען זיי נאָר געציילטע, נאָר ענגערע פֿאַכלייט, נאָר מענטשן,

וואָס „אמנתם בכך" — וואָס זייער עובדה אין לעבן איז צו פאָרשן און געדענקען די אַמאָליקע גאונים.

אין דעם פרט זענען אָט די געציילטע פאַכלייט אַ היינט-וועלטיקע אויפלאַגע פון אַמאָליקע פראָפעסיאָנעלע „באַוויינער": פלעגט שטאַרבן אַ גרויסער מענטש פלעגט דער קאָלעקטיוו (די משפחה, דאָס פאָלק, די מלוכה) דינגען עטלעכע ספּעציאַליסטן באַוויינער זאָלן זיי באַקלאָגן דעם גרויסן אַוועקגעגאַנגענעם און מיר אַלע, די איבעריקע, וועלן ש פּ אָ ר ן טרערן.

די פאַכלייט, וואָס געדענקען נאָך יאָ די אַמאָליקע גאונים, זענען עס די פון דעם בעסערן מענשטלעכן געוויסן, אָנגע-שטעלטע-ספּעציאַליסטן „באַוויינער" און אויפהאַלטער פון גאונימס זכרון.

די צייט, וואָס מען געדענקט די גאונים, איז אויך אַסך, אַסך גרעסער פון דער צייט, וואָס מען געדענקט דורכשניטס-מענטשן. דאָ מעסט זיך שוין די צייט נישט מיט דורות, נאָר מיט הונדערטער און אַמאָל אויך מיט טויזנטער יאָרן.

אָבער, ווידער אַמאָל, וואָס פאַר אַ באַטייט האָט אָט די צייט לגבי דער ק אָ ס מ י ש ע ר צייט, לגבי דער אמתער צייט פון אמתער „אייביקייט" ?

אויב די „אייביקייט" פון דורכשניטס-מענטשן איז געגליכן צו אַ מיקראָסקאָפּיש-קליין לעפעלע, איז די „אייביקייט" פון גאון שוין אַ היבש ביסל גרעסערע רפואה-לעפל קעגן דעם אין-סופיקן ים פון פאַקטישער פאַרגעסלעכקייט.

די פאַרגעסלעכקייט ווערט פון אָט דערדאָזיקער „אייביקייט" נישט אָנגערירט אַפילו ! — און ווי ווייט די „אייביקייט" אַפילו פון גרויסע מענטשן, פון גאונים, ווערט צעשמאָלצן פאַר אונ-זערע אויגן, אָט ווי יענע יאָרצייט-ליכט נאָך דעם דורכשניטס-מענטש, קאָנען מיר דאָך זען כסדר, טאָג-איין טאָג-אויס : נישט לאַנג, למשל, האָט אַ פראַנצויזישע צייטונג געמאַכט אַן אַנקע-טע צו דער אָפּשאַצונג פון וויקטאָר הוגאָס באַטייט, און דער גרעסטער טייל פון די געפרעגטע האָט געענטפערט מיט אַן אַ נ ו ל י ר ו נ ג ס - אָפּשאַצונג.

ווי לאַנג איז עס, אַז ה ו ג אָ האָט נאָך געלעבט צווישן אונז און אַ ל ע האָבן געהאַלטן פון זיין אומצווייפלדיקן באַטייט,

און ס'האָט נאָך נישט באַוויזן הויך אויסצווואַקסן דאָס „אייביקייטס"-גראָז אויף זיין „פאַרענדלעכקייטס"-קבר, ווי מען פּיצלעט שוין אויס דידאָזיקע נאָך קליינע גראָזן אויך, ווי אומפאַרדינטע, ווי איבעריקע.

און אָט איז סך-הכל 20 יאָר אַריבער פון טאָלסטאָיס טויט, מען האָט ערשט געפייערט זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג, דויפיל קולות אָבער הערן זיך שוין צו פאַרמינערן, צו באַגרענעצן טאָלסטאָיס באַטייט?

פעטער דער גרויסער האָט אַ שטאָט געבויט און די שטאָט האָט זיין נאָמען געטראָגן, זעבעצן אַריבער סך-הכל קנאַפּע עטלעכע הונדערט יאָר און זיין נאָמען פון זיין שטאָט איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אַנדערן נאָמען, ווי לאַנג וועט נאָך אָבער אויסקומען צו וואַרטן אויף דעם „על דאטפת אטפוך" אויך פון נייעם נאָמען, וואָס וועט פאַרביטן ווערן ווידער מיט אַ נייעם נאָמען פון אַ נייעם גרויסן?

און אַזעלכע ביישפּילן קאָן מען דאָך ברענגען אין די הונדערטער, און אַסך גרעסערע צאָלן פון די, וואָס באַצייכענען דעם דויער פון דער „אייביקייט" אַפילו פאַר גרויסע מענטשן, פאַר גאונים.

די פון מענטשן אויפגעשטעלטע „אייביקייט" איז אַן און פאַר זיך אַ קאָמיש און שוואַך געבוי, וואָס ציטערט און טרייסלט זיך אויף זיינע רושטאָוואַניעס, דערפאַר אָבער איז טיף טראַגיש יענע נויטיקייט, וואָס האָט די מענטשן געבראַכט צו אָט דעמדאָזיקן געבוי, טיף טראַגיש איז די סיבה פון דעם מענטשלעכן בויען די אילוזאָרישע „אייביקייט".

דידאָזיקע סיבה איז — די מורא פאַר דער פאַרענדלעכקייט, דער רצון צו אַנטלויפן פון אירע שוואַרצע שאָטנס — מעג עס אַפילו זיין צום שוואַכן שיין פון אילוזאָרישע צאַנקנדיקע חלבנע ליכט פון מכלומרשטער „אייביקייט".

אַ קינד, וואָס „שלאָגט אָן" אין זיין אומבאַהאָלפנקייט די ערד, אויף וועלכער ער איז געפאַלן און זיך צעמזיקט — דאָס איז דער מענטש, די מענטשהייט, וועלכע קאָמפּענסירט מיט „אייביקייטס"-פּיקציעס די פאַקטישע „פאַרענדלעכקייט".

וואָס האָט דער מענטש אַליין, נאָכדעם ווי ער ווערט

אויס מענטש, פון זיין „אייביקייט"? וואָס האָט אַריסטו, סאָ־קראַטעס פון דעם, וואָס זייערע נעמען טראָגן זיך נאָך אויף ליפּן, וואָס זייערע אַמאָליקע רייד ווערן איבערגעחזרט און געפאָרשט, געלערנט און קאָמענטירט, ווען זיי אַלע זענען שוין לאַנג, לאַנג נישטאָ און פון זייער פּסיכאָ־פיזישן זעלבסטשטענדי־לעכן מענטשלעכן וועזן איז אַפילו קיין שפּור נישט פאַרבליבן?

ווען מען וואָלט דעם גאון בשעת זיין גסיסה געשטעלט אַ דילעמע: אָדער נאָך אַ טראָפּן, איין קליינעם טראָפּן פון איינפאַכן, דורכשניטלעכן לעבן אָדער אַ גאַנצן ים פון אי־בערדורכשניטלעכן אָנדענק, פון „אייביקייט" — צי וואָלט ער נישט אויסגעקליבן דאָס ערשטע?

„אייביקייט", אויף וויפיל זי איז פאַראַן, גיט זי עפּעס נאָר אונז, די „אייביקייטס"־דינער, אַ טרייסט אין דעם צער פון אונזער נאָך נישט פאַרענדיקטער „פאַרענדלעכקייט", אָבער נישט אים, דעם נישט־עקזיסטירנדיקן טרעגער פון דער „אייביקייט", אים, דעם געוועזענעם כהן־גדול וועמעס פאַרענדיקטע „פאַרענדלעכקייט" האָט אים שוין געמאַכט פאַר אויס „כהן" און אויס „גדול".

די „אייביקייט" איז פאַר אונז אַ פאַראַד־מאַרש, אַ מפלומרש־טער נצחון־מאַרש פאַר די, וואָס גייען צו פאַקטישער מפּלה, די „אייביקייט" מאַכט אונז אין משך פון אונזער קורץ לעבן פאַרגעסן אונזער „פאַרענדלעכקייט".

ווייל קיין גאָט האָבן מיר נישט, האָבן מיר אויסגעקליבן אַ כמו־גאָט, אַ געטשקע, צו וועמען מיר בוקן זיך און וועמענס נאָמען מיר לויבן —

דער געטשקע פון „אייביקייט"! —

פינפטער קאַפּיטל

אין שטענדיקן „ערב"

אויב די געטשקע פון „אייביקייט" פאַרוואַנדלט אונזער לעבן אַלס גאַנצעס אין אַן „ערב"-עפּעס, אין אַ צווייטראַנגיקן קאָרידאָר, וואָס זיין גאַנצע אויפגאַבע און באַדייטונג איז נאָר אין דעם, וואָס ער פירט צו אַ ווייטערן און ווערטפולערן זאַל, אויב ביי דער „אייביקייטס"-אילוזיע האָט אונזער עקזיסטענץ ביים לעבן נאָר אַ באַדינונגס-ראָל, ווייל דער אייגנטלעכער צוועק פון אונזער לעבן אויף דער ערד, פון אונזער קערפּערלעכן לעבן איז גאָר דאָס הימלישע לעבן, דאָס גייסטיקע לעבן, „יענץ לעבן", וואָס הויבט זיך אָן אין זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ ערשט נאָכדעם, ווי מיר גייען אַוועק פון דער ערד, נאָכדעם ווי מיר גייען אַוועק אין דער ערד, — איז אָבער אונזער ערדיש לעבן גופא ווידער אַמאָל איינגעקלאַמערט אין סדום-בעטל פון אַן ענלעכן „ערב".

יעדער איינצלנער מאָמענט אין אונזער ערדישן, ד. ה. פּאַקטישן לעבן, יעדע אַרבעט אונזערע און אונטערנעמונג, אַלץ, פון וואָס עס שטעלט זיך אויף דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון מערצאָליקע האַנדלונגען און טאַטן אונזערע, איז נאָר אַ מיטל צו עפּעס און נישט דער „עפּעס" גופא, אַלס יום-טוב, נאָר אַ וואָכעדיקער „ערב"-יום-טוב.

אַ פאָלקס-ווערטל טיילט מיט הלצה די מענטשן אויף צוויי קאַטעגאָריעס. „איינער לעבט צוליב דעם עסן און דער אַנדערער עסט צוליב דעם לעבן".

אין דעמדאָזיקן ווערטל איז פאַראַן אַ טיפער זין. אַלע מענטשן אָן אויסנאַם, דאָס גאַנצע לעבן אונזערס, קומט באמת טאַקע פאָר אונטער דעם אומבאַדינגטן און שטענדיקן „צוליב".

שטענדיק, פון געבוירן-ווערן אָן ביז דעם סאַמע אויסהויכן די נשמה, האַלטן מיר דאָך טאַקע אין איין גרייטן זיך צו

עפּעס, צו עפּעס, וואָס שטייט מחוץ דעם אויגנבליק פון אונזער האַנדלונג, אין איין כּסדרדיקער פאַרבעריייטונג גייט איבער אונזער גאַנצע עקזיסטענץ מיט דעם גאַנצן קאָנקרעטן פילאָר־טיקן אינהאַלט, וועלכער פילט זי אָן און אויס.

נעכטן האָבן מיר זיך געגרייט צום היינט, היינט גרייטן מיר זיך צום מאָרגן, מאָרגן — צום איבערמאָרגן א. א. וו. אָן אַ סוף.

וואו־זשע איז דער איינאייינציקער מאָמענט, אויף וועלכן מיר זאָלן קאָנען זאָגן מיט קאַטעגאָרישקייט און צופרידנקייט:

— דאָס איז דער ענדגילטיקער „עפּעס", צו וועלכן מיר האָבן זיך געגרייט אין דער גאַנץ־לאַנגער ריי פון פריערדיקע „ערבן"? ! —

אַז שטענדיק האַלטן מיר נאָר אין גרייטן זיך צום לעבן, ווו־זשע איז יענץ לעבן גופא, וואָס איז דער צוועק פון אונ־זער לאַנגן גרייטן זיך? —

ווען מיר ווילן אילוזאָריש פאַרדעקן אונזער עלנד, ווען מיר ווילן פון נויט גופא מאַכן אַ טוגנד, שאַפן מיר דעם פאַר־בלענדנדיקן גלאַנץ פון „אַנטוויקלונג", פון „פּראָגרעס" —

די גאַנצע מעלה אונזערע, הייסט עס, איז טאַקע אין דעם, וואָס מיר שטעלן זיך נישט אָפּ, וואָס מיר האַלטן זיך אין איין הויבן אויף די שטאַפּלען פון לעבנס־לייטער. דערגרייכט אַ העכערן שטאַפּל, ווערט שוין דערדאָזיקער שטאַפּל גופא תּיכּף אַ פוס־בענקל, אָן אָנלען פאַר הויבן זיך צו דעם ווייטערן, נאָך־העכערן שטאַפּל, פון איין „ערב" צום צווייטן „ערב" — דאָס איז אונזער לעבנס־וועג, מיט וועלכן מיר דאַרפן עס שטאָלצירן.

אָבער ווען לעבן איז נאָר אין שטרעבן, ד. ה. נאָר אין פּערמאַנענטן „ערב", נאָר אין פּערמאַנענטן הויבן די פיס, איז דאָך ממילא קיין לעבן נישט, איז דאָך קיין באָדן נישטאָ אונטער די פיס.

דער וואָס האַלט אין איין נאָכלויפן נאָך אַ גאַלאָפּירנדיקן רייט־וואָגן, מעג אָט דער וואָגן זיין ווי רייך באַצירט און ווי לאָקערנדיק, — און נישט דעריאָגן אים, איז ער דאָך דורכדעם נאָר אַ נאָכלויפער אונז נישט קיין באַזיצער פון רייס־וואָגן. דאָס

איינאיינציקע „באזיצן" פון „וועלן באזיצן" איז דאך נאך קיין אמתר באזיצן נישט.

אין דעם פרט איז דאך דער מענטש, דער וואס אטעסטירט זיך אליין אלס „בחיר היצורים", ערגער פון לעצטן מעכאנישן געגנשטאנד אין דער וועלט.

א שרייפל אין א ראד האט זיין לעצטע בארעכטיקונג: צוליב אים, דעם שרייפל, מיט זיין הילף דרייט זיך דאס ראד אין פאבריק, און ווען דאס ראד קומט אין באוועגונג, האט שוין ממילא דאס שרייפל זיין צוועק דערגרייכט, געענדיקט דעם „ערב"-יום-טוב און אנגעהויבן דעם עצם יום-טוב.

דאס ראד אין זיין ריי האט אויך זיין לעצטע בארעכטיקונג: צוליב אים, מיט זיין הילף ארבעט די מאשין, און ווען די מאשין ארבעט און פראדוצירט, איז שוין ממילא דעם ראדס צוועק ד ע ר ג ר יי כ ט.

ווען מיר, מענטשן, זענען אבער דאס שרייפל, דאס ראד און די מאשין אלע צוזאמען, ווען מיר האלטן אין איין שטענדיקן „ערב" און דער דערגרייכטער יום-טוב אפילו ווערט פאר אונז אין א נייעם „ערב" פארוואנדלט, און מיר האבן קיינמאל נישט קיין ענדגילטיקע דערגרייכונג. — ווו זשע איז אונזער לעבן?

צווישן איין „צוליב" און דעם אנדערן, צווישן איין שטאפל מיט דעם צווייטן הענגען מיר, — ווו-זשע איז דער מאמענט אויף שטיין, אויף הארט און פעסט צו שטיין אביסל? מיר בענקען נאך דעם אלטן, מיר שטרעבן צום נייעם, — דאס אלץ זענען דינאמישע צושטאנדן, — ווו-זשע איז אונזער לעבנס-סטאטיק, אונזער לעבן גופא? —

ווען א קינד איז קליין, איז זיין צוועק: „א דערוואקסע-נער ווערן", ווען א דערוואקסענער טוט עפעס, איז זיין צוועק דאס, וואס וועט פון געטוענעם ארויסקומען, און ווען דאס געהאפטע קומט שוין ארויס, ווערט עס ווידער א מיטל צו א נייעם צוועק. וויפיל מיטלען, אזוי פיל צוועקן, וויפיל צוועקן, אזוי פיל נייע מיטלען, — ווו-זשע איז דער לעצטער, דער ענדגילטיקער צוועק? —

כסדר זיין אין א צוגרייטונגס-שול, מעגן אין דער שול זיין אפילו קלאסן און שטופן, כסדר זיין אין דער ראל פון א

„תלמיד״ — הייסט דאָך קיין „לעבן״ נישט. מען מוז דאָך אַמאָל די שול ענדיקן. ענדיקן אַזוי, אַז דאָס, צו וואָס די שול האָט געגרייט, זאָל זיין איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערגרייכט.

צי איז אַזאַ ענדיקן די שול — דאָס שטאַרבן, דאָס לעצטע אויסהויכן די נשמה, — אויב צו דעם אַטעסטאַט פירן די לאַנגע שטופן און די קלאַסנרייכע שול, דאַרף דאָך בכלל נישט זיין קיין באַגייסטערונג, קיין אימפולסן איבערצובלייבן אין שול און איבערצוגיין פון קלאַס צו קלאַס, פון שטופע צו שטופע!

נעמט אַ מענטשלעכן לעבנס-טאָג:

ער שטייט אויף פון שלאָף, כדי ער זאָל קאָנען גיין צו דער אַרבעט, ער גייט צו דער אַרבעט, כדי ער זאָל עפּעס אויפטון, ער טוט דעם עפּעס אויף, כדי ער זאָל קאָנען עסן-טרינקען, גיין אין טעאַטער א. א. וו., ער עסט-טרינקט א. א. וו., כדי ער זאָל קאָנען שפּעטער איינשלאָפן און עס ווידערהאָלט זיך כסדר וחוזר חלילה: ער שלאָפט, כדי ער זאָל קאָנען מאָרגן ווידער גיין צו דער אַרבעט א. א. וו.

וווּ-זשע איז אין דעם גאַנצן „צירקולוס וויציאָזוס״ פון די אַלע „כדים״ און „צוליבס״ דער אמתער צוועק, דאָס, וואָס בילדעט סוף-כל-סוף דעם אינהאַלט פון לעבן גופא?

טיילן די צווישן-צוועקן, די צוועקן, וועלכע זענען באמת נאָר נייע מיטלען צו אַנדערע צוועקן אויף „העכערע״ און „נידעריקערע״, בייט נישט דאָס וועזנטלעכסטע אין דער זאַך. סוף-כל-סוף איז די „העכערקייט״ פון באַשטימטע צווישנצוועקן, פון די כלערליי טייל-צוועקן ווידער אַמאָל נישט מער, ווי אַ אילוזיע, ווי אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע, — וואָרום ווי אַזוי קאָן מען פעסטשטעלן די אַבסאָלוטע העכערקייט פון צווישן-שטופן? „אַבסאָלוט״ איז דאָך דער בולטסטער קעגנזאַץ פון יע-דער צווישנקייט, וועלכע איז שוין לויט איר תוך נישט-אַב-סאָלוט.

און וואָס איז דער אונטערשייד צווישן „איך באַזוך טעאַטער, כדי צו וועקן קינסטלערישע אימפּולסן״ און צווישן „איך עס פלייש מיט קרויט, כדי צו לאָזן קאָכן דעם מאָגן״? — וועקן קינסטלעריש-עסטעטישע אימפּולסן, וועלכע זענען אַ מיטל,

אַ פֿאַרשטופּטע צו עפּעס, איז דאָך דאָס אייגענע „לאָזן קאָכן דעם מאָגן", אין דעם פֿאַל: דעם עסטעטישן, קינסטלערישן מאָגן.

ווי איז אָבער דאָס יעניקע געהיימניספֿולע און פֿאַרבאַהאַלטענע, צוליב וואָס באמת און ענדגילטיק מען „לאָזט קאָכן דעם מאָגן"?

עס האַנדלט זיך שוין נישט וועגן אַבסאָלוטן, וועגן ממשותדיקן תּכלית פֿון עקזיסטענץ, נאָר אַפֿילו וועגן אילוזאָרישן גופֿא: אַפֿילו אַן אילוזאָרישן „עפּעס" מוז דאָך, כאָטש אין יעדן אויגנבליק באַזונדער, זיין אַן אילוזאָריש-ענדגילטיקער, עס מוז דאָך אין אים קלינגען דער „געקומען" און נישט נאָר איינאונאיינציק און אויסשליסלעך דער „מיר גייען".

עס מוז דאָך אַ רו-פּונקט זיין אַזאַ, ווי מען שטעלט זיך אָפּ מיט דער אָנערקענונג: דאָס איז ער, דער פּונקט, וווּהין מיר זענען געגאַנגען, צו וועלכן מיר האָבן געשטרעבט. אַז דער „רו-פּונקט" זאָל אָבער זיין אין שטענדיקער באַוועגונג, אין שטענדיקן איבערוואַרפֿן זיך פֿון פּונקט צו פּונקט, איז עס דאָך קיין רו-פּונקט נישט. אַזאַ שטענדיקע באַוועגונג, ווען דער זיך-באַוועגער ווייסט נישט וווּהין און צוליב וואָס ער באַוועגט זיך, איז דאָך אַ שפּיל פֿאַרן טייוול, פֿאַר יענעם טייוול, וועלכער אויטאָמאַטיזירט אונז און מאַכט אונז „ללעג ולקלס".

אַז דער מצב פֿון שטענדיקן „ערב" איז אַ ביטערע קללה פֿון אונזער מענטשלעכן עלנד, אַזאַ קללה, וואָס לאָזט זיך שוין נישט לייכט פֿאַרווישן און פֿאַרדערט כּסדר אַ תּיקון, איז צו זען פֿון דעם, וואָס מענטשן, דיכטער און דענקער, זוכן אין שמאַרצנדיקע קאָנוווּלסיעס אַ „צוליב וואָס" ערגעץ ווייטער, ערגעץ מחוץ דעם לעבן גופֿא: צי איז דער ענטפֿער, דאָס „געפֿינען" נאָך דעמדאָזיקן זוכן „השארת הנפֿש" אין דער רעליגיעזער אילוזיע אָדער די „אייביקייט" אין דער אילוזיע פֿון רעליגיעז-אומגלויביקן מענטש — איז קיין אונטערשייד נישט.

אַז מען געפֿינט נישט דאָ, אויפֿן פּלאַץ גופֿא, מיט וואָס צו פֿאַרפֿילן די לעכער פֿון עקזיסטענץ-תּכלית, אַז מען געפֿינט דאָ, צווישן דער מענגע פֿון „ערבס" נישט דעם „צוליב וואָס", זוכט מען אים מחוץ דער פֿאַקטישער עקזיסטענץ.

אָבער אַזאַ זוכן פֿון „צוליב וואָס" מחוץ דער פֿאַקטישער

עקזיסטענץ, אזא פראָלאָנגירן, אזוי צו זאָגן, די עקזיסטענץ גופא: איז דאָך שוין א רעזיגנאַציע פון געפינען א „צוליב וואָס אויפן אָרט.

און אונזער עקזיסטענץ דאָ איז טאַקע אויפגעשטוקעוועט פון שטיקלעך און ברעקלעך, פון לויטער „ערב“-אָפּפאַלן. אונזערע אויגן זענען שטענדיק צוגעשמידט צו א נישט-געזעענעם פונקט אין דער ווייטקייט, אין דער אבסטראַקטער בלוט-און-פליישלאָזער קומענדיקייט, ווי יענער, וואָס טרינקט זיך אין די כוואַליעס, וועלכע ציען אים צום גרונט און באַמיט זיך מיט די לעצטע כחות אָפּצושווימען אביסל ווייטער פון געפערלעכן אָרט.

דאָ, אין געגעבענעם אויגנבליק איז געוויס נישטאָ קיין אויפהאַלט, רייסט ער זיך פאַרצווייפלטערהייט ווייטער „אַהין“, ווייטער פון אויגנבליק, פון געגעבענעם אָרט, אפשר איז דאָרטן, אין נישט-געזעענעם דאָרטן, פאַראַן אַן אויפהאַלט! —

און דערדאָזיקער „דאָרטן“ בלייבט שטענדיק אַן אומגעזעענער, שטענדיק נאָר א שטרעבונגס-זאַך, ביז — ביז עס פאַרענדיקן זיך די כחות, אַפילו די פון פאַרצווייפלונג געשטאַרקטע כחות, ביז עס קומט דער סוף, די פאַרשלונגנקייט אין די כוואַליעס, דער טויט.

דאָס גופא, וואָס אונזער עקזיסטענץ באַשטייט פון לויטער „ערבס“, איז אַן אָנזאָג פון סוף, פון עקזיסטענץ-שלוס, פון טויט. יעדער „ערב“ איז אין תוך נישט אַן אויסדרוק פון עקזיסטענץ, נאָר פון אויס-עקזיסטענץ, אַן עפּילעפּטיש וואַרפן זיך פון זייט צו זייט מיט דעם שוים פון „ערב“ אויף די ליפּן איז שוין אַליין אַן אָנזאָג פון אויפהערן וואַרפן זיך; פונקט ווי דאָס וואַרפן זיך איז ווילקירלעך, אַזוי איז אויך דאָס אויפהערן וואַרפן זיך ווילקירלעך און דאָסדאָזיקע אויפהערן שטייט שוין אונטער די פלייצעס פון עפּילעפּטיקער אַפילו דאַן, ווען ער וואַרפט זיך נאָך.

דאָס מענטשלעכע עלנד איז אין דער מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט, דעם מענטשס פאַרענדלעכקייט גופא איז שוין אין דעם, וואָס זיין לעבן, ביז זיין פאַרענדיקונג, איז א צושטאַנד פון עפּילעפּטישע קראַמפּן, פון קראַמפּן —

— א י ז ש ט ע נ ד י ק ן „ע ר ב“! —

זעקסטער קאַפּיטל

באַנדאַזשן אויף די ווונדן

די אַלט-יידישע לעגענדע דערציילט:

אין די טויערן פון רוים שטייט מ ש י ח אַ פאַרוווּנדעטער, אַ געפּייניקטער פון ווייטיק, און האַלט נאָר אין איין איבערבאַנדאַזשירן זיינע ווונדן, אַ באַנדאַזש אַראָפּ און אַ באַנדאַזש אַרויף, און די באַנדאַזשן זענען פון צו-פיל נוצונג אומזויבערע, נישט זיי היילן אויס, נישט זיי פאַרמיידן די נויטיקייט אין ווייטערן באַנדאַזשירן, נאָר זיי פאַרשאַפן נייעם ווייטיק, זיי מאַכן נאָך שטאַרקער די נויטיקייט פון ווייטערן, פון אומאויפהערלעכן באַנדאַזשירן, אומאויפהערלעכע ווונדן און אומאויפהערלעכע באַנדאַזשן.

דידאָזיקע לעגענדע גיט אונז אויף אַ בילדלעך-איבערציַיגנדיקן אופן דעם זין, דעם תמצית פון מענטשלעכן אידעאַל.

„משיח" איז דער טרעגער, דער פאַרקערפּערער פון העכסטן מענטשלעכן אידעאַל, די אויסגעדיכטעטע אידעאַליסטישע כלל-פּערזאָן, אין וועלכער עס איז אויפגעזאַמלט און קאָנצענטרירט יענע אַלע אומציילבאַרע אידעאַל-יסודות און אידעאַל-אַנטפּלעקונגען, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע מענגעס פון אידעאַליסטישע יחידים און אידעאַליסטישע קאָלעקטיוון.

יעדער אידעאַליסט איז אַ שטיקל-„משיח", אַ ברוכצאָל פון „משיחן", און ער טוט דאָס אייגענע, וואָס דער גאַנצער און גרויסער משיח: ער איז שווער פאַרוווּנדעט און ער האַלט נאָר אין איין באַנדאַזשירן זיינע ווונדן.

פאַרוווּנדעט איז נישט נאָר דער אידעאַליסט אַליין, נאָר דער גאַנצער מענטשלעכער וועזן אַלס אַזעלכער, דער ס ת ם-מענטש איז אָבער נישט גענוג עמפּינדלעך פאַר די ווייטיקן פון די ווונדן, דער סתם-מענטש באַמערקט נישט זיינע אייגענע ווונדן און דאַרף דעריבער צו זיי נישט זוכן קיין היילונג, דער

אידעאַליסט, דאַקעגן, איז „פון גאָט באַשטראָפט" מיט עמפינד-לעכקייט, ער באַמערקט און פילט די ווייטיק פון די ווונדן, נישט בלויז פון זיינע אייגענע ווונדן נאָר אויך פון אַלעמענס ווונדן, פון גאַנצן מענטשלעכן כּלל און ער מוז דעריבער זוכן צו זיי היילונג.

קריסטוס איז אַ קרבן פון און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווען ער האָט אויף זיך, אויפן וועג צו זיין מאַר-טירערטום, געטראָגן דעם שווערן צלם, איז עס געווען נישט נאָר אַליין זיין צלם, נאָר דער צלם פון אַלע, פון דער גאַנצער מענשהייט. און יעדער אידעאַליסט, ווי אַ „קריסטוס אין מיניאַטור", טראָגט אויף זיך די שווערע לאַסט פון זיין דור, פון זיין פאָלק, פון זיין קלאַס, פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן טייל פון גאַנצן מענטשלעכן כּלל, פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מען קאָן לייכט אָנווייזן אויף קאָנקרעטע, אויף מאַטער-יעלע ווונדן פון גאַנצן כּלל, וואָס דער אידעאַליסט קומט צו היילן, — עס איז אָבער פאַראַן אַ טיפערע, אַ פאַרהוילענערע ווונד, די ווונד פון אַלע ווונדן, אַזאַ ווונד, וואָס נישט אַלע מאָל און נישט אַלע זעען זי און אויב מען זעט זי שוין יאָ אַמאָל, קערט מען אָפּ דאָס פּנים פון איר און מען וויל זי נישט זען,— דידאָזיקע ווונד איז די אָרגאַנישע מענטשלעכע מינדערוועדטי-קייט, און די באַנדאַזשן, מיט דער הילף פון וועלכע מען וויל די ווונד פאַרדעקן, פאַרשטעלן — אויסהיילן זי אינגאַנצן קאָן מען זי נישט! — זענען די מענטשלעכע אידעאַלן.

איך זאָג: „פאַרדעקן", „פאַרשטעלן", און נישט: „אויס-היילן", „באַזייטיקן", ווייל די ווונד פון מינדערוועדטיקייט וואָרצלט אין עצם תּוך פון מענטשלעכן וועזן און איז אומהיילבאַר. דאָס גרעסטע, וואָס עס לאָזט זיך טון, איז נאָר שאַפן אַן אילוזיע פון „היילן", אָפּווענדן פון זיך די ווונד אין איר נאַקעטקייט, נאָר באַנדאַזשירן זי. און דאָס טוט טאַקע דער אידעאַליסט, יעדער אידעאַליסט.

די באַנדאַזשן זענען אָבער אומזיכערע, זיי מוזן זיין אומזיכערע, ווייל די בלויז פאַרדעקטע, אָבער נישט אויסגעהייל-טע ווונד הערט דאָך נישט אויף צו אייטערן. וואָס-זשע בלייבט איבער דעם אידעאַליסט צו טון? — בייט ער אין טיפער

פאַרצווייפלונג זיינע באַנדאַזשן, דאָס העכסטע, וואָס ער וויל און קאָן ווען פון זיינע באַנדאַזשן איז: א י ל ו ז י ע, און ווען אויסגעווייקט אין שוין צו-לאַנג געניצטן און דעריבער שוין צו-אומזויבערן באַנדאַזש ווערט די אילוזיע אָפּגעשוואַכט און דראָט צו פאַרשווינדן, — כאַפּט זיך דער אידעאַליסט פאַר נייע באַנדאַזשן, ניי אידעאַלן, וועלכע דאַרפן עס שאַפן אַ נייע אילוזיע.

און דאָס איז טאַקע דער סוד און יסוד פון אידעאַליסטי־שער נישט-שטאַנדהאַפטיקייט, פון דער גרויסער דינאַמישקייט פון אידעאַלן, וועלכע גייען אויף און פאַרגייען. אין דעם טאַקע ליגט די פאַרענטפערונג צום פּראָבלעם, פאַרוואָס דער מענטש, די מענטשהייט האַלט אין איין כסדרדיקן איבערגיין פון אידעאַל צו אידעאַל, פאַרוואָס זי האַלט אין איין בויען נייע אידעאַל־געביידעס אויף דורך איר אַליין רוינירטע אַלטע אידעאַל-פונדאַ־מענטן, יענע כסדרדיקע איבערגאַנגען פון אידעאַל צו אידעאַל, וועלכע בילדן דעם אינהאַלט פון אונזער מענטשלעכער אַזוי־גערופענער אַנטוויקלונג. די אַלע איבערגאַנגען פון אידעאַל צו אידעאַל זענען נישט אַנדערש, ווי דאָס זוכן פון נייע אילוזיעס, דאָס איבערבאַנדאַזשירן אונזערע וואונדן, ווי דאָרטן אין דער משיח-לעגענדע: אַ באַנדאַזש אַראָפּ, אַ באַנדאַזש אַרויף.

אַ גרויסער אידעאַל איז אַ פעסטערער, מער זיך האַלטנ־דיקער באַנדאַזש, אַ קלענערער אידעאַל — איז אַ שוואַכערער, אַ ווייניקער זיך האַלטנדיקערער באַנדאַזש, אַ גרויסער אידעאַל פאַרדעקט בעסער פון אויג די אייטערנדיקע וואונד, אַ קלענערער אידעאַל אָבער כאַפּט נישט אַרום די גאַנצע וואונד און לאָזט איבער טאַרטשנדיקע סימנים אירע, וואָס ס'איז אָבער געמיינזאַם פאַר אַלע אידעאַלן אָן אונטערשיד, איז זייער אומזויבערקייט, זייער אויסגעשטעלטקייט צו ווערן פריער-שפּעטער אומזויבער.

און אין נאָך אַ פּרט זענען אידעאַלן געגליכן צו די באַנ־דאַזשן פון דער דערמאָנטער משיח-לעגענדע: די אומבאַדינגטע איבערחזורונג פון איינע און דיזעלביקע אידעאַלן, דער קליינער אויסוואַל, אַזוי צו זאָגן, פון אידעאַלן אין מענטשלעכן באַזיץ, וואָס עס ברענגט ממילא צו דער איבערחזורונג, צום אומקערן זיך אין אַ צייט אַרום, ווי צו אַ „נייעם”,—צו אַן אַלטן אידעאַל,

וואָס מיט אַ צייט פריער האָט מען זיך פון אים שוין געהאַט אָפּגעזאָגט, ווי פון אַ גענוג־אויסגענוצטן.

וואָס־זשע זאָל טון משיח, וועלכער וויל און מוז כסדר איבערבאַנדאַזשירן זיינע ווונדן, אַז קיין אומבאַגרענעצטן אויסוואַל פון באַנדאַזשן האָט ער נישט און די ווונד אייטערט כסדר און די באַנדאַזשן ווערן אַלץ אומזויבערער? מוז ער דאָך אָנקומען צוריק צו די אַלטע, פריער פאַרוואָרפענע באַנדאַזשן: אפשר זענען יענע פאָרט אַביסל כאָטש וויניקער אומזויבערער ווי די, וואָס ער האַלט איצט אין דער האַנט?

נישט נאָר די אידעאַלן זענען באַשרענקט, דאָ האַנדלט זיך שוין נישט אין אַ קוואַליטאַטיווער באַשרענקונג, נאָר אין אַ איינפאַכער קוואַנטיטאַטיווער באַשרענקונג, — נאָר אַלץ איז אין מענטשלעכן לעבן געוואַלטיק באַשרענקט און מוז זיך דעריבער אומבאַדינגט איבערחזרן.

עס איז נישט מער ווי אַ מליצה, ווי אַן אויסדרוק ווידעראַמאָל פון זוכן אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע אין ווערטער צו דעם, הינטער וואָס עס איז נישטאָ קיין פאַקטישער אינהאַלט, ווען מענטשן רעדן וועגן „אין סוף״, וועגן אומבאַשרענקטקייט פון אויפפאַסונג און פון לייסטונגס־פעיקייט. דער מענטש, וואָס אַליין באַשטייט ער פון אַן אָנהייב און אַ סוף, קאָן דאָך אין אַלץ גאָר אַנדערש נישט זען, ווי אַ שטרעקע צווישן אָנהייב און סוף, ווי אַ שטרעקע, אַן אומגערוימטע מיט ענדלעכקייט.

און דעריבער איז די מענטשלעכע אַנטוויקלונג, ווי די אַנטוויקלונג פון דער נאַטור און די אַנטוויקלונג בכלל, אַזוי ווי מיר, מענטשן, קאָנען זי זען און באַגרייפן, נאָר און נישט מער ווי אַ שורה, בפירוש: אַ באַשרענקטע שורה מיט אַן אָנהייב און אַ סוף. אַ שורה פון פאַרשידנאַרטיקע ק אָ מ ב י נ אַ צ י ע ס איבער פאַקטן, קאָמבינאַציעס אונטערגעשטראָכן, ד. ה. נישט די פאַקטן גופא זענען נייע, נאָר די קאָמבינאַציעס, דער צוזאַמענשטעל פון די פאַקטן. אַ געוויסער באַשטימטער קוואַנטום פון פאַקטן ווערט איבערגעחזרט אין פאַרשידענע קעגנזייטיקע פאַרהעלטנישן צווישן זיי, די איינצלנע פאַקטן.

אָבער אַפילו די קאָמבינאַציעס, די קעגנזייטיקע שטעלונגען און פאַרהעלטנישן צווישן די איינצלנע פאַקטן, מוז אויך

איבערגעחזרט ווערן נאָך אַ געוויסן צייט-פּאַרלויף. ווייל דער קוואַנטום פון קאָמבינאַציעס איבער געגנשטאַנדן איז אָפּהענגיק פון קוואַנטום געגנשטאַנדן גופא: איז דער געגנשטאַנד-קוואַנטום באַשרענקט, מוז ממילא שוין אויך דער קאָמבינאַציעס-קוואַנטום זיין באשרענקט. און ווען דער באַשטימטער קאָמבינאַציעס-קוואַנטום ווערט אויסגענוצט, אויסגעשעפּט, מוזן פּאַר אונז די געגנשטאַנדן אַנטשטיין ווידער אין יענער ערשטער אור-קאָמבינאַציע, פון וועלכער די קאָמבינאַציע-קייט האָט זיך אָנגעהויבן צו שליסן. פון דעם קומט אַרויס די אומבאַדינגטע איבערחזרונג פון קאָמבינאַציעס איבער פאַקטן, צוזאַמען מיט דער איבערחזרונג פון די פאַקטן גופא.

נעמען מיר עס אין קאָנקרעטן ביישפּיל:

אונז איז געגעבן אַ באַשרענקטע צאָל פון פאַקטן:

א. ב. ג. ד.

וויפיל זשע קאָמבינאַציעס (פאַרנווייז, אָבער דאָס אייגענע איז אויך, ווען מיר זאָלן נעמען דרייוויז און א. וו.) קאָנען געמאַכט ווערן איבער זיי?

1) אב, אג, אד,
2) בא, בג, בד,
3) גא, גב, גד,
4) דא, דב, דג.

און וואָס וועט מוזן פאָרקומען נאָך דער לעצטער קאָמבינאַציע? וועט ממילא זי זיך מוזן אומקערן צו דער ערשטער, צו דער אָנהייב-קאָמבינאַציע, און עס וועט ממילא מוזן פאָרקומען אַן איבערחזרונג

און אין אָט דערדאָזיקער אומבאַדינגטער איבערחזרונג אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ליגט טאַקע דער יסוד פון (דורך דער פילאָזאָפיע אויפגעבויטער) „קאַוזאַליטעט״.

„קאַוזאַליטעט״, מיט דעם גופא, וואָס זי שטעלט פעסט

אַ געוויסן סיבה-בונד צווישן איינצלנע פֿאַקטן, אַ געוויסן „מוז״, וועלכער ציט נאָך ווי אויף אַ האַקן, איין פֿאַקט נאָך דעם צווייטן, איז זי שוין מחייב די אומבאַדינגטע איבערחזרונג פֿון די פֿאַקטן אין זייערע קאָמבינאַציעס.

מען קאָן זיך בשום אופן נישט פֿאָרשטעלן די מענטשלעכע אַנטוויקלונג אין אַלע אירע פֿאַזן און מאָמענטן, ווי אַ קייט אַ גראָדליניקע, ווי אַ קייט, וואָס גייט אין אַן אָנגעצויגענער, לאָמיר זאָגן, האָריזאָנטאַלער ליניע. ווייל ווען דאָס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט דאָך די דאָזיקע קייט, ביי אונזער אויפֿפֿאַסונג פֿון אָנהייב און סוף, זיך געמוזט סוף כל סוף אָנשפּאַרן אָן אַ וואַנט, און די אַנטוויקלונג וואָלט זיך געמוזט אָפּשטעלן. מען קאָן אָבער יאָ און מען מוז די מענטשלעכע אַנטוויקלונג זיך פֿאָרשטעלן, ווי אַ געבויגענע, קרייזאַרטיקע ליניע, ווו. ווי אין יעדן קרייז, איז קיין סוף נישטאָ און ווו די באַוועגונגען קומען פֿאָר אויף איין און דעם זעלביקן אַרביטער. און דעריבער ווערן זיי און מוזן ווערן איבערגעחזרט. עס איז גאָר בכלל נישט קיין איבערטרייבונג, ווען מען רעדט וועגן דעם, אַז „די געשיכטע חזרט זיך איבער״. עס זענען ווירקלעך פֿאַראַן און עס מוזן זיין אין דער מענטשלעכער געשיכטע עפּאָכן, וועלכע זענען שטאַרק ענלעך איינע אויף דער צווייטער. און פֿאַרוואָס? ווידעראַמאָל: דערפֿאַר, וואָס די קאָמבינאַציע-פֿעיקייט אין מענטשלעכן לעבן — און פֿון דידאָזיקע קאָמבינאַציעס איבער פֿאַקטן באַשטייט דאָך אין תּוך די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע — איז אַ באַשרענקטע.

די איבערחזרונג, ווי געזאָגט, קומט פֿאָר אויך לגבי די מענטשלעכע אידעאַלן. און דאָס גיט אונז רעכט אָנצורופֿן די מענטשלעכע אידעאַלן אַלס זיך ביייטנדיקע אָבער איבערגעחזרטע באַנדאַזשן אויף וווּנדן.

געוויסע באַנדאַזשן-אידעאַלן האָבן מיר שוין דערמאָנט: „השארת הנפש״ אין רעליגיעזער אויפֿפֿאַסונג און „אייביקייט פֿון גייסט״ אין נישט-רעליגיעזער אויפֿפֿאַסונג זענען אַזעלכע באַנדאַזשן אויף וווּנדן, און דערביי אומאיבערע באַנדאַזשן. שוין די עצם-דואַליזאַציע פֿון מענטשלעכן וועזן אויף קערפּער און גייסט, איז אַ צוגעטראַכטע, קינסטלעך געשאַפֿענע

אילוזיע. אָן אומזויבערער באַנדאַזש אויף אומהיילבאַרע ווונדן. דורך אויסטיילן גייסט, ווי דאָס מכלומרשט האַלטבאַרע און נישט פאַרגייענדיקע אין דעם מענטש, וויל דער מענטש פאַר־דעקן די אייטערנדיקע ווונדן פון מענטשלעכער פאַרענדלעכקייט. איז דער מענטש געוואָרן אַטעיסטיש און דער אַלטער, שוין לאַנג באַנוצטער באַנדאַזש פון „השארת הנפש" איז געוואָרן פאַר אים אומטויגבאַר, ווען אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דעם פריערדיקן באַנדאַזש, האָט זיך די פאַרענדלעכקייט־ווונד פאַר דעם מאָדער־נעם מענטש ווידער אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער נאַקעטקייט און איבלדיקייט, האָט ער, דער נייער מענטש, זיך געמוזט צואיילן און אונטערכאַפּן אַ נייעם באַנדאַזש פאַר דער ווונד, כדי זי נאָר צו פאַרדעקן, כדי זי זאָל זיך אים נישט וואַרפן אין די אויגן.

אמת, דער אַלטער באַנדאַזש האָט געהאַט אַ מעלה לגבי דעם נייעם: דער אַלטער באַנדאַזש איז געווען פעסטער אַרום־געצויגן אַרום דער ווונד, האָט זי געקאָנט אינגאַנצן פאַרדעקן, האָט לענגער געהאַלטן, און דער נייער באַנדאַזש איז אַ שוואַכי־קער, קאָן נישט לאַנג האַלטן און מוז איבערלאָזן היבשע טיילן פון דער ווונד אומפאַרדעקטערהייט — איז עס די באַזונדערע טראַגיק פון מאָדערנעם אַטעיסטישן מענטש, וואָס ער, דער מכלומרשטער כל־יכול, איז הינטערשטעליק לגבי דעם רעליגיעזן מענטש און ווייזט אַרויס אין פאַרגלייך מיט דעם לעצטן דווקא און כסדר פיל מער אומבאַהאָלפנקייט, אַפילו אין פרט פון אי־לוזיעס. די באַנדאַזשן פון דעם מאָדערנעם מענטש זענען פיל, פיל זויבערער, ווי פון דעם אַלטן רעליגיעזן מענטש.

און אפשר אין דעם טאַקע, וואָס דער מאָדערנער מענטש הייבט אָן צו אָנערקענען זיין הינטערשטעליקייט לגבי דעם אַלטן רעליגיעזן מענטש, איז צו זוכן די דערקלערונג פאַר דעם שטאַרקן נ ע אָ ר ע ל י ג י ע ז ן שטראָם, וואָס מערקט זיך אַלץ מער אין אונזער מאָדערנער וועלט, עס זאָל הייסן: דער מאָ־דערנער מענטש זוכט אַ צוריקקער צום אַלטן, מער אויסגעפּרוּווטן באַנדאַזש, ווייל די נייע באַפרידיקן אים נישט, ווייל די נייע לאָזן איבער צו אָפן די ווונדן.

נאָר נעמען מיר אַפילו דעם פעסטסטן, דעם ווייניקער

אומזויבערן באַנדאַזש, וואָס דער מענטש האָט ווען עס איז צוגעטראַכט און געשאַפן אין דראַנג צו פאַרדעקן די ווונד פון זיין מינדערווערטיקייט. נעמען מיר די רעליגיע, זי איז דער העכסטער מענטשלעכער אידעאַל, זי איז אָבער גלייכצייטיק אויך דער שטאַרקסטער, דער אומברחמנותדיקסטער אויסדרוק פון מענטשלעכער מינדערווערטיקייט.

אין יסוד פון רעליגיע ליגט דאָס מודה-זיין זיך פון מענטש אין אַלע זיינע אייגענע שוואַכקייטן: אומגלויבן אין זיך, אין אייגענעם מענטשלעכן קענען, קנעכטישער איבערגעבן זיך אין פרעמדן רשות, מאַזאָכיסטישער פאַרגעניגן פון אייגנהענטיקן ענגער-מאַכן דעם שלייף אויפן אייגענעם האַלז.

שוין דער אָנהייב פון רעליגיע, די דעמערונג פון ערשטן פאַרפלאָנצטן רעליגיעזן גלויבן ביי דעם אורמענטש איז פאַרבונדן מיט שרעק, מיט שרעק פאַר דער איבערהאַנט פון פאַטום איבערן מענטש. דער אָנהייב פון רעליגיע איז פאַרבונדן מיט אין מענטש אויפגעטויכטער אָנערקענונג פון דער אייגענער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט; לויפנדיק פון די נאַטור-סטיכיעס, זוכנדיק רעטונג פאַר דער באַדראָטער חיהשער עקזיסטענץ זיינער, האָט דער מענטש דאָס וואָרט „גאָט" געשאַפן. און ווייל פיל-צאָליג זענען געווען די סכנות פון אַלע זייטן, וואָס האָבן זיין מענטשלעכע אומבאַהאָלפנקייט בולט געמאַכט, ווייל אומגעהויער זענען געווען די אַנטפּלעקונגען פון דער מענטשלעכער שרעק, איז דעריבער פון אָנהייב אָן געווען נישט „גאָט", נאָר „געטער".

צוויי מאָמענטן איז צו פאַרצייכענען כראָנאָלאָגיש אין דער מענטשלעכער שאַפונג פון „געטער": אַ פריערדיקן און אַ שפּע-טערדיקן מאָמענט. און ביידע רעדן זיי נישט וועגן דעם מענטשס „אַלמאַכט". ביידע זענען זיי אַ קלאַפּ, אַ טויט-קלאַפּ אין דער מענטשלעכער ווירדע. דער צווייטער איז אָבער — ווי בכלל אַלע ווייטערע, פאָרגעשריטענע שטופן פון דער רעליגיע-אַנט-וויקלונג, אין זייער פאַרגלייך מיט די פריערדיקע, „אָפּגעשטאַ-בענע" שטופן — אַ סך אַ גרעסערער קלאַפּ אין דער מענטש-לעכער ווירדע, ווי דער ערשטער.

לכתּחילה איז גאָט אָנגענומען געוואָרן אונטער דעם אימ-מיטלבאַרן דרוק פון שרעק, פון פאַרצווייפלונג איבערגעוואַלט,

ביים אומווילן פון מענטש, ווען עס איז אים נאָר שווער געווען צו מודה זיין זיך אין זיין אומבאַהאָלפנקייט. שפּעטער אָבער איז די פאַרגעטערונג שוין געשטאַרקט געוואָרן אונטער דעם מענטשלעכן דראַנג צו געפינען טרייסט, באַרויקונג, ביי דעם בכוונהדיקן ווילן און צופרידנקייט מצד דעם פאַרגעטערער. לכתחילה האָט נאָך געטליעט אין מענטש דאָס פייערל פון גלויבן אין זיך, שפּעטער אָבער איז אויך דאָסדאָזיקע פייערל אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן.

פון דער ערשטער צייט שטאַמען אַזעלכע לעגענדעס, ווי „דור הפלגה": מענטשן האָבן פיינט געהאַט דעם גאָט, וואָס האָט זיי באַצוווּנגען, און האָבן אַליין געוואָלט ווערן געטער. פון דער שפּעטערער צייט קומען שוין אַנדערע לעגענדעס, נישט לעגענדעס, נאָר ווירקלעכקייטן: וועגן קנעכטישער ליבע צו די געטער, וועגן דעם, ווי אַזוי מענטשן אַליין זאָגן זיך אָפּ פריי-וויליק פון אייגענעם פּראַכט און פאַרמעגן, כדי אַ גאָט אויפ-צובויען (די לעגענדע וועגן „עגל"). לכתחילה האָבן מענטשן געוווּסט נאָר איין באַציונג צו גאָט: ער זאָל פאַרמיידן פון שלעכטס (גאָט אַליין האָט זיך ביי זיי געבונדן נאָר מיט שלעכטס). שפּעטער אָבער איז שוין אָנגעקומען אַ נייע באַציונג, אַ באַציונג, וואָס איז נאָך מער דערנידעריקנדיק פאַר דער מענטשלעכער ווירדע — די באַציונג צו גאָט ווי צו אַ גוטס-טוער. מען האָט גאָט אָנגעהויבן דאַנקען (גאָט איז שוין ביי דעם מענטש געוואָרן געבונדן אויך מיט גוטס און שפּעטער — נאָר מיט גוטס).

און די צווייטע באַציונג איז דאָך געווען בפירוש אַן אי-לוזאָרישע, נאָך אַ מער אילוזאָרישע ווי די ערשטע, ווייל איז דען דאָס גוטס גופא, פאַר וועלכן מען האָט געדאַנקט גאָט, געווען טאַקע באמת גוטס? ס'איז דאָך געווען נאָר אַ פאַרמיידונג פון שלעכטס און נישט מער.

ווען דער אורמענטש האָט געבראַכט זיין קרבן-תודה צו זיין גאָט דערפאַר, וואָס די ערד האָט אים פירות געגעבן, וואָס זיינע שאָף זענען פאַרמערט געוואָרן און א. וו. — איז עס דאָך באמת געווען אַ דאַנק צו גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרמיטן ווינטן און שלאַקס-רעגן, וועלכע האָבן געקאָנט נישט דערלאָזן

צו פירות. וואָס ער האָט אָפּגעשטעלט די מגפה, וועלכע וואָלט פּאַרטיליקט די שאָף און א. וו.

אין דעם, „אל קנא ונוטר" איז דאָך פאַראַן פיל מער אמת, ווי אין דעם „אל רחום וחנון" — פּאַרוואָס-זשע איז דער מענטש שפּעטער אַריבער צו דער צווייטער באַציונג צו גאָט? ווייל ער איז נאָך מער אַוועק פון זיין אייגענער מענטשלעכער ווירדע, ווייל ער האָט נאָך מער שלום געמאַכט מיט דעם גע-דאַנק וועגן זיין אייגענער מענטשלעכער מינדערווערטיקייט, ווייל ער האָט נאָך מער און אייגנהענטיק פאַרצויגן איבער זיין האַלז דעם דערדריקענדיקן שלייף פון מינדערווערטיקייט.

און פון דעם שטאַנדפּונקט איז אויך דער העכסטער רע-ליגיעזער פּאָרשריט, אויך — און אפשר באַזונדערס — דער מ אָ-נ אָ ט אָ י ז ם אַ ווייטערע און נאָך אַ מער אכזריותדיקע אייגנ-הענטיקע פאַרציונג פון שלייף איבערן האַלז.

האַלטנדיק זיך ביים פריערדיקן פאַרגלייך, וואָלט איך אַפילו געזאָגט: מאָנאָטעיזם איז אַ סך אַן אומזויבערער באַנדאַזש, ווי פּאָליטעיזם, וואָרום ווען ס'האָט געהערשט דער פּאָליטעיזם, איז נאָך פאַרבליבן אַ פּלאַץ אויך פאַר דעם מענטש אַלס אַזעלכן. ווען עס איז אָבער אָנגעקומען דער מאָנאָטעיזם איז שוין דעם מענטשס אייגענער פלאַץ אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

ווען ס'זענען געווען אַ סך געטער, האָט מען ע פון זיי אָפּגעגעבן נאָר אַ טייל מעגלעכקייטן און דערביי אים איבערגעלאָזן אויך אוממעגלעכקייטן, די דיסטאַנץ צווישן מענטש און גאָט איז נישט געווען אַזאַ שרעקלעכע, דער מענטש אַליין האָט אויך געקאָנט געוויסע מעגלעכקייטן לאָזן פאַר זיך. ער האָט געקאָנט איבערגיין פון גאָט צו גאָט, בייטן די געטער, — ביי מאָנאָטעיזם געהערן דעם איין-איינציקן גאָט און נאָר צו גאָט אַ ל ע, אָן אונטערשייד, מעגלעכקייטן. פאַר דעם מענטש בלייבט גאָרנישט איבער. פאַר דעם מענטש בלייבט איבער נאָר אומ-ווידעררופלעכע אונטערטעניקייט. דאָס מודה-זיין זיך אין אייגע-נער מינדערווערטיקייט.

ביי פּאָליטעיזם האָט מ ע נ ט ש אַ ל י י ן ג ע ק אָ נ ט ג אָ ט ו ו ע ר ן, ווערן גלייך צו גאָט, ווערן גלייך צו פיל פון די געטער אין קראַפט. ביי מאָנאָטעיזם איז שוין מענטש אַ

יינער, זיין שייכות צו גאָט איז נאָר פון אַ נעמער צו אַ געבער, פון באַהערשטן צו אַ באַהערשער.

אמת, אויך דער מאָנאָטעיזם האָט דערלאָזן מענטשן צו גאָט. גאָט, ווי אין קריסטנטום, למשל, אַנטפּלעקט זיך אין מענטשנגעשטאַלט. שיקט אַראָפּ אַ טייל פון זיך צו די מענטשן. סאַראַ אונטערשיד ס׳איז אָבער צווישן אָט דעם שפּעטערן פאַרנעשריטענעם מענטשן-גאָט און אַמאָליקן פּרימיטיוון מענטשלעכן דייסן זיך צו מענטש-גאָט: דאָ איז גאָט-מענטש און דאָרטן — מענטש-גאָט. דאָ איז דער מענטשן-גאָט צו מענטשן פון גאָט געשיקט; און דאָרטן איז דער גאָט-מענטש פון מענטשן צו גאָט געשיקט. דאָ איז עס אַ מתנה, דאָרטן — אַ מאָנונג פון חוב, פון גלייכן טייל פאַר מענטשן אין געטלעכקייט.

פאַר דער מענטשלעכער, נאָך נישט אויסגעלאָשענער ווירדע איז פיל-פיל ווערטפולער דער דור-ההפלגה, ווי קריסטוסעס אַנטפּלעקונג, די קרבנות-ברענגונג צו מענטשן-געטער, ווי די פאַרבינדונג מיט גאָט דורך גאָטס מענטשלעכע שליחים.

אַמאָל, אין פּאָליטעיזם, פלעגט זיין לכל הפחות אַ ווייניקער-מער גלייכע קעגנזייטיקע באַציונג צווישן גאָט און מענטש: גאָט פלעגט שיקן, אַזוי צו זאָגן, זיינע געזאַנדטע צו מענטשן, און מענטשן, פון זייער זייט, פלעגן שיקן געזאַנדטע צו גאָט. איצט אָבער, אין מאָנאָטעיזם, קאָן זיין געמאָלט נאָר אַ געזאַנדשאַפט פון גאָט צו מענטשן (די גאַנצע יעראַרכיע פון אַפּאָסטאָלן, פון פּויפּסטן) אָבער נישט — אַ געזאַנדשאַפט פון מענטשן צו גאָט.

אָבער וואָס עס איז געמיינזאַם פאַר דער רעליגיע אין אַלעמירע פאַזן, איז דאָס, ווי געזאָגט, וואָס זי קומט צו פאַרהוילן, צו פאַרדעקן, ווי מיט אַ באַנדאַזש, די ווונד פון מענטשלעכער מינדערווערטיקייט.

דער באַנדאַזש איז אַן אומזויבערער אַלס גאַנצער, און דעריבער זענען אויך זיינע איינצלנע פעדים אומזויבער. יעדער מאָמענט אין דער רעליגיע פאַרראַט די מענטשלעכע מינדערווערטיקייט.

נעמען מיר, למשל, אַזאַ עיקר-מאָמענט פון דער רעליגיע (ווי בכלל פון יעדן אידעאַל איבערהויפּט), ווי די פ אַ נ ט אַ ז י ע.

מיר זענען געווױנט, צו באַזינגען פאַנטאַזיע, ווי אַ פּרעכטיקן מענטשלעכן פאַרמעגן, ווי אַ גלאַנציקן עדלשטיין אין אונזער מענטשלעכער קרוין. איז עס אָבער אַזוי? וואָס איז אין תּוך אַריין פאַנטאַזיע? ווען און ביי וועמען איז זי בויטיק? פאַנ- טאַזיע איז אַלע מאָל אַ מיטל אויסצופּילן דעם בלויז פון דער ווירקלעכקייט. עס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ לאַטע אויף אַ לאָך. ביי וועמען עס זענען פאַראַן מער בלויזן, ביי וועמען די ווירק- לעכקייט איז מער מאַנגלהאַפט, ביי יענעם איז די פאַנטאַזיע ממילא אַ שטאַרקערע און אַ מער געפליגלטע.

פאַרוואָס איז די פאַנטאַזיע גראָד ביי דעם אורמענטש געווען שטאַרקער און שעפערישער ווי ביי אונז, מאָדערנע מענטשן? פאַרוואָס איז דער שוואַכער און אַלטער מענטש מער גענויגט צו פאַנטאַזיע, ווי דער יונגער און געזונטער? פאַר- וואָס איז עס גראָד דאָס קינד דער אינטענסיווסטער טרעגער פון פאַנטאַזיע? נאָר דערפאַר, ווייל דער אורמענטש, ווי דער שוואַ- כער און אַלטער מענטש היינט צו טאָג, ווי דאָס אומבאַהאָלפענע קינד, האָבן אַ מער מאַנגלהאַפטע, אַ מער דורכגעלעכערטע ווירקלעכקייט.

און די פאַנטאַזיע איז טאַקע אַלע מאָל פעסט פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט. די צעבראָכענע ווירקלעכקייט, וואָס קאָן זיך אַליין נישט באַוועגן, ווי עס דאַרף צו זיין, מוז נעבעך צוגעטשעפּעט ווערן צום בוקסיר פון דער פאַנטאַזיע.

איז דען שוין נישט די פאַנטאַזיע גופא, מיט וועלכער מיר שטאָלצירן אַזוי, נאָר אַ באַנדאַזש, און נישט קיין גאַנץ זויבערער באַנדאַזש, אויף די וואונדן פון אונזער מענטשלעכער מינדערווערטיקייט?

זיבעטער קאַפּיטל

אין אַנטלויפונג פון זיך

ס'אָנערקענט דער מענטש זייער זעלטן, ס'לוינט זיך אים עס נישט צו אָנערקענען, זיך אין דעם מודה צו זיין, ווייל דאָס אַנטפּלעקט דאָך זיינע ווונדן, וועלכע ער וויל און מוז דווקא פאַרדעקן, פאַרשטעלן, אָבער ס'איז פאָרט אַזוי: דער מענטש האַלט אין איין האָסן זיך אַליין, אין איין אומצופרידן זיין מיט זיך, אין איין אַנטלויפן פון אייגענעם וועזן.

די העפּטיקסטע ע ג אָ צ ע נ ט ר י ש ק ײ ט פון מענטש, ווען מ'זאָל זי געניי און אומברחמנותדיק אַנאַליזירן, איז — ווי פּאַראַדאָקסאַל ס'זאָל נישט קלינגען — אַ זיך-רייסונג — אַ העכסט טראַגישע רייסונג, ווייל זי געלינגט נישט, ווייל אין איר, ווי אין אַלע אַנדערע מענטשלעכע דראַנגען איז פאַראַן מער וועלן, ווי קאָנען — אַ זיך-רייסונג נישט צ ו ם, נאָר פ ו ן „עגאָ", פון עגאָצענטרישקייט, איז נישט אַנדערש, ווי אַ פאַרשרייען פון אומצופרידנקייט, פון אומצופרידנקייט מיטן אייגענעם „עגאָ", וואָס שטאַרקער די אומצופרידנקייט, אַלץ הילכיקער מוז זיין דאָס פ אַ ר ש ר ײ ע ן.

צווישן זעלבסטלויב און זעלבסטספּיין, צווישן גאווה און ענייות, צווישן פלעסטאַקאָוויזם און מאַזאָכיזם איז אין תוך פאַראַן נאָר אַ פאָרם-אונטערשיד אָבער נישט קיין אינהאַלטס-אונטערשיד, ווייל זייער אינהאַלט איז דווקא איינער — דאָס וועלן קאָמפּענסירן דורך אָנשטרענגונג, מיט געקינצלטע מיטלען די אומצופרידנקייט מיט זיך, דאָס וועלן רעאַליזירן די אַ נ ט-ל ו י פ ו נ ג פ ו ן ז י ך.

די ריכטונגען פאַר דעם אַנטלויפן פון זיך זענען צוויי: אָדער העכער פון זיך אָדער נידעריקער, אָדער אין דער אילוזאָרישער פאַרהערלעכונג, פאַר „גן-עדן"-יזירונג אָדער, פאַרקערט, אין דער לעסטערונג און פאַר „גיהנום"-יזירונג, פון

אייגענעם וועזן, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט, אין ביידע פאַלן איז אָבער דער יסוד דאָס וועלן זיין אַנדערש ווי מען איז, דאָס וועלן אַנטלויפן פון אייגענעם ווירקלעכן וועזן.

ס'איז שוין אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש צווישן גאווה און ענוות איז ווי די פאַרהעלטעניש צווישן אַנדערע צוויי פסיכישע צושטאַנדן, קעגנגעזעצטע נאָר למראות עין און אידענטיש אין דער ווירקלעכקייט, ווי למשל, פון צעשטרייטקייט און אויפמערקזאַמקייט: פונקט אַזוי ווי „צעשטרייטקייט" איז נישט מינוס-אויפמערקזאַמקייט, נאָר פאַרמערטע, פאַרפילפאַכטע, הגם אַנדערש-פאָרמירטע אויפמערקזאַמקייט און פאַרקערט — אַזוי איז אויך ענוות נישט מינוס-גאווה, נאָר דווקא פאַרמערטע, פאַרפילפאַכטע, בלויז אַנדערש פאָרמירטע גאווה און פאַרקערט.

דער, וואָס בויט פאַר זיך גרויסע מעכטיקע פאַלאַצן און אים איז אַלץ קנאַפּ וואָס און וויפיל ער האָט און דער נזיר, וועלכער גייט אַוועק פון מענטש און וועלט אין דעם ווייטן, ענגן און איינזאַמען מדבר-געצעלט און ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם, וואָס ער האָט און אים איז צופיל, וויפיל ער האָט — ביידע זענען זיי דאָך אומצופרידן מיט זייער נאָענטן און קאָנקרעטן אויגנבליקלעכן „איצט", ביידע זוכן דאָך אַ נייע, אַן אַנדערע געשטאַלטונג פאַר זיך, ביידע אַנטלויפן דאָך פון זיך אַליין, פון זייער ווירקלעכן מהות.

ביידע, סיי די געבויטע פאַלאַצן פון דעם לעבנסדורשטיקן און סיי דער מדבר-געצעלט פאַר דעם מיטן לעבן איבערזעטיקטן זענען באמת נישט נאָר נייע וווינונגען פאַר דעם „איך", נאָר אַ נייער „איך" — אַן אילוזיע פון אַ נייעם, איבערגעאַנדערשטן „איך" — פאַר די וווינונגען.

דער מענטש באַמיט זיך כסדר און אומעטום צו זיין אַנדערש, צו ווערן אַנדערש („זיין" און „ווערן" זענען דאָ אידענטיש, ווייל אויב מ'באַמיט זיך צו זיין אַנדערש, איז דאָך אַ סימן, אַז דאָס „זיין" איז נישט קיין רעאַליזירטער זיין, נישט קיין „איז", נאָר אַ וועלן-זיין, אַלזאָ: אַ וועלן-ווערן), ווי מ'איז.

וואָס איז דען די גאַנצע מענטשלעכע אַנטוויקלונג, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין מערערע מאָל דערמאַנט, דער גאַנצער דראַנג צו פאַרפולקאָמונג, אויב נישט קיין וועלן-זיין, קיין וועלן-ווערן אַנדערש, ווי מ'איז, אויב נישט קיין אָנשטרענגונגס-פולע באַמיונג צו אַנטלויפן פון זיך, פון ווירקלעכן אייגענעם וועזן?

ס'הייסט: יעדער דראַנג צו פאַרפולקאָמונג, צי איז ער אַ זאַך פון אינדיווידום, צי פון קאָלעקטיוו, האָט און מוז האָבן אַלס אומבאַדינגטע פאָרויסזעצונג די אומצופרידנקייט מיט זיך, די נויטיקייט אַוועקצוגיין פון ווירקלעכן, איצטיקן „איך", צו ווערן אַנדערש ווי מ'איז.

ס'איז פאַלש, אַז מיט ביטול קוקן מיר נאָר אויף דער נידעריק-שטייענדיקער פאַרגאַנגענהייט און מיר זענען שטאָלץ מיט אונזער פאַרבעסערטער, פאַרפולקאָמטער געגנוואַרט: מיט ביטול קוקן מיר אויך, און אפשר: בעיקר, אויף אונזער פאַרבעסערטער און פאַפולקאָמטער געגנוואַרט גופא דאַן, ווען אונזערע אויגן זענען געריכטעט צו דער נאָך מער פאַרבעסערטער און פאַרפולקאָמטער צוקונפט. נישט נאָר די אַמאָליקע דורות (באַ דעם אינדיווידועלן מענטש: זיינע ערשטע יאָרן פון קינדישער אומבאַהאָלפנקייט און דורכגעלעבטער שוואַכקייט) זענען אין אונזער באַוווסטזיין פיגמייען לגבי אונזער איצטיקן ריזן־דור, נאָר אויך און בעיקר — אונזער איצטיקער דור גופא איז אַ געוואַלטיקער פיגמיי אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט ער זאָל זיין, לגבי דעם, וואָס ער וועט זיין אין די שפּעטערע יאָרן.

דעריעניקער, וואָס איז אַנדערש פון אונז, איז אונז צום האַרצן. מעג אונזער באַציונג צו אָט דעם אַנדערשדיקן זיין אַ באַציונג פון האַס צי פון ליבע — אַלעמאָל איז אַזאַ באַציונג נאָר אַן אויסדרוק פון אונזער קנאה, פון אונזער נישט־משלים זיין מיטן ביטערן פאַר אונז גערדאַנק: פאַרוואָס איז עס אויך אונז נישט געלונגען צו ווערן אַנדערש, ווי מיר זענען?

„ליבע" און „האַס" — דאָס זענען דאָך אויך בלויז צוויי נעמען, צוויי פאָרמען פאַר איין תוך און איין און דערזעלביקער אינהאַלטלעכער באַציונג, ווי געזאָגט: פון אַ נישט־פאַרגינערישער קנאה־באַציונג צו די, וואָס האָבן יאָ דערגרייכט צו אַנדערשקייט

מצד דעם, וואָס האָט די דאָזיקע געוווּנשטע אַנדערשקייט נישט דערגרייכט.

ס'איז טויזנט מאָל ריכטיק דער כּלל, אַז „ליבע איז דאָ צווישן קאָנטראַסטן" — און נאָר דיכטער, אין זייער זעלבסטאָפּ-נאַרעריי, האָבן געקאָנט דעם ליבע-אָביעקט באַזינגען ווי אַ גלייכע, צווייטע העלפט פון זיך אַליין; ליב האָט מען שטענדיק דאָס, וואָס איז אַנדערש פון זיך, ריכטיקער: וואָס באַזיצט די געוווּנשטע אַנדערשקייט. און האַסן האַסט מען דאָך ווידעראַמאָל דעם טרעגער פון אַנדערשקייט. און דעריבער, ווי געזאָגט, זענען „ליבע" און „שנאה" נאָר אַ שנוי-צורה פון איין און דעמזעלביקן אינהאַלט, וואָס אין דער פּסיכאָלאָגיע האָבן עס די פּסיכאָ-אַנאַליטיקער לעצטנס איבערצייגנדיק דערוויזן.

האַס איז אַפילו אַ שטאַרקערער, אַן אויפריכטיקערער אויס-דרוק פון מענטשלעכן שטרעבן צום אַנדערש-זיין, פון מענטש-לעכער קנאה צום אַנדערש-זייענדיקן, ווי „ליבע". ווייל האַס איז אַקטיווער, שעפערישער ווי ליבע. האַס וועקט, ווען ליבע שלעפערט איין. האַס מאַניפעסטירט נאָך אַ נישט-אויסגעלאָשענעם פלאַקער פון נישט-געשטילטע פאַרלאַנגען, פון בונטאַרישן ווילן, ווען ליבע מאַניפעסטירט, פאַרקערט, די אויסלעשונג פון פלאַקער, די פּאַציפיקאַציע פון קאַמפּס-לוסט, דאָס שלום-מאַכן מיטן גע-דאַנק וועגן דעם, אַז יענעמס אַנדערשקייט וועט מען אַליין סיי-ווי-סיי נישט דערגרייכן.

אין אור-נאַטור פון מענטשן, בײַ זיין באַציונג צו נישט דערגרייכבאַרער געוווּנשטער אַנדערשקייט, ליגט האַס און נישט קיין ליבע. ווען אָבער דער מענטש איבערצייגט זיך שפּעטער אין זיין נישט-קאָנען ווערן אַנדערש, ווען ער זעט אין דער גאַנצער נאַקעטקייט די נישט-רעאַליזירבאַרע פאַר אים מעגלעכקייט צו באַזיצן אַליין יענעמס אַנדערשקייט, ווערט ער אַ נכנע און — פאַרוואַנדלט זיין האַס אין ליבע.

פון אַזאַ מין איז אונזער ליבע צו גאָט, צו גאונים, צו די אַלע, וואָס זענען העכער-אַנדערש פון אונז, און זייער העכערקייט-אַנדערשקייט איז פאַר אונז אַן אויסגעלאָשענער פלאַקער פון נישט-ווילן צוליבן אָנערקענטן נישט-קאָנען; אָבער סיי אין פּרימערן: אין האַס און סיי אין סעקונדערן: אין ליבע איז דער יסוד

איינאײנציק אונזער באַדערפעניש אין אַנדערשקייט, אין אַנטלויפן פון זיך.

די מענטשלעכע באַדערפעניש אין אַנדערשקייט ווערט מאַניפעסטירט כסדר – ווו מער, ווו ווייניקער – אין אַלע זיינע פסיכישע אייגנאַרטן. נעמען מיר, למשל, אַזאַ גרונטליגנדיקע פסיכיש-מענטשלעכע אייגנשאַפט, ווי די פאָרשונגס-נייגונג (דאָס איז דאָך, ווי מיר גלויבן און באַהויפּטן, יענע אייגנשאַפט, וואָס שטעלט דעם מענטש העכער פון אַלע איבעריקע באַשעפענישן אין דער זאָאָלאָגישער וועלט) – צי איז איר אינערלעכע אור-סבה, איז הויפּט-באַוועג-קראַפט נישט די באַדערפעניש אין אַנדערש-קייט? אין יעדן פאָרשן, אין ביידע זיינע טיילן, וואָס גייען אַמאָל פריער, באַזונדער און אַמאָל שפּעטער, געמיינזאַם: סיי אין אַנאַליז און סיי אין סינטעז, איז די באַרעכטיקונג – דאָס שעפערישע, ד. ה. דאָס מאַכן עקזיסטירנדיק דאָס יעניקע, וואָס האָט פריער, ווי דער מענטש גלויבט (און האָט אַ טעות דערביי), נישט עקזיסטירט, די באַרעכטיקונג פון פאָרשן ליגט אין אַנדערש מאַכן דאָס,וואָס ס'איז דאָ, דורך ברענגען דאָס, וואָס ס'איז נישטאָ.

דערדאָזיקער ווילן אַנדערש צו מאַכן דאָס, וואָס ס'איז דאָ, ליגט אַוודאי און אוודאי אין יסוד פון דער פאָרשונג, אין איר בפירוש דינאַמישן צושטאַנד פון וועלן עטוואָס איבערבויען; אַנדערש-מאַכן עטוואָס ליגט אָבער אויך אַפילו אין בפירוש סטאַ-טישן (אַז ס'איז סטאַטיש, דוכט זיך אונז יעדנפאַלס), רויקן צושטאַנד פון דער פאָרשונג אין באַאָבאַכטן דעם עטוואָס.

באַאָבאַכטן אַ דערשיינונג איז דאָך כלל נישט קיין רויקער, דינאַמישער פּראָצעס פון מיטל צום צוועק, מ'זוכט דורך באַאָבאַכטן דעם עטוואָס, דעם וועג, וואָס פירט צו איבעראַנ-דערשן דעם עטוואָס; באַאָבאַכטונג האָט נישט אַלס איר איינציקן תוך נאָר דאָס קאָנסטאַטירן פון פאַראַנענעם און געווען, נאָר טאַקע די שפּעטערע איבעראַנדערשונג פון פאַראַנענעם, די שפּעטערע אומוואַנדלונג פונם פאַראַנענעם אין נישט-פאַראַנענעם, אין געוועזענעם; די באַאָבאַכטונג גופא אַליין טראָגט אין זיך און זאַמלט פון אָנהייב אָן שוין יענעם פולווער, וועלכער וועט שפּעטער עקספּלאָדירן, כדי צו פאַרניכטן דעם איצטיקן באַאָבאַכ-טונגס-אָביעקט.

מ'וואָלט געקאָנט די באַאָבאַכטונג, אַלס אומבאַדינגטע פאָרשטופע פון יעדער פאָרשונג, אייגנטלעך איינטיילן אין צוויי פאַזן: באַאָבאַכטונג צוליב נאָכמאַכונג און באַאָבאַכטונג צוליב איבערמאַכונג.ביידע האָבן זיי אומבאַדינגט אַ שאַרפן שפּיץ, וועלכער מוז זיך אין עמעצנס וועזן אַריינשניידן און אַ תל מאַכן פון זיין אור-צושטאַנד. אויב אין דער באַאָבאַכטונג צוליב נאָכמאַכונג איז דער שפּיץ פון אַנדערש־מאַכן געווענדעט צום באַאָבאַכטער גופא, איז אין דער באַאָבאַכטונג צוליב איבער-מאַכונג דער אייגענער שפּיץ, מיט זיין אייגענער קראַפט פון אַנדערש-מאַכן, געווענדעט צום באַאָבאַכטעטן. אין ביידע פאַלן איז אָבער דער עיקר, דער צוועק — די אַנדערשמאַכונג, און אַפילו די „נאָכמאַכונג" איז אין איר תוך אַן אַנדערשמאַכונג (פון באַאָבאַכטערס אור-וועזן).

אַפּאָר קאָנקרעטע ביישפּילן: די באַאָבאַכטונג פון אַ קינד און די באַאָבאַכטונג פון אַ געלערטן. דאָס קינד באַאָבאַכטעט זייער התמדהדיק און זייער שאַרף דאָס לעבן, לאָמיר זאָגן, פון דערוואַקסענע מענטשן, ווייל עס מוז אים נאָכמאַכן, ווייל עס מוז אַליין אַ דערוואַקסענער ווערן. דער געלערנטער בוי-אינ-זשיניער באַאָבאַכטעט, לאָמיר זאָגן, לאַנג די ערד-שיכטן פון אַ זומפּ, ווייל ער וויל דעם זומפּ אויסטרוקענען, כדי אויף אים אַ בריק אויסצובויען. סיי דעם קינדס באַאָבאַכטונג „צוליב נאָכ-מאַכונג", און סיי דעם אינזשיניערס „צוליב איבערמאַכונג" באַ-צוועקן דאָך אין תוך דאָס אייגענע: די איבעראַנדערשונג פון דעם, וואָס ס'איז דאָ. מער נישט באַם קינד באַציט זיך די איבעראַנדערשונג אויף זיך אַליין און באַם אינזשיניער — אויף עטוואָס אויסער זיך אַליין.

און וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער: ביידע זיי, די איבעראַנ-דערשונג פון נאָנעטן „עטוואָס", פון „זיך אַליין" און די איבער-אַנדערשונג פון ווייטערן „עטוואָס", פון מחוץ זיך-אַליין זענען בעצם אידענטיש אין פּרט פון זייער געווענדעטקייט צום מענטש זעלבסט. דער ווייטערער, „מחוץ-זיך-אַליין" מענטשלעכער „עטוואָס" איז נאָר אַ ווייטערער, אַן אויסגעברייטערטער קאָנצענטער פון מענטשלעכן „זעלבסט", און אין דעם וועלן אַנדערשמאַכן דעמ-

דאָזיקן „עטוואָס" ווײַל דער מענטש באמת אַנדערש מאַכן זיך, זײַן אײגן לעבן און וועזן. כ'נעם שוין נישט די זאַך פון בולטערן, מאַטעריעלן מענטשלעכן אייגנטום-שטאַנדפונקט: וואָס אַלע איבעראַנדערשונגען אין דער אויסערלעכער וועלט באַדינגען דאָך דעם מענטש און זענען זײַנע דירעקטע, מאַטעריעלע נוצן געווידמעט, נאָר אַפילו פון מער פאַרהוילענעם, פסיכישן שטאַנד-פונקט (ס'איז פאַראַן אַ פסיכישער אייגנטומס-דראַנג פונקט ווי אַ מאַטעריעלער; דער פסיכישער איז — נאָך מער — די אייגנ-טלעכע באַגלייט-און לייט-קראַפט אויך פון מאַטעריעלן): דעם מענטש אין זײַן אינערלעכער פסיכישער קאָנסטיטוציע איז עס גוויטיק, אַז דאָס באַגרייפלעך-אַרומיקע, וואָס איז אין תוך אַ טייל פון זײַן זעלבסט, דערפאַר, ווײַל ס'איז פאַרקניפּט מיט זײַן אינערלעכער וועלט, זאָל נישט שטענדיק פאַרבלײַבן ווי ס'איז, זאָל, פאַרקערט, כסדר אַנדערש ווערן.

די וועלט פון מענטשלעכן „זעלבסט" אַנטוויקלט און ברייטערט זיך אויס קאָנצענטריש: לכתחילה איז „זעלבסט" אַנטהאַלט אין ענגן, שטרענג-דירעקטן, רוימלעך און צײַטלעך גאָר באַענטן קאָנצענטער אַנטהאַלטן: „איך" הייסט: מײַנע אייגענע רמ"ח אברים און מײַנע באַציונגען צו גאָר-גאָר אַ דינעם שיכט אַרום מײַנע אברים. אַלץ, וואָס איז מחוץ אָט אָ דעם דינער שיכט, איז „אויס-איך", פאָדערט נישט קיין „איך"-באַציונגען פון דעם מענטש, ווערט נישט פאַרקניפּט מיט זײַן „זעלבסט" און ווערט נישט אַסימילירט אין זײַן „זעלבסט". שפּעטער אָבער פאַראייגנט, כ'וואָלט געזאָגט: „פאַרזעלבסטיקט" דער מענטש וואָס ווייטער אַלץ מער גרעסערע שטחים, שאַפט „איך"-באַציונגען צום גרעסערן „אַרום", פון וואָס דערדאָזיקער „אַרום" ווערט אויס „אַרום", אויס פרעמד, נאָר אַ טייל פון אייגענעם „זעלבסט".

אין דעם זין איז טאַקע גערעכט די אָנגענומענע טעזע: דער אַמאָליקער מענטש איז געווען באַגרענעצטער פון איצטיקן מענטש. דאָס זאָל הייסן אין אונזער פאַל: דער אַמאָליקער מענטש האָט זײַן „זעלבסט" געהאַלטן באַשרענקט נאָר אין דעם נענטערן און שטרענג-דירעקטן קאָנצענטער, און צווישן „איך" און „וועלט" איז פאַר אים געווען אַסך אַ גרעסערע דיסטאַנץ, ווי פאַר דעם איצטיקן מענטש, וועמענס „זעלבסט" נעמט אַרום שוין אַ

גרעסערן (הגם נישט דעם גרעסטן, דעם גרעסטן וועט ער קיינ־מאָל נישט אַרומנעמען) קאָנצענטר; און די דיסטאַנץ צווישן „איך" און „וועלט" איז פאַר אים אַסך אַ קלענערע.

און אויב אַ מענטש וויל ס'זאָל עפּעס אַנדערש ווערן אין דער „אויסערלעכער" וועלט, איז עס קודם כל אַ ווילן אַנדערש צו מאַכן דעם עפּעס אין דער אינערלעכער וועלט, אין קרייז פון אייגענעם „זעלבסט".

אין דעם זין איז יעדער רעוואָלוציאָנערער אידעאַל (און יעדער אידעאַל איז דאָך רעוואָלוציאָנער, אַנדערש מאַכנדיק) אַן „אַנטלויפונג פון זיך", אַן אָפּרייסן־זיך פון מאוס־געוואָרענעם „איצט". יעדער מענטש אין איינצל וויל ווערן אַנדערש ווי ער איז, דאָס פאַראַנענע באַפרידיקט נישט, דאָס פאַראַנענע וועקט צו זיך מצד דעם מענטשן ווידערווילן, אומצופרידנקייט, נוי־טיקייט צו פאַרוואַנדלען עס (דאָס פאַראַנענע) אין נישט־פאַראַנענעם, אין אַנדערש־געוואָרענעם.

די באַדערפעניש אין „אַנטלויפן פון זיך" אין אַ גרעסערן קאָנצענטר, אין גרעסערע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, איז אַסך לייכטער צו זען, ווי אין ענגן קרייז, אין קרייז פון מענטש־לעכן אינדיווידום, ווען ער איז אַליין מיט זיך.

אָבער אויך דאָ איז די „אַנטלויפונג פון זיך" אַ שטענדיקע באַגלייט־און לייט־דערשיינונג.

פאַרוואָס האָט דער מענטש אַזוי פיינט דעם מאָנאָטאָן? מיר ענטפערן געוויינלעך אויף דער פראַגע מיט, פון אונזער זעלבסט דערהאַלטונג גענומענעם לויב־געזאַנג אויפן חשבון פון מענטש: ווייל דער מענטש וויל אַסך קלאַנגען, ווייל ער יאָגט זיך נאָך רייכקייט. דערדאָזיקער ענטפער איז אָבער פאַלש, ווי אַלע די יעניקע קינסטלעך קאָנסטרויִרטע ענטפער־באַפּוצונגען צו אונזער מענטשלעכער אַלמאַכט־קרוין. באמת איז די סבה נישט וואָס דער מענטש דאַרף האָבן אַסך קלאַנגען, נאָר ווייל ער דאַרף האָבן אַנדערע קלאַנגען, זיך־בייטנדיקע קלאַנגען. די קוואַנ־טיטעט שפּילט דאָ נישט קיין פּרינציפּיעלע, נאָר אַ מעטאָדאָלאָגישע ראָל: נישט „מער", „אַסך" אַן און פאַר זיך זענען גוט, נאָר „מער" און „אַסך" זענען גוט בלויז דערפאַר, וואָס זיי ברענגען גיכער מיט זיך די מעגלעכקייט פאַר אַנדערשקייט. אַז די זאַך

איז אַזוי, קאָן מען דאָך באַשיינפּערלעך זען: און ווי וועט זיין, אַז דעם מענטש, ווען מען ס'איז מאוס געוואָרן דעם מאָנאָטאָנער איינצלנער נגון, וועט אויסקומען אַ לאַנגע צייט אויסצוהערן איין און דעמזעלביקן פיל-נגונימדיקן קלאַפּ-אָרקעסטער, צי וועט אויך דערלעצטער נישט ווערן פאַר אים סוף כל סוף „מאָנאָטאָן”, לאַנגווייליק? צי וועט ער נישט ווערן אין פאַרצווייפלונג, זיך וואַרפן אַפילו... צו אַן איינציקן, עלעמענטאַרן נגון, ווען יענער זאָל נאָר זיין אַן אַנדערער?

הייסט עס דאָך, אַז דער מענטש זוכט זיין תיקון נישט אין „זאָל ווערן מער דאָס, וואָס איז פריער געווען ווייניקער”, נאָר דווקא אין דער כסדרדיקער בייטונג, אין דעם כסדרדיקן אַנדערש-ווערן פון זייענדיקן.

דער מענטש זוכט כסדר נייעס. און ס'איז כלל נישט וויכטיק פאַר זיין נייעס-דראַנג, ס'זאָל זייןווירקלעך-נייעס, ס'איז בלויז בויטיק, אַז ס'זאָל זיך אים דאַכטן אַלס „נייעס” אין געגע-בענעם מאָמענט, ס'זאָל דינען אַלס אַן אָפּוועקסלונג, אַלס אַ רעאַליזירונג פון זיין דראַנג נאָך אַנדערשקייט. די בייעסן, ווי כ'האָב שוין אין פאָריקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, זענען באמת נאָר אַן אומקער צו פריער-באַנוצטע באַנדאַזשן, אָבער מיט אַלטע, כסדר מיט דיזעלביקע אַלטע באַנדאַזשן קאָן זיך דער מענטש נישט פאַרנעמען, ווייל באַנדאַזשן פון אַנדערשקייט זוכט ער צוליב היילונג (זאָל זיין אַפילו אילוזאָרישע היילונג) פון זיינע ווונדן, און שטענדיקע איבערחזרונג היילט נישט, נאָר דעקט פאַרקערט, נאָך מער אויף די ווייטיקדיקע ווונד.

דאָס מענטשלעכע אַנטלויפן פון זיך גייט ביז אויף בולטע קליינינקייטן. מאָדע, למשל, איז פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אַ גוטע דעמאָנסטראַציע פון מענטשלעכער באַדערפעניש אין אַנטלויפן פון זיך, אין כסדרדיקער אַנדערשקייט. פסיכאָלאָגן פון מאָדע, פון אַלץ נייע און אַנדערש-געוואָרענער קליידונג האָבן שוין לאַנג דערוויזן, אַז דער גרונט-שטריך איז דאָ נישט די פאַרגלייכונג צו אַנדערע (אַ טוט דאָס אייגענע ווי ב), נאָר דווקא דער אונטערשיד פון אַנדערע (אַ טוט זיך אָן אַזוי כדי אַנדערש צו זיין פון ב). און דעריבער טאַקע האַלטן מאדעס נישט לאַנג, זיי בייטן זיך און מוזן זיך בייטן שנעל, ווייל ווען די באַ-

שטימטע מאָדע ווערט אָנגענומען פון אַלע, פון אַסך נאָכפאָלגער, איז שוין אין איר נישט פאַראַן די באַפרידיקונג פון דראַנג צום אונטערשיידן זיך, צום אַנדערש-ווערן.

יעדער מענטש האָט אַ נויטיקייט — ס׳איז אַ ביאָלאָגישע טיף-פאַרוואָרצלטע נויטיקייט און אומזיסט טרייבן איבער די מאָראַליסטן מיט ביטול-קריטיק קעגן איר — אין פאָזירן, אין נישט אויפריכטיקייט און ווייזן זיך פאַר אַנדערע נישט אַזוי ווי מ׳איז. אין דערדאָזיקער נישט-אויפריכטיקייט גופא איז אַנטהאַלטן אַ טיפערע אויפריכטיקייט, ווייל ס׳איז אַ פועל-יוצא פון אַ נאַטירלעכן דראַנג. פאַרוואָס האָבן מענטשן אַזאַ נויטיקייט אין פאַרווייַלונגען, אין ימים-טובים, וואָס זענען פאָרויסגעזען אין יעדער רעליגיע (און אונזערע וועלטלעכע מענטשן אָרדנען איין „וועלטלעכע" ימים-טובים, ווי דער עפיטעט „וועלטלעכע" איז נאָר אַ זעלבסט-אָפּנאַרערײַ. אויב מ׳זאָל נעמען די ווירקלעכע אור-סבה פון דער נויטיקייט אין ימים-טובים) און אָן וועלכע מענטשן קאָנען נישט עקזיסטירן? זאָגט מען אונז: ימים טובים זענען נויטיק צוליב אָפּרו. יעדער אָפּרו אָבער באַשטייט דאָך אין עצם טאַקע אין אָפּוועקסלונג, אין אַנדערש מאַכן דאָס פריערדיקע, וואָס פאַרן אָפּרו. דער פּסיכאָלאָגישער יסוד פון ימים-טובים איז זיכער די נויטיקייט כאָטש אויף אַ צייט אַנדערש צו ווערן ווי מ׳איז, די נויטיקייט אין אַנטלויפן פון זיך. אין ימים-טובים ווערן דערוואַקסענע ווי קינדער נוטה צו פּאַטאָס, צו ענדערן דעם אין וואָך-אייַנגעשטעלטן פאַרגליווערטן שטייגער. ימים טובים ברענגען מיט זיך אַ גרויסן און אָפּפרישנדיקן אַנדערש ווערן.

וועגן מענטשלעכן פאָזירן האָב איך שוין דערמאָנט. פאַר וואָס פאָזירן מענטשן? פאַרוואָס באַמיען זיי זיך — און יעדער טוט עס טאָג-איין, טאָג-אויס, נישט אנערקענענדיק עס — צו באַווייזן זיך אַנדערש ווי זיי זענען?

וועט מען אויף דעם ענטפערן מיט אַן אָנווייז אויף אַ פּראַקטיש-אוטיליטאַריסטישן צוועק, גערעכטעט נישט קעגן פאָזירנדיקע מענטשן גופא, נאָר קעגן די ארומיקע: דער מענטש וויל מער געפעלן אַנדערע. איז: ערשטנס, שוין אין דעמדאָזיקן ענטפער גופא פאַראַן אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם מענטשס מודה-זיין-זיך אין זיין אייגענעם נישט-גוט-זיין, נישט פולקאָמהייט,

וועלכע דאַרף פאַרשטעלט ווערן. ווייל ווען דאָסווירקלעכע אין מענטש וואָלט געווען פולקאָם, צו וואָס זיך אַרויסווייזן אַנדערש? צו וואָס גרימירן זיך, ווען דאָס נישט-גרימירטע פּנים איז נישט מ״יאוס? אָבער די זאַך באמת גייט נאָך ווייטער פון דעם-אָנ-געוויזענעם ענטפער: דער מענטש וויל נישט אַנדערע נאַרן, נאָר זיך אַליין אויך; דער פאָזירנדיקער מענטש מיינט פאַר זיך אַליין, בעתן פאָזירן, אַז ער איז אַנדערש געוואָרן, אַז זיין פרי-ערדיקער „איך” איז פאַרשוואונדן; דער מענטש פילט אַליין, פאַר זיך גופא, די בויטיקייט אין אַנדערש-ווערן.

וואָס עמפּינדלעכער דער מענטש איז, אַלץ שטאַרקער און אָפטער זוכט ער אַנדערש צו ווערן, צו אַנטלויפן פון זיך אַליין. לאָזט זיך עס נישט פאַרווירקלעכן אויף אַ רעאַלן אופן, „פאַר-ווירקלעכט” ער עס אילוזאָריש.

אָט די קינסטלער — די עמפּינדלעכסטע פון די מענטשן, זיי, פונקט ווי קינדער, זוכן אָפטער און בולטער אויסצווייזן זיך אַנדערש. וואָס, למשל, איז אַ קינסטלערישער פּסעוודאָנים, דאָס באַהאַלטן זיך אונטער אַ צוגעטראַכטן נאָמען (און דידאָזיקע צוגעטראַכטע נעמען זענען דאָך ווידעראַמאָל: ס׳רוב אַזוי קינדיש, פּרעטענציעז!), אויב נישט קיין זוכן צו אַנטלויפן פון זיך?

און אַזעלכע ביישפּילן זענען צעשאָטן אין אונזער לעבן אין די אומציילבאַרע מענגעס. מ׳דאַרף זיך צו זיי נאָר צוקוקן.

און זיי אַלע, אָט די אומציילבאַרע לעבעדיקע ביישפּילן פון מענטשלעכן לעבן, פאַרראַטן די מענטשלעכע אומצופרידנקייט מיט זיך, די מענטשלעכע באַדערפעניש: אין אַנטלויפן פון זיך!

אַכטער קאַפּיטל

פ אַ ר ש ט י ק ט ע ק נ א ה

אין דעם וואָס דער מענטש איז און מוז זיין אומצופרידן מיט זיך, וואָס ער האַלט און מוז האַלטן כסדר אין איין אַנטלויפן פון זיך, ליגט דער יסוד צו אַ צווייטער מענטשלעכער נייגונג, צו זיין אומאויפהערלעכער קנאה.

קנאה צו יענעם איז שטענדיק א סיאַם-צווילינג מיט שנאה צו זיך. מ׳איז מקנא אין יענעם שטענדיק דאָס, וואָס ס׳שטעלט אים העכער, בעסער פון זיך אַליין, און ממילא מוז שוין די פאָרויסזעצונג פאַר קנאה זיין די אָנערקענונג פון דער אייגענער נידעריקייט, פון דער אייגענער אומבאַפרידיקונג. מקנא זיין יענעם הייסט מקנא זיין יענעמס אַנדערשקייט, יענעמס דערגרייכן צום צוועק, וואָס אים, דעם בעל-מקנא געלינגט עס נישט.

דער בעל מקנא׳ דער, וואָס וויל אַנטלויפן פון זיך, זעט אין יענעם, ווער ס׳איז דער טרעגער פון זיין קנאה, די ריכטונג, דעם געווונשענעם „ווהין״ פון זיין אַנטלויפונג, אַ ריכטונג, וואָס ער וויל זי דערגרייכן, קאָן אָבער נישט. און אָט דער קאָנפליקט צווישן ווען און נישט-קאָנען דערגרייכן די געווינשטע ריכטונג, דער צוזאַמענשטויס צווישן וועלן אָננעמען יענעמס מוסטער, זיין גלייך מיט אים (ד. ה. ווערן אַנדערש פון זיך) און נישט קאָנען עס פאַרווירקלעכן, שאַפט דעם מהות פון קנאה. קנאה איז, אַלזאָ, נישט אַנדערש ווי אומגעלונגענע נאָכמאַכונג. ווי אַ נישט-רעאַליזירטע זעלבסט-איבערמאַכונג, די געהעמטע אַנטלויפונג פון זיך.

און ווייל אַלע מענטשן אָן אויסנאַם מוזן אַזאַ קאָנפליקט איבערלעבן, ווייל, ווי געזאָגט: א) די שטרעבונג צו אַנדערשקייטן דאָס אַנטלויפן פון זיך, איז אַן אור-מענטשלעכע אייגנשאַפט און ב) נישט אַלעמאָל גיט זי זיך איין, דידאָזיקע שטרעבונג — מוז,

דערי‌בער ממילא אַלע מענטשן, אָן אויסנאַם, טראָגן אויף זיך דעם שווערן קרייץ פון קנאה.

ס'איז פאַלש, ווען קנאה ווערט באַטראַכט אַלס פּאַטאָלאָגישער צושטאַנד, אַלס אַזעלכער, וואָס גייט אַרויס פון דער נאָרמע, — באמת איז קנאה דער נאָרמאַלסטער, ווײַל ער איז דער דאָמינירנדיקסטער, צושטאַנד פון מענטש. אַ מענטש אָן קנאה — איז אַ מענטש אָן דעם מענטשלעכן אין אים, אָן ליידנשאַפטן, אָן שטרעבונג צום בעסערן, צום העכערן, אָן באַדערפעניש אין אַנטוויקלונג, אַ מענטש אָן קנאה — איז אַ מענטש אָן דינאַמיק, אַ שטייענדיקער זומפּ.

און ס'איז נאָר אַ רעטאָרישע מליצה, אַן אָפּנאַרעריי פון מאָראַל־פּרעדיקער, ווען מ'מאַכט פאַר אַ זאידעאַל די פולשטענדיקע צווישנמענטשלעכע ליבע („ליבע" אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט ד. ה. אַ פולשטענדיקע גלייכקייט פון נשמות, אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע, דערדאָזיקער זין איז אָבער, ווי געזאָגט, פאַלש) ד. ה. דעם פולסטן אַרויספאַל פון מענטשלעכער קנאה. וואָלט מעגלעך געווען ווירקלעכע ליבע צווישן מענטשן, וואָלט עס קודם כּל געמוזט הייסן, אַז אַלע מענטשן לעבן צווישנאייגאַנדער פולשטענדיק גלייך. אַז צווישן איינעם און צווייטן איז נישט פאַראַן די מינדסטע דיסטאַנץ פון „העכער" און „נידעריקער". אַזעלכע מענטשן וואָלטן פאַר זיך געהאַט אַ לאַנגווייליק לעבן, אָן פונקען פון שטרעבונג, אָן וועלכן ס'איז שעפערישן ווילן. און — וואָס ס'איז אין אונזער פרט נאָך וויכטיקער — אַזעלכע מענטשן וואָלטן געמוזט איינער דעם אַנדערן, פונקט פאַרקערט פון „ליבע"— טיף האַסן. אַנשטאָט אינדיווידועלן אַנטלויפן פון זיך, וואָס האָט נאָך אַ שטיקל אילוזאָרישע האָפנונג בײַ זיך, אַ שטיקל אויסזיכט אויף רעאַליזירבאַרקייט. וואָלט דאָס מענטשלעכע לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם, אין אַ קאָלעקטיוון און דערבײַ האָפנונגסלאָזן און פאַרצווייפלטן „אַנטלויפן פון זיך".

די אידעאַלן, וועלכע באַצוועקן די אַזויגערופענע „אַלגעמיינע צווישנמענטשלעכע ליבע", מיט דעם קריסטנטום אין דער שפּיץ, זענען נאָר אויף אַזויפיל אויפריכטיק, אויף וויפל זיי געפינען זיך נאָך אין זייער ערשטער סטאַדיע פון פּאַקטישער צווישנמענטשלעכער שנאה, ווען, אַנדערש גערעדט, זיי פאַרפאָלגן די

איבעראַנדערשונג פון מענטש, ווען זיי געפינען זיך אין איינ־קלאַנג מיט דעם אינערלעכן מענטשלעכן דראַנג צום אַנטלויפן פון זיך, צום ענדערן דאָס איינגעשטעלטע, צום מורד זיין אינם אויפגעצוווּנגענעם פון דער נאַטור. נאַטירלעך זענען אַזעלכע אידעאַלן (נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי אַלע אַנדערע אידעאַלן) נאָר אין זייער פאַרמעסטן זיך אויף אָפּמעקן דאָס פאַראַנענע. אין זייער אויסרוף: „אַזוי (ווי ס'איז) זאָל יאָ זיין!" דער „נישט־איז" זאָל „יאָ־איז" ווערן!"

דער איינאיינציקער אינערלעכער מענטשלעכער „איז", אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, איז די צווישנמענטשלעכע קנאה, ווייל אָט דערדאָזיקער „איז" איז דאָס איינציקע און נאַטירלעכע רעאַגירונגס־מיטל אויף דעם פיין פון וועלן־און־נישט־קאָנען אַנדערש ווערן, אויף ווען און נישט קאָנען אַנטלויפן פון זיך.

קנאה האָט אירע פאַרשידענע קאָנקרעטע אויסדרוקס־פאָרמען — די נישט־דירעקטע, די פאַרהוילענע פאָרם פאַראַט די מענטשלעכע אומבאַהאָלפנקייט נישט ווייניקער, און אפשר נאָך מער, ווי די אָפענע, די דירעקטע פאָרם.

די אָפענע קנאה צו עמעצן זאָגט צו יענעם עמעצן אָפן און דרייסט: „דו האָסט דערגרייכט די אַנדערשקייט, וואָס פאַר מיר איז זי געוווּנטשן אָבער שווער דערגרייכבאַר"; די פאַרמאַכטע קנאה אָבער זאָגט שוין מיט אַ פאַרכאַפּט געפיל פון שעמעוודיקייט, פון אומזיכערקייט און אַראָפּפאַל: „דיין אַנדערשקייט איז פאַר מיר נישט נאָר שווער־דערגרייכבאַר, נאָר: „אַן אומדערגרייכבאַרקייט"!

אין דער ערשטער קנאה־פאָרם איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל האָפנונג אויף דער דערגרייכבאַרקייט פון דער זעלבסט־איבעראַנדערשונג, ווען אין דער צווייטער קנאה־פאָרם איז שוין אַפילו אָט דאָסדאָזיקע שטיקל האָפנונג אויך נישט פאַראַן. אין דער ערשטער קנאה איז נאָך דאָ אַן אָפּקלאַנג פון אַגרעסיווקייט, אין דער צווייטער אָבער איז שוין דער לעצטער אָפּקלאַנג פון אַגרעסיווקייט פאַרטויבט, פאַרגאַנגען און פאַרביטן מיט קנעכטיש פרייוויליקער אונטערגעבונג דעם אַנדערנס אויבעריאָך.

די אָפענע קנאה צווינגט אויסצומיידן דעם טרעגער פון

דער קנאה, די אָפּענע קנאה איז געגליכן צום פֿליגעלע, וואָס אַנטלויפֿט פֿון בלענדנדיקן פֿייער. די פֿאַרמאַכטע, פֿאַרשטעלטע קנאה אָדער צווינגט צו ציִען־זיך צום טרעגער פֿון דער קנאה, איז געגליכן צום פֿליגעלע, וואָס לויפֿט גלייך אויף דעם ברע־נענדיקן פֿייער.

די אָפּענע קנאה ווייסן מיר, זי איז אומעטום און כּסדר אין אונזער אַלטאָג. פֿאַלן פֿון אָפּענער קנאה קאָנען מיר אָנצײלן אין די צענדליקער, אין די הונדערטער אין משך פֿון לעבנס־טאָג פֿון יעדן מענטש. די פֿאַרמאַכטע קנאה איז אויך אומעטום און אויך ביי אַלע מענטשן דאָ, זי גייט אָבער אַרויס פֿון אַלטאָג, זי האָט צו טאָן מיט „העכערע" ווערטן.

די 6 טעג פֿון וואָך האָט זיך צוגענומען די אָפּענע, די איינפֿאַכע קנאה, דעם שבת קודש האָט זיך גענומען די פֿאַר־מאַכטע, די קאָמפּליצירטע קנאה. וואָרים וואָס איז אַזוינס, למשל, אין תּוך אונזער פֿאַרהערלעכונג פֿון גאונים, פֿון „אייביקייטס"־טרעגער, וועגן וואָס מיר האָבן אויבן שוין גערעדט? איז די קניונג פֿאַר גרויסגייסטער נישט פֿאַרבונדן מיט קנאה פֿון די קניער?

ס'איז דאָך אויסגעשלאָסן אַזאַ מעגלעכקייט, אַז די הייליקע פֿאַרגעטערונג מצד מאַסן לגבי יחידים זאָל אין זיך נישט אַנט־האַלטן די „פּסולת" פֿון קנאה צו יענע יחידים — מיר ווילן זיך אָבער אין דעם נישט מודה זיין. מיר ווילן נישט לאָזן אַן אי־לוזיע צעשטערט ווערן. צי דערוועקט זיך אָבער נישט ביי יעדן איינצלנעם מאַסן־מענטש פֿון די, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין יראת־הכּבוד פֿאַרגאַפֿטע פֿאַר די דענקמעלער פֿון די אויסדער־ווײלטע, יחידימשע גאונים, וואָס פֿייערן ביי יובילעומס יענעמס גרויסע פֿאַרדינסטן און לייסטונגען און צעשיטן זיך אין לויב־און דאַנק־געזאַנגען פֿאַר יענעמס כּבוד, צי קאָן זיך ביי זיי אַלע נישט דערוועקן דער געדאַנק: פֿאַרוואָס בין איך נישט ער?", „פֿאַרוואָס שטייט ער אויפֿן פּיעדעסטאַל און איך אונטערן פּיעדעסטאַל?"

און אפשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס אַזאַ געדאַנק איז פֿאַראַן און מיט זיינע אָפּטע און שאַרפֿע נעגל־אָנגריפֿן רייסט ער און

ציפט די נשמה פון דורכשניטס-מענטש, טאַקע דערפאַר באַמיט זיך דער לעצטער צו אינטענסיפיצירן זיין קניונג פאַר דעם גאון, צו פאַרהילכן מיט זיינע ליב- און דאַנק-געזאַנגען צו יענעמס כבוד זיין אייגענע נידערלאַגע, צו פאַרטויבן די וויטיק-אָנגריפן פון „און דו אַליין?״ מיט צו-הילכיקן איבערחזרן: „ער!״

דאָס איז קנאה צו דעם יחידס אַנדערשקייט, אויסדער-ווילטער, נישט דערגרייכבאַרער אַנדערשקייט, אָבער אַ פ אַ ר-ש ט י ק ט ע ק נ א ה!

ניינטער קאַפּיטל

אין פּאַרטויבונג

(צו דער פּסיכאָלאָגיע פון אידעאַליסט)

די ערשטע טעזע, וואָס מוז אויפגעשטעלט ווערן נאָך אַ וועלכן עס איז אָביעקטיוון, ניכטערן אַנאַליז פון אידעאַליסטס פּסיכאָלאָגיע, איז: „יעדער אידעאַליסט געפינט זיך מער אָדער ווייניקער אין צושטאַנד פון פּאַרטויבונג, ד. ה. אין צושטאַנד פון פאַרדרעונגטן באַוווסטזיין, אין צושטאַנד פון בפירושער און בולטער אויבערהערשאַפט מצד דער עמאָציע איבערן אינטע-לעקט.

בילדלעך לאָזט זיך דאָ אָנווענדן דעם שוין איינמאָל גע-בראַכטן ביישפּיל פון קרילאָווס פאַבל וועגן דעם בערס קלעטערן נאָך דעם האָניק אין בוים:

אַנטדעקנדיק אין אַ געלעכערטן בוים אַ בינשטאָק, לאָזט זיך דער בער קלעטערן — הגם ער איז צום קלעטערן נישט פעיק — אויפן בוים מיט אויסגעשטרעקטער לאַפּע צום געניסן דעם האָניק. איז אָבער איבער דער בינשטאָק-לאָך אויפגעהאָנ-גען אַ קלעצל, און ווי נאָר דער בער וואַרפט אָפּ דאָס שטערנ-דיקע קלעצל, כדי צו באַקומען אַ צוטריט צום האָניק, באַקומט ער פון קלעצל צוריק אַזאַ שטאַרקן ענטפער-קלאַפּ איבערן קאָפּ, אַז ער ווערט צעמישט, פּאַרטויבט, און איז שוין נישט ביכולת צו באַגרייפן די אומזיסטקייט פון זיינע אָנשטרענגונגען נאָך דעם האָניק, צו פאַרשטיין די האָפנונגסלאָזיקייט פון פאַר-ווירקלעכן זיין ווונטש. און אַזוי וואַקסט זיך פונאַנדער אַלץ מער די קאָמי-טראַגישע אומגעקערטע פראַפאָרץ צווישן בערס וועלן און קאָנען: וואָס מער ער ווערט פאַרטויבט דורך די קלעפּ

פון קלעצל און וואָס שטאַרקער עס ווערט דורכדעם זיין דראַנג צום האָניק, אַלץ קלענער ווערט אָבער גלייכצייטיק זיין פּאַקטי־שע מעגלעכקייט צו געניסן פון דעם האָניק, אַלץ קלענער ווערט אַפילו זיין אָריענטיר־פעיקייט! פאַר זיין פּאַקטישער גענים־אומ־מעגלעכקייט, און פון דער אַנדערער זייט: וואָס קלענער עס ווערט זיין מעגלעכקייט, זיין אָריענטיר־פעיקייט פאַר זיין אומ־מעגלעכקייט, אַלץ גרעסער ווערט זיין דראַנג, אַלץ פאַרצווייפל־טער ווערט זיין סיזיף־קאַמף מיט דעם שטערנדיקן קלעצל.

יעדער אידעאַל איז פאַר דעם מענטש דאָס לאָקערנדיקע ביסל האָניק פון נויטיקן לעבנס־גליק און יעדער אידעאַליסט איז דעריעניקער, וואָס שטרעבט זיך אָן צום האָניק צו דערגרייכן, צו מאַכן דעם האָניק געניסבאַר פאַר זיך און פאַר אַנדערע. איז אָבער די צרה, וואָס דער אידעאַל, אין זיין אַבסאָלוטן זין, איז ווייט־פאַרשטעקט און נישט דערגרייכבאַר, איבער אים הענגט שטענדיק דאָס אכזריותדיקע קלעצל פון פּאַקטישער מענטש־לעכער אומבאַהאָלפנקייט, פון מינדערווערטיקייט, וואָס איז פאַר־וואָרצלט אין תוך פון מענטשלעכן וועגן, דאָס קלעצל פון פּאַטום, וועלכער הענגט איבער דעם מענטשן און מאַכט צו־נישט דעם אַזוי־גערופענעם מענטשלעכן „פרייען ווילן", יענעם „פרייען ווילן", וואָס מענטשן־אידעאַליסטן שרייבן זיך אַליין צו אין זייער נאַטירלעכן יאָגן־זיך נאָך קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, נאָך באַנדאַזשן אויף זייערע וווּנדן, — און דאָסראָזיקע קלעצל קלאַפּט כסדר אין אידעאַליסטס קאָפּ און פאַרטויבט אים. פאַר־טויבט אים, כדי ער זאָל אַלץ שטאַרקער, אַלץ פאַרצווייפלטער זיך וואַרפן צום געווינטשענעם, הגם נישט־דערגרייכבאַרן, האָניק.

אַלע מענטשן אין דעם אַלטאָג פון דורכשניטלעכן לעבן ווענען פאַרטויבט, ווייל אַנדערש וואָלט דאָס עצם לעבן געווען אוממעגלעך, אָבער באַזונדערס־שטאַרק איז די פאַרטויבונג בײַ אידעאַליסטן, די טרעגער פון איבערדורכשניט, פון יום־טוב אין מענטשלעכן לעבן. און וואָס דערהויבענער עס איז דער אידעאַל, אַלץ שטאַרקער איז ממילא זיין פאַרטויבונגס־קראַפט, וואָס אַנט־שיידענער און מסירת־נפשדיקער עס איז דער אידעאַליסט, אַלץ

מער און קרעפטיקער ווירקט אויף אים די פאַרטויבונג, אַלץ פעסטער איז ער צוגעשמידט צו איר.

לאָמיר נעמען די הויפּט-אייגנאַרטן, מיט וועלכע די פּסי-כיק פון אידעאַליסט צייכנט זיך אויס און טיילט זיך אָפּ פון דער פּסיכיק פון דורכשניטלעכן נישט-אידעאַליסטישן מענטש (הגם באמת און אין אַבסאָלוטן זין פון וואָרט איז קיין נישט-אידעאַליסט בכלל נישט פאַראַן, ווייל יעדער מענטש איז און מוז זיין באַהויכט מיט אַ געוויסן אידעאַל — אַנדערש וואָלט זיין לעבן געווען אוממעגלעך).

די קליינע און ווייט נישט-אויסשעפּנדיקע גרופּע פון אידעאַליסטס פּסיכישע אייגנאַרטן, וואָס מיר וועלן נעמען צו אַ געלויפיקער און סקיצירטער כאַראַקטעריסטיק, וועלן מיר קודם כל פאַרטיילן אויף דריי אָפּצווייגונגען, דריי אונטער-גרופּן, לויט, אַזוי צו זאָגן, זייער רוימלעך-פּסיכישער ריכטונג: א) אין ריכ-טונג צו אַלגעמיינער וועלט, ב) אין ריכטונג צו די מיטמענטשן און ג) אין ריכטונג צו זיך אַליין. און דערביי מוזן קומען צוויי פאַרבאַמערקונגען, איינע צו דער אָנגעוואָרפענער אַלגעמיינער פאַר-טיילונג אויף די אונטער-גרופּן לויט דער רוימלעך-פּסיכישער ריכטונג און די אַנדערע צו די דעטאַלירטע איינצל-אייגנאַרטן אין דידאַקטיקע אַלע אונטער-גרופּן:

1. די פאַרטיילונג אויף די אונטער-גרופּן איז באַטראַכטיקט נאָר רעלאַטיוו, נאָר אַלס באַקוועמערע אילוסטראַציע, ווייל אין תוך זענען ביים אידעאַליסט (ווי ביי יעדן מענטש בכלל, ביים אידעאַליסט נאָך מער, ווי ביי יעדן מענטש בכלל) אויך די ערשטע צוויי גרופּן: אין דער ריכטונג צו די מיטמענטשן אידענטיש מיט דער דריטער גרופּע: אין דער ריכטונג צו זיך אַליין. (אין דער אונטנגעבראַכטער גראַפישער סכעמע איז די אָפּהענגיקייט און קעגנזייטיקע שייכות צווישן די אייגנאַרטן פון אַלע דריי גרופּן אויסגעדריקט דורך פאַרבינדנדיקע ליניעס, די צאָל פון דידאַקטיקע ליניעס אין דער סכעמע וואָלט נאָך געקאָנט באַדייטנדיק פאַרגרעסערט ווערן).

2. דאָס כאַראַקטעריסטיש-געמיינזאַמע פאַר אַלע דעטאַלירטע אייגנאַרטן אין אַלע דריי ריכטונגען איז זייער פאַרמאַסקירט-קייט, דאָס וואָס אונטער דעם זיך-דאַכטנדיקן ווען איז באמת

פאַרבאַהאַלטן זיין בפירושער קעגנזאַץ (אין דער סכעמע איז יעדע איינגאַרט געטיילט אויף צוויי העלפטן: אין אָפענער העלפט — די אויבנאויפיקע, זיך דאַכטנדיקע פאָרם פון דער איינגאַרט און אין דער פאַרשטראָכענער העלפט — די קעגנגעזעצטע פאַקטישע פאָרם).

דעם אידעאַליסטס פסיכישע איינגאַרטן לויט זייערע ריכטונגען וואָלטן מיר געקאָנט פאָרשטעלן אַזוי:



נעמען מיר צוערשט דאָס, וואָס דאַרף זיין און איז, לויטן ערשטן קוק, דער יסוד פון דער פסיכישער איינשטעלונג ביים אידעאַליסט, וואָס ס'דאַרף דינען אַלס הויפּט-שליסל צו אַלע אַנדערע פסיכישע אייגנאַרטן זיינע: זיין אָ פּ ט י מ י ז ם. עס איז דאָך ביי אונז קיין מינדסטער ספק נישט, אַז אָט דער אָפּטימיזם איז און מוז זיין די ערשטע פאָרויסזעצונג פון דער גאַנצער אידעאַליסטישער נאַטור. ווייל ווי וואָלט דען אַנדערש מעגלעך געווען אידעאַליסטישעס אונטערנעמען, יענע אַלע שלאָגנדיקע שטראָמען פון דעם אידעאַליסטס באַגייסטערונג, איניציאַטיוו און טאַט-קראַפט, ווען ס'וואָלט געפעלט דער אָפּטימיזם, די גוטע פאָזיטיווע שטעלונג צו וועלט און מענטש, ווען ס'וואָלטן געפעלט ביידע אומבאַדינגטע גוטע באַגלייט-מלאכים פון אידעאַליסטישער טעטיקייט (ביידע כשרע קינדער פון אָפּטימיזם): האָפנונג און גלויבן?

ביי דעם אידעאַליסט, וועלכער קעמפט פאַר פאַרבעסערונג און פאַרפולקאָמונג פון מענטשלעכן לעבן, מוז זיין נישט נאָר שטרעבן, נישט נאָר ווילן דערגרייכן דאָס לעבנס-גליק, די לעבנס-לוסט, נאָר אויך טיפע איבערצייגונג אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ דערגרייכונג. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דעם אידעאַליסט איז דאָס, וואָס ביי אים זאָל נישט זיין קיין אונטערשיד צווישן „ווילן" און „קאָנען", וואָס ביי אים איז אַ גלייכונגס-צייכן צווישן אָט די ביידע פעיקייטן, „איך וויל" = „איך קאָן". און דעריבער גייט דער אידעאַליסט אַ ג ר אָ ד ן ו ו ע ג, וואַקלט זיך נישט און ווערט נישט פאַרבלאָנדזשעט אין זיגזאַגן און געדיכטע, פינסטערע אָפּנויג-שטעגעלעך און וועגעלעך פון זיין קלאָרן און ליכטיקן ציל. כדי דאָס אַלץ זאָל זיין מעגלעך, כדי דער ציל זאָל זיין אַ ליכטיקער, כדי דער וועג צום ציל זאָל זיין אַ קלאָרער און אַ גראָדער. מוז ממילא הינטער זיי זיין אַ קלאָרע, אַ ליכטיקע באַציונג צו וועלט און מענטש. ליכט ווערט געבוירן נאָר פון ליכט, ליכט, וואָס באַווייזט זיך פאַר אַנדערע, איז נאָר אַ טייל פון אַ פיל-פיל גרעסערן ליכט, וואָס הגם ער איז נישט צוגענגלעך פאַר אַנדערע, איז ער דאָך פאַראַן — פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין טיפן טיף פון דעמיעניקן, וועלכער ברענגט ליכט פאַר אַנדערע. פראָמעטעוס

וואָס האָט געבראַכט דער וועלט אַ שטיקל פייער, האָט אַליין פון גאָר-גאָר-גרויסן גאַנצן פלאַקער גענאָסן, פּראָמעטעוס, וואָס האָט פאַר„רשות הרבימט", געמאַכט צום אַלגעמיינעם באַזיץ אַ טייל פון ליכט, האָט באַ זיך און פאַר זיך אַליין, אין זיין „רשות היחיד", אין זיין אייגענעם באַזיץ געהאַט דאָס גאַנצע ליכט. און יעדער אידעאַליסט איז אין דער בחינה פון אַ פּראָמעטעוס: דער אידעאַל, וואָס ער ברענגט דער וועלט, די מענטשן, איז בלויז אַ טייל פון יענעם גרויסן ליכט-קוואַל, וואָס ער טראָגט אין זיך, פון וועלכן ער אַליין געניסט אומאויפהערלעך.

ווי קאָן דען דער מיט שטאַרקן אינערלעכן ליכט דורכגעדרונגענער אידעאַליסט אַריינפאַלן אין די באַשאָטנטע ווינקלעך פון יאוש, פון ספק פון פּעסעמיזם?

דער אידעאַליסט מוז אַלזאָ אָפּטימיסט זיין.

צי איז ער אָבער אַזוי באמת? אָדער אפשר איז דאָס גופא, וואָס סיי מיר, זייטיקע, אַזוי צו זאָגן, שרייבן-צו דעם אידעאַליסט פון ערשטן קוק אומבאַדינגטן אָפּטימיזם און סיי דאָס, וואָס דער אידעאַליסט גופא איז נוטה זיך אַליין אַזאַ אָפּטימיזם צוצושרייבן, נישט מער ווי אַ קינסטלעכע, הגם פון אונז נישט אַלעמאָל אָנערקענטע, קאָנסטרוירונג, נישט מער ווי אַ ווילקירלעכע אָנווענדונג פון אַ קאָמפּענסאַטאָרישער אילוזיע, נישט מער — אין לשון פון פאַריקן קאַפּיטל — ווי אַ באַנדאַזש אויף אַ וווּנד, אַ באַנדאַזש צו פאַרדעקן די וווּנד?

און די וווּנד, וואָס איז זיכער פאַראַן, איז פּונקט דאָס פאַרקערטע, דאָס קעגנגעזעצטע צום אָפּטימיזם-שאַפנדיקן, די וווּנד איז: דאָס זעען מענטש און וועלט נישט אין פלאַמיקן ליכט נאָר אין טיפער פינסטערניש.

דאָס אויפפאַסן לעבן נישט ווי אַ מקור פון לוסט, וואָס מען דאַרף אים פאַרגרעסערן, נאָר דווקא ווי אַ מקור פון אומלוסט, וואָס מ'דאַרף אים פאַרקלענערן. אַלזאָ: נישט לוסט-צוווענדונג, פאַר וועלכן דער איינציקער יסוד איז אָפּטימיסטישע איינשטעלונג, נאָר דווקא אומלוסט-אָפּווענדונג, דער יסוד פון פּעסימיסטישער איינשטעלונג — דאָס איז דער תוך פון אידעאַליסטס פּסיכיק.

אידעאַל איז לעבנס-פאַרבעסערונג, לעבנס-פאַרפולקאָמונג —

דערדאָזיקער זאַץ איז אָן ספק ריכטיק. אָבער דערדאָזיקער זאַץ קאָן דאָך האָבן צוויי טייטשן: 1. „לעבנספאַרבעסערונג", ווי אַ צובוי פון אַ העכערן שטאָק צו אַ שוין-פאַראַנענעם פעסטן פונדאַמענט, אויף וועלכן עס שטייען שוין אַפילו מערערע שטאָקן און 2. אַ „לעבנס-פאַרבעסערונג", ווי אַן ערשט-בוי פון פונדאַמענט גופא, ווי אַן ערשט-אויסרייסונג פון די שווערע שטרויכל-שטיינער, וועלכע באַשווערן די פונדאַמענט-לייגונג. מען קאָן זאָגן: „איך פאַרבעסער דאָס לעבן, וואָס איז אויף פריער, ביז דער פאַרבעסערונג, געווען גוט, אָדער: „איך פאַרבעסער דאָס לעבן, וואָס איז פריער, ביז דער פאַרבעסערונג, געווען שלעכט". און צי איז באמת דער ערשטער און נישט דער צווייטער פון אָט די טייטשן דער ריכטיקער?

באמת איז דאָך דער אידעאַליסט — אַזוי אַפילו קוקט ער אַליין אויף זיך (ווי מיר וועלן זען ווייטער)—נישט קיין צובויער, נישט קיין פאַרבעסערער פון גוטן", נאָר אַן ערשט-בויער, אַ „פאַרבעסערער פון שלעכטן", יעדער אידעאַליסט קוקט אויף זיין אַרבעט ווי אויף אַ קאָסמאָגאָניע, ווי אויף אַ באַשאַפונג פון אַ וועלט (אמת, אַ פרעכטיקע און ליכטיקע וועלט), פון אַ „תהו ובהו" פון לויטער שלעכטן און פינסטערן.

און ביי אַזאַ איינשטעלונג איז שוין נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר עכטן אָפּטימיזם.

מעגן מיר אין אונזער פאַרטיידיקונג פון דער פּאָזיציע „אָפּטימיזם" ביים אידעאַליסט אַפילו מאַכן אַ טיילונג אויף „פריער" און „שפּעטער", ד. ה. זייענדיק געצוווּנגען נאָכצו-געבן אין אָפּגעפרעגטן אידעאַליסטישן „אָפּטימיזם" אויף דער שטרעקע ביז צום אידעאַל, אויף דער שטרעקע, וואָס האָט פאַראורזאַכט די עצם-אַנטשטייונג פון אידעאַל, וועלן מיר אָבער דעמדאָזיקן „אָפּטימיזם", נאָך מיט מער שטאַרקייט, פּרוּוון איבערטראָגן אויף דער שטרעקע פון נאָך דעם אידעאַל, נאָך דעם אידעאַלס אַנטשטייונג און אָנגעהויבענער ווירקונג. מיר וועלן זאָגן: אין לעבן ביז זיין פאַרבעסערונג (דורך דעם קאָנקרעטן אידעאַל) קוקט טאַקע דער אידעאַליסט, ווי אויף אַבסאָלוטן „שלעכט", ווי אויף אַן אומגעאָרדנטן געזעמל פון שטאַרק-פינסטערע, דערדריקנדיקע שאָטנס, דערפאַר אָבער הויבט זיך

דאָס לעבן פאַר אים אָן שוין אַלס אַבסאָלוט „גוט", אַלס שטאַרק אָנגעזאַפּטער מיט העלן ליכט און גליק, מיט און נאָך דעם אידעאַל.

איז אָבער אויך אַזאַ פּרווו פאַראורטיילט אויף אומדערפאָלג. ווייל דעם „פריער" און „שפּעטער" אין דער אויסערלעכער וועלט, אַרום דעם אידעאַליסט אַנטשפּרעכט דאָך גלייכצייטיק אַ „פריער" און „שפּעטער" אין דער אינערלעכער, אייגענער וועלט פון אידעאַליסט, ריכטיקער: דער „פריער-שפּעטער" פון דער אויסערלעכער וועלט ווערט נישט נאָר באַדינגט, נישט נאָר רעגולירט, נאָר אינגאַנצן געשאַפן פון דעם „פריער-שפּעטער" אין דער אינערלעכער וועלט פון אידעאַליסט און דאָ, אין דער אינערלעכער וועלט פון מענטשן (פון מענטשן בכלל און פון אידעאַליסט אַלס איבערדורכשניטס-מענטש באַזונדערס) איז שוין פאַראַן און מוז זיין אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן „פריער" און שפּעטער", דער „פריער" מיט זיין „גוט"-אָדער „שלעכט"-באַפאַרבונג מוז מחייב-זיין די ענלעכע „גוט"-אָדער „שלעכט"-באַפאַרבונג אויך פון „שפּעטער".

וואָס הייסט עס?

עס הייסט:

„גוט" אָדער „שלעכט" אין מענטשלעכער פּסיכיק זענען נישט קיין זיך-בייטנדיקע צושטאַנדן, ווו איינער קאָן אַרויסקומען פון דעם אַנדערן, נאָר זיך פּאַראַלעל-אַנטוויקלענדיקע צושטאַנדן. זייער אַנטוויקלונג קאָן גיין נאָר אין איין איינהייטלעכער ריכטונג: פון „גוט" קאָן ווערן „בעסער", פון „שלעכט"— „ערגער", אָבער בשום אופן נישט פון „שלעכט" זאָל ווערן „גוט" אָדער פאַרקערט.

אויב דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר דעם אידעאַליסט, אויב דער עצם אימפּולס פאַר זיין אידעאַל-אַנטפלעקונג: „דאָס לעבן (דאָס איצטיקע, דאָס פריערדיקע לעבן, פאַר זיין אידעאַל-פאַרווירקלעכונג) איז שלעכט", קאָן שוין ביי אים ממילא נישט זיין קיין גאַנצער גלויבן, קיין נישט-אָנגעגריפענע, נישט צעשפּאַלטענע האָפנונג, קיין אין-זיך באמתער פול-ליכט (אויך פאַר דעם שפּעטערן לעבן).

די ווירקלעכע פּסיכישע פאַרוואַרצלטקייט און נאַטירלעכ-

קייט פון דער איבערטראָגונג, פון דער ווייטער-אָנווענדונג פון „גוט" אָדער „שלעכט" צווישן „פריער" און „שפּעטער" קען זיין נאָך אין פאָרם פון איבערהזרונג, אָבער נישט פון ביימונג. מיר קאָנען אַלזאָ ווירקלעכע פסיכישע באַשטימטקייט און גאַנצקייט פון איבערצייגונגס-קראַפט באַזיצן נאָר פאַר „פון פּליוס קומט פּליוס" און „פון מינוס קומט מינוס", אָבער בשום אופן נישט פאַר דעם אומגעקערטן: „פון פּליוס קומט מינוס" און „פון מינוס קומט פּליוס".

אַנדערש גערעדט, מעגלעך איז:

	געווען	וועט זיין
א. גאַנצע איבערצייגונג ביי פאָלגנדיקע פאַלן:	1. „גוט"	„גוט"
	2. „שלעכט"	„שלעכט"
ב. נישט-גאַנצע איבערצייגונג (ריכטיקער: מאַנגל אין איבערצייגונג)	3. „גוט"	„שלעכט"
	4. „שלעכט"	„גוט"

און ווען דער אידעאַליסט, וואָס האָט אַזאַ שטאַרקע און גאַנצע איבערצייגונג דווקא פאַר „שלעכט" פון „געווען" — מיט דעם צייכנט זיך דאָך דער אידעאַליסט אויס! אָן דעם וואָלט דאָך זיין אידעאַל קיין שפּעריזשן אימפּולס און קיין קראַפט נישט געהאַט — קאָן ער שוין ממילא, טיף אין זיך, נישט פאַרמאָגן די אייגענע גאַנצע איבערצייגונג אויך פאַר דעם „גוט" פון דעם „וועט זיין".

פאַרוואָס שטרייך איך אונטער: „טיף אין זיך"? — ווייל יענע מכלומרשטע גאַנצקייט פון אידעאַליסטס איבערצייגונג אין „גוט" פון „וועט זיין", וואָס מיר זעען און וואָס מיר רופן זי אָן מיטן נאָמען „אָפּטימיזם", איז בפירוש אַן אילוזאָרישע, נישט אין דער טיף און נישט נאַטירלעך ליגנדיקע, נאָר אויבנאויף און אויף אַ געקינסטלטן אופן געשאַפענע.

אילוזאָריש איז עס נישט נאָר פאַר אונז, זייטיקע באַאָבאַכטער, נאָר אויך פאַר דעם אידעאַליסט גופא. ווי אַמאָל מאַהאָמעד, וואָס האָט שפּעטער אָנגעהויבן אַליין צו גלויבן אין דער ווירקלעכקייט פון זיינע נפילעפּטישע „זעונגען", הויבט

דער אידעאַליסט אָן צו גלויבן אין דעם, וואָס ער האָט זיך געשאַפן ווילקירלעך צוליב זעלבסטדערהאַלטונג, אויף אַזוי ווייט גלויבן, אַז ער האַלט עס אַפילו פאַר נאַטירלעך, פאַר אומווילקירלעך. אַזוי גלויבט דער אידעאַליסט אַליין אין דער אומבאַדינגטקייט פון פאַרבונדן „גוט" מיט „וועט זיין" נאָך דעם „שלעכט" פון „געוועזן". דער אידעאַליסט אַליין מיינט, אַז ער איז אַן אָפּטימיסט. באמת אָבער איז אונטערן הייטל פון געמאַכטער ליכט-זעעריי און „אָפּטימיזם", טיף, אין אונטערבאַוווסטזיין ביים אידעאַליסט פאַרוואָרצלט בפירושע פינסטער-זעעריי און פעסימיזם.

און ס'טרעפט זיך אַפילו אָפט, אַז דאָס נאַטירלעכע-אונטערבאַוווסטדיניקע ביים אידעאַליסט רייסט זיך אַרויס איבער דעם געמאַכטן באַוווסטזיניקן, די פעסימיזם-וווּנד קריכט אָפט אַרויס פון אונטער דעם „אָפּטימיזם"-באַנדאַזש, און דאַן כאַפּט זיך דער אידעאַליסט — צוליב דער נויטיקייט אָפּצוראַטעווען די באַדראָטע זעלבסטדערהאַלטונג — נאָך מיט מער קראַפט שטייפער צו מאַכן דעם באַנדאַזש.

פון דעם נעמען זיך די צו שטאַרקע מאַזשאָר-קולות אין דער סביבה פון אידעאַליסט, דאָס מונטערנדיק-איבערטריבענע אין אידעאַליסטס אַפּעל און פּראָפּאַגאַנדע, דאָס אַלץ איז אָמאָל נאָר קינסטלעכע פּראָזשעקטאָרן, כדי צו פאַרגרעסערן, פאַרשטאַרקן דאָס קומענדיקע ליכט — וואָס איז גאָר קיין ליכט נישט. די צו שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פון אידעאַליסט האָט אָמאָל בדעה נישט עפּעס אַנדערע, ווי אים אַליין, דעם אידעאַליסט. זיין צו שטאַרק מאַזשאָר-קול כלפּי חוץ האָט בדעה צו פאַרשרייען דאָס זיך-רייסנדיקע אינערלעכע מינאָר-קול פון אָנגעשפּאָלטענעם גלויבן. ס'איז אַ מיטל פאַר דעם אידעאַליסטס זעלבסטפאַרטויבונג.

די אַזוי גערופענע „גראָדליניקייט" פון אידעאַליסטס טאַט, וועלכע זאָל ווידעראַמאָל מאַניפעסטירן „אָפּטימיזם", דאַרף אויך באַטראַכט ווערן בלויז אין אַ באַשטימטן, אין אַ באַגרענעצטן זין. „גראָדליניקייט" פון אידעאַליסט באַציט זיך באמת נאָר אויף זיין וועלן, אָבער נישט אויף דעם קאָנען דערגרייכן זיין צוועק, ד. ה. אין זיין וועלן איז דער אידעאַליסט

ווירקלעך שטאַנדהאַפט (מיט דעם צייכנט זיך דער אידעאַליסט אויס פון נישט-אידעאַליסט, וועלכער האָט אַמאָל אויך דעם אייגענעם ווילן, ווי דער אידעאַליסט. ביי אים איז דאָסדאָזיקע ווילן אָבער נאָר צייטנווייז, נישט שטאַנדהאַפט), אין זיין קאָנען אָבער, אין זיינע אָנשטרענגונגען דאָס ווילן צו רעאַליזירן, איז ער נישט שטאַנדהאַפט: ער בייט די מעטאָדן פון זיין טעטיקייט, ער וואַרפט זיך אָפט אַריבער פון ברייטן, גלייכן שליאַך אויף שמאָלע געשלענגלטע וועגלעך-שטעגלעך. איינהייטלעך, גראָדליניק איז נאָר די אידעאָלאָגיע, אָבער פאַרשידנאַרטיק און קרומליניק איז די מעטאָדאָלאָגיע פון אידעאַליסט.

אויב די קאָנקרעטע טעטיקייט פון אידעאַליסט האָט שוין יאָ אַ געוויסע נייגונג צו איינהייטלעכקייט, גראָדליניקייט, איז עס נאָר אויף אַ העלפט: אויף וויפיל דידאָזיקע טעטיקייט איז שייך דעם נעגאַטיוון טייל, דעם חרוב-מאַכן דאָס אַלטע-שלעכטע, אָבער גאָרנישט גראָדליניק איז זי אין איר צווייטער העלפט, אין יענעם טייל, וואָס איז שייך דעם פּאָזיטיוון, דעם אויפבוי פון נייעם-גוטן. דעריבער געפינען מיר דעם ערשטן אידעאַליסטישן פּאַטאָס בעיקר אין רעוואָלוציע, נאָר דאַן ווען ס'ווערט חרוב דאָס „געוועזן שלעכט" און אַ סך ווייניקער פּאַטאָס טרעפן מיר שוין ביי דעם אייגענעם אידעאַליסט אין דער נאָך-רעוואָלוציע צייט, ווען ער דאַרף שוין בויען דעם „ס'וועט זיין גוט". דעם אידעאַליסטס כּוח פון מוטיקונג (מוטיקונג צוערשט פאַר זיך אַליין און שפּעטער פאַר אַנדערע) ליגט מער אין דעקאָנסטרוירונג, ווי אין קאָנסטרוירונג. פאַר וואָס? פאַר וואָס איז ביים אידעאַליסט אמתער יום-טוב נאָר אין סתירה און אין בנין איז שוין נישט מער ווי גרויער אינדערוואָכן? פאַרוואָס שיט פון אידעאַליסט מיט ברענענדיקע פונקען נאָר דאַן, ווען ער האַלט אין האַנט די קאַמפּס-שווערד און די אייגענע פונקען ווערן אָפּגעקילט און אויסגעלאָשן, ווען די שווערד אין זיין האַנט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַקער-אייזן?

ווייל נישט גלייך איז יענער אינערלעך פּסיכישער עבֿאַ, וואָס די ביידע מאָמענטן: חורבן (פון אַלטן, פון „געוועזן שלעכט") און בנין (פון נייעם, פון „ס'וועט זיין גוט") טרעפן אָן ביים אידעאַליסט: פאַר דעם שלעכט פון אַלטן האָט ער די גאַנצע

באַשטימטקייט און זיכערקייט און ער קאָן דעריבער אין קאַמף קעגן אַט דעם „שלעכט" אָנוועגדן זיין גאַנצן אינערלעכן אמת, ווען פאַר דעם „גוט" פון נייעם האָט ער בלויז אַ האַלבע באַשטימטקייט און אין זיין קאַמף לטובת אים קאָן ער שוין נישט אָנווענדן דעם גאַנצן אינערלעכן אמת, און ער מוז שוין, קעגן זיין אייגענעם ווילן און אפילו אויסער זיין אייגענעם באַוווסטזיין, זיך איבערלאָזן רעזערוון.

פון דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט וועגן ווירקלעכן באַדן פאַר אָפּטימיזם-פּעסימיזם-צוויאַייניקייט ביים אידעאַליסט, נעמט זיך ממילא אויך די צווייענדיקייט פון אידעאַליסטס עמפינדלעכקייט (יאָ-אָדער נישט-עמפינדלעכקייט, מער- אָדער ווייניקער-עמפינדלעכקייט איז דאָך אַן אויסדרוקס-פאָרם פון דער אָפּטימיסטיש-פּעסימיסטישער באַפאַרבונג פון דער פּסיכישער איינשטעלונג ביים מענטש), ד. ה. דער אידעאַליסט פאַרמאָגט העכער עמפינדלעכקייט פאַר איינס האַנט-ביי-האַנט מיט אָפּגעשוואַכטער, געשטערטער עמפינדלעכקייט פאַר אַנדערס אין לעבן.

לאָמיר סומירן דאָס געזאָגטע אין פאָלגנדיקע קורצע זאַצן:

א) היות, ווי פון שלעכטס („געוועזן שלעכט") קאָן נישט ווערן קיין גוט („ס'וועט זיין גוט"), קאָן ממילא די אַבסאָלוט-שלעכטע וועלט-פאַרגאַנגנהייט און קעגנוואַרט פון פאַר דער אידעאַל-פאַרווירקלעכונג נישט אומגעוואַנדלט ווערן אין אַבסאָלוט-גוטער צוקונפט נאָך דער אידעאַל-פאַרווירקלעכונג.

ב) גאַנצע זיכערקייט קאָן דער אידעאַליסט האָבן נאָר פאַר דעם „געוועזן שלעכט" און פאַר דעם „ס'וועט זיין גוט" קאָן ער האָבן נאָר אַ האַלבע זיכערקייט און

ג) איינהייטלעך און גראָדליניק איז בעיקר דעם אידעאַליסטס „ווילן" אָבער נישט „קאָנען", און אין זיין קאָנקרעטער טעטיקייט, וואָס איז די רעאַליזירונג פון „קאָנען", פאַלט די איינציקע גראָדליניקייט נאָר אויף חורבן, אָבער נישט אויף בנין. און ווייל עס איז אַזוי, קאָן ממילא דעם אידעאַליסטס עמפינדלעכקייט נישט פאַרטיילט ווערן אין אַ גלייכער מאָס צווישן „געוועזן שלעכט" און ס'וועט זיין גוט". דעם גרעסטן טייל פון דער עמפינדלעכקייט שלינגט איין די גאַנצע זיכערקייט פון דעם „געוועזן שלעכט" און פאַר דעם מיט האַלבער זיכערקייט

אויפגעפּאַסטן „ס'וועט זיין גוט” פאַרבלייבן בלויז קנאַפּע רעשט־לעך פון עמפינדלעכקייט. וואָס שטאַרקער עס איז די זיכערקייט פון עמפינדער אין דער עכטקייט פון עמפינדענעם, אַלץ קאָנ־דענסירטער און ווירקנדיקער איז זיין עמפינדלעכקייט און פאַרקערט.

און דעריבער זעען מיר איין ביי דעמזעלביקן אידעאַליסט, לגבי זיין עמפינדלעכקייט, די איבעראַשנדיק־קעגנגעזעצטע מעטאַמאָרפאָזן:

אָט איז ער טויזנט־אויגיק צו באַמערקן דאָס קלענסטע אין דעם וויטסטן וויַיט, און אָט איז ער מיט אַ פאַרבעלמט אויג נישט צו דערזען דאָס בולטסטע אין דער נאָענט, אָט איז זיין האַרץ — אַ פיַלסטרוניקער אינסטרומענט, וואָס רעאַגירט אויף יעדן לייכטסטן ווינטל און אָט ווערט ער וויַיניק־סטרוניק (אויך שוין נישט איינגאַנצן אָנסטרוניק), וואָס איז ביכולת שוואַך צו רעאַגירן אַפילו אויף שטורעמס.

נאָך אַמאָל: די שטאַרקסטע עמפינדלעכקייט (היפּערעמפינד־לעכקייט) פון אידעאַליסט ווערט אָפּגעגעבן דעם „געוועזן שלעכט” (צו באַזייטיקן דאָס שלעכט), און די שוואַכסטע עמפינדלעכקייט ווערט אָפּגעגעבן דעם „ס'וועט זיין גוט.

כ'זאָל ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן: ס'האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן דעם אויטאָסוגעסטיוון ביים אידעאַליסט, נישט וועגן דעם, ווי אַזוי דער אידעאַליסט זעט זיך אַליין און וויל זיך אַליין זען, נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי דער אידעאַליסט איז. מיר אַלע, זייטיקע באַאָבאַכטער, און דער אידעאַליסט אַליין האַלטן טאַקע, אַז דער עיקר פון אידעאַליסטס אינטערעס, פּאַטאָס און עמפינדלעכקייט געהערן דעם „ס'וועט זיין גוט”, דער אַב־סאָלוט־גוטער וועלט פון נאָך דער אידעאַל־פאַרווירקלעכונג, און אַז דער „געוועזן שלעכט”, דער קאַמף קעגן אַבסאָלוט־שלעכטן ביז צו דער אידעאַל־פאַרווירקלעכונג איז נישט מער, ווי אַ בויטיקער מיטל צום ציל, נישט מער ווי אַ פּרוזדור פאַר אַ טרקלין. אָט אַזוי, אין דערדאָזיקער ריכטונג סוגעסטירט דער אידעאַליסט סיי אונז, זייטיקע באַאָבאַכטער, און סיי זיך אַליין, און דידאָזיקע סוגעסטיע איז נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אידעאַל און אידעאַליסט, ס'איז אַן אויסדרוק פון זעלבסטדער־

האַלטונג. ווייל וואָלט דער אידעאַליסט זיך נישט פאַרשטעלט מיט אַזאַ סוגעסטיע פון „ס'וועט זיין גוט" איבער „איז געווען שלעכט" און ער וואָלט באַגריפן, אַז ער איז גאָר מיט זיין גאַנצער עמפינדלעכקייט, מיט זיין גאַנצן „יש" נישט אין ציל נאָר אין „מיטל", נישט אין ווייטן „גוט"-אויפבוי, נאָר אין נאָענטן „שלעכט"-צעשטער, וואָלט ער פאַרלוירן זיין טאַט-קראַפט און וואָלט זיין פּאַטאָס געמוזט פאַרבייטן אויף פאַרצווייפלונג. פון דער אַנדערער זייט וואָלט דער אידעאַליסט, נישט בלויז דורך סוגעסטיע, נאָר דע-פאַקטאָ אַריבערגעטראָגן זיין גאַנצע עמפינדלעכקייט פון נאָענטן-שלעכטן, וואָס ער וויל באַזייטיקן, אויף דעם ווייט-גוטן, וואָס ער וויל אויפבויען, וואָלט געמוזט זיך אויפוועקן אין אים די שלומערנדע האַלב-זיכערקייט, וואָס ער האָט פאַר דער אַבסאָלוטקייט פון „גוט" (נאָך דער אידעאַל-פאַרווירקלעכונג), ער וואָלט זיך דערזען אין זיין גאַנצער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, אין זיין פאַרצווייפלונג, אַנשטאָט באַגייסטערונג, וואָלט געוואָרן נאָך שטאַרקער, נאָך אַכזריותדיקער.

ס'איז אַזוי אַרום, (ווי אין אַלע בכלל פאַלן פון פּסיכאָלאָגישע קאָנסטאַטירונגען) ביאָלאָגיש פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט דאָס, וואָס מוז פּסיכאָלאָגיש קאָנסטאַטירט ווערן וועגן אידעאַליסטס עמפינדלעכקייט.

זי איז אַן איינזייטיקע, זי איז כמעט אינגאַנצן פאַרבונדן מיט דעם נאָענטן „שלעכט" און זייער ווייניק מיטן ווייטן „גוט".

זאָל אַן אידעאַליסט וועלן פאַרגעגנווערטיקן, פאַראַנשוילעכן זיין פאַרווירקלעכטן אידעאַל, וועט עס הייסן נישט: „ס'וועט זיין גוט", נאָר אייגאַיינציק: „ס'וועט זיין אויס שלעכט". דאָס „גוט" איז דאָ אַלזאָ נישט זעלבסטווערטיק, נישט זעלבסטקרעפטיק, נישט אוממיטלבאַר, נאָר מער נישט, ווי באַדינענדיק, אילוסטראַטיוו, פאַרגלייכמעסיק, מיטלבאַר.

די עמפינדלעכקייט פון אידעאַליסט איז אַ קוואַנטיטאַטיווע, זי נעמט אַרום נאָר גראַדן פון מענטשלעכן עלנד, זי איז אָבער נישט קיין קוואַליטאַטיווע, זי נעמט נישט אַרום דאָס מענטשלעכע עלנד אין זיין גאַנצקייט, אין זיין אורוועזן. ביי דעם אידעאַליסט איז דאָ היפּערעמפינדלעכקייט פאַר דעם עלנד

פון מענטש, פון איינצלנע מענטשן, אָבער אַן אָפּגעשוואַכטע עמפּינדלעכקייט פאַר דעם עלנד פון דעם מענטש, פון געזאַמטן מענטש, פון דעם מענטש אַלס אַזעלכן.

דאָס אַלץ איז די ווייטערע קעגנאיבערשטעלונג פון פּאַקטישער אָפּגעשוואַכטער עמפּינדלעכקייט צו דער זיך-דאַכטנדיקער היפּערעמפּינדלעכקייט, ווען די אָפּגעשוואַכטע עמפּינדלעכקייט באַציט זיך צום טיף-ליגנדיקן אינערלעכן ווען פון מענטש, צו דעם ווייטן „והיה באחרית הימים" — נאָך דער פאַרווירקלעכונג פון אידעאַל, נאָך דעם אָפּשלוס פון אידעאַליסטס קאַמף פאַר פאַרבעסערונג פון לעבן. (אַן אילוזאָרישער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ אָפּשלוס איז ביים אידעאַליסט פאַראַן און מוז זיין).

עס איז אָבער מעגלעך צו מאַכן די אייגענע קעגנאיבערשטעלונג פון זיך-דאַכטנדיקער היפּערעמפּינדלעכקייט צו פּאַקטישער אָפּגעשוואַכטער (אָדער אַפילו: איגנאָרירטער (אַטראָפירטער) עמפּינדלעכקייט אויך אין אַ פיל נעענטערן און דירעקטערן שטח. און שטח פון דעם עצם קאַמף פאַר דעם אידעאַל.

יעדער אידעאַליסט (אומזיסט שרייבט מען עס געוויינלעך צו בלויז געציילטע, בלויז באַשטימטע אידעאַליסטן) איז נישט נאָר אין זעלטענע פאַלן מסוגל צו אכזריות אין זיין קאַמף פאַר דער אידעאַל-פאַרווירקלעכונג. נאָר אַזאַ אכזריות איז בא אים אַפילו אַ מוז-זאַך, וועלכע דרינגט אַרויס פון דער לאָגיק פון קאַמף און פון דער פּסיכאָלאָגיע פון קעמפער. צו זיינע קעגנער, צו די שטערער און שטערונגען פון דער אידעאַל-פאַרווירקלעכונג איז דער אידעאַליסט אומבארחמנותדיק. דער גאָט פון אידעאַל איז אפשר דער גרעסטער „אל נוקם ונוטר. צווישן אַלע געטער: אויף זיין מזבח ווערט געבראַכט כסדר די גרעסטע צאָל קרבנות. אַזעלכע געזעצן ווי „אַז מ'האַקט דעם וואַלד, פליען שפּענער", „דער ציל הייליקט די מיטלען" זענען די אומבאַדינגטע יסודות פון יעדער קאַמפּס-סטראַטעגיק און אויך פון קאַמף פאַר אידעאַל (יעדער קאַמף בכלל איז דאָך אַ קאַמף פאַר אַ אידעאַל, קיין אַנדערע קאַמפן זענען גאָרנישט בנמצא).

און אויב ערגעץ-ווו הערט זיך פון אידעאַליסטס מויל אַן אַנדערע לאָזונג, אַ רוף קעגן קרבנות, קעגן „לאָזן פליען שפּענער"

ביים וואַלד-האַקן, איז עס בעצם מער אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט מיט דער נויטיקייט צו ברענגען קרבנות, ווי אַן אויסדרוק פון רעאַליזירטער פאַרמיידונג פון דער נויטיקייט גופא, מער אַ זיפץ פון פאַרצווייפלונג, ווי אַ שאָל פון מונטערונג. און ווייטער און אויך אין דערדאָזיקער לאָזונג פון קעגן קרבנות-ברענגונג נאָר אַ טראַנספאָרמירונג, אָבער נישט קיין פאַרמיידונג פון דער קרבנות-ברענגונג, נאָר אַן איבערזראָגונג פון דער קרבנות-ברענגונג אין אַן אַנדערער ריכטונג, אָבער נישט קיין אַנטשיידן בטל-מאַכן די קרבנות-ברענגונג אַלס אַזעלכער.

נעמען מיר די קריסטלעכע סליחה צו קעגנער, וועלכע איז דאָך דער יסוד פאַר ווייטערע ענלעכע איינשטעלונגען (אין אונזער צייט: טאָלסטאָיס „נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס באַנדים „פאַסיווער ווידערשטאַנד" א. א. וו.), איז וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר דע-פאַקטאָ, פסיכאָלאָגיש גענומען? נישט אַנדערש, ווי אַן אכזריות איבער זיך אַליין, נישט אַנדערש, ווי אַ פאַרבייטונג פון דעם אכזריות-אָביעקט (אָנשטאָט די אכזריות אָנצוווענדן אויף אַנדערע, קומט די אָנווענדונג פון דער איי-גענער אכזריות אויף זיך), נישט אַנדערש ווי אַ פאַרבייטונג פון נעמען: „רחמים" איז דאָ נאָר אַ שנוי-השם פון פאַקטישער אכזריות.

דער מענטש, אין ווענענס נאַטור, אַלס בפירושער עלעמענטאַרער אויסדרוק פון זעלבסטדערהאַלטונג, עס וואָרצלט דאָס יאָ-שטעלן אַ ווידערשטאַנד די קעגנער, די שטערער און שטערונגען אויף זיין געווונטשענעם לעבנס-וועג, קאָן דאָך דערגיין צו ווידערשטאַנד-פאַרמיידונג (אויב אַזאַ איז בכלל מעגלעך) נאָר דורך זייער שווערע און פיינלעכע אָנשטרענגונגען איבער זיך אַליין, איבער זיין אור-נאַטור, מוז דאָך, אַנדערש גערעדט, דערגרייכן זיין רחמנות צו אַנדערע נאָר דורך אַכזריות צו זיך. מ'מוז דערביי קומען צו זייער אַ ווייטיקדיקן קאָנפליקט, צום קאָנפליקט צווישן „איז" און „זאָל זיין", צווישן אָרגאַנישן, אומווילקירלעכן און נישט-אָרגאַנישן, ווילקירלעכן, צווישן ביאָלאָגישער נויטיקייט און פסיכאָלאָגישער געוווּנטשנקייט.

און דעריבער זעען מיר טאַקע ביים אידעאַליסט (און באַזונדערס ביי דעמיעניקן אידעאַליסט, וועלכער האַלט זיך ביי דער דערמאָנטער „רחמנות צו קעגנערײַ") זעלבסטפייניקונג, אַסקעטיזם,

ווײַל וואָס מיר ווילן שפּעטער רעדן אויספירלעכער. שטעלט זיך אָבער די גרונט-פראַגע:

ווי איז עס מעגלעך, אַז דער אידעאַליסט, וואָס איז בכלל דורכגעדרונגען מיט רחמים און היפּערעמפּינדלעכקייט צום מענטשלעכן עלנד, זאָל זײַן מסוגל צו אכזריות (אַלצײַנס צי איז עס אכזריות לגבי אַנדערע, ווי ס׳טרעפט דאָס רוב, אָדער לגבי זיך אַליין, ווי ס׳טרעפט זעלטענער)? ווי איז עס מעגלעך, אַז בײַ אַן ענדציל פון בּרענגען גוטס און הילף דער געפּײַניק-טער מענטשהייט, זאָל דער אידעאַליסט אין זײַן קאַמף, טאַקע לטובת דער דערגרייכונג פון אָט דעם ענדציל, אָנווענדן מיטלען, וועלכע ברענגען שלעכטס און פּײַן אײנצלנע מענטשן און מענטשן-גרופּן (פון די, וואָס שטערן די דערגרייכונג פון ענדציל)?

איז אין דעם נישט פאַראַן אַן אינערלעכע סתירה, אַ דיסהאַרמאָניע?

און דער שלוס: אונטער דער הייטל פון היפּערעמפּינדלעכקייט ביים אידעאַליסט געפינט זיך דאָך — אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס — אַלע מאָל פּאַקטישע אָפּגעשוואַכטע עמפּינד-לעכקייט.

און אַזוי איז עס אויך מיט עגאָצענטרישקייט פון אידע-אַליסט. אויבן-אויף איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידעאַליסט זײַן אויסגעטוענקייט פון זיך, זײַן עגאַלאָזיקייט, זײַן מקריב-זײַן דעם אייגענעם „איך" לטובת דעם כלל. „אי-דעאַליזם" און „זעלבסטאָפּפערונג" זענען סינאָנימען. „אידעאַליזם" און „זעלבסטבאַשרענקונג", זעלבסטפּײַניקונג און אַסקעטיזם, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, זענען אָרגאַניש געבונדען. באמת אָבער איז קיינער נאָך נישט אַזוי עגאָצענטריש, נישט אָנערקענענדיק עס אַליין, ווי דער אידעאַליסט. שוין נישט גערעדט וועגן דעם, וואָס דער פּסיכישער אור-יסוד פון אידעאַליסט איז פולע, שטאַרקע עגאָצענטרישקייט, זענען נאָך מיט איר אומבאַדינגט באַפאַרבט אַלע זײַנע קאָנקרעטע מעשים און טריט. און אַנדערש איז גאָר נישט מעגלעך: דער וואָס שטעלט אין אָפּהענגיקייט דעם אַלגע-מײַנעם ווילן און גליק פון זײַן אידעאַל, מוז דאָך, צי ער אָנער-קענט עס יאָ צי נישט, אַרויסגיין פון זײַן אייגענעם „איך", מוז דאָך כסדר מאַניפעסטירן אין אַלע זײַנע האַנדלונגען זײַן אייגענעם

„איך". יעדער אידעאַליסט מוז אַלס ערשטע פאָרויסזעצונג באַזיצן גלויבן אין זיין אייגענער גערעכטיקייט, מוז זיין גלויבן און זיין פאַרשטייין שטעלן העכער פון אַנדערנס גלויבן און פאַרשטייין — אין קעגנפאַל וואָלט דאָך ביי אים קיין אונטערנעמערישקייט, קיין באַגייסטערונג אין אייגענע מעשים נישט געווען. אין קעגנפאַל, וואָלט דער אידעאַליסט דאָך קיין אידעאַליסט נישט געווען. אידעאַליסט אָן „איך"-באַזיץ (אַלציינס: צי איז עס „איך"-געפיל, אָדער „איך"-באַוווסטזיין, ד. ה. צי איז דער „איך"-באַזיץ אַ פאַרשטעקטער, פאַרבאַהאַלטענער אָדער אַן אָפענער) איז ווי אַ מאַשין אָן אַ מאָטאָר: מעג אַזאַ מאַשין האָבן אַלע טיילן, וואָס זענען נויטיק צו איר טעטיקייט און באַוועגונג, וועט זי אָבער מוזן פאַרבלייבן אומטעטיק און באַוועגלאָז, ווייל איר פעלט דאָס, וואָס ברענגט זי ערשט אין באַוועגונג.

דעם אידעאַליסטס „איך" איז דער מאָטאָר פון אידעאַל, פון אידעאַליסטס טעטקראַפט.

באמת, ווי גרויס און שטאַרק עס מוז שוין זיין דער „איך"-באַזיץ פון אידעאַליסט, ווען ער האַלט עס פאַר מעגלעך, אַז זיין אידעאַל, און נאָר זיין אידעאַל, איינער און אַליין, קאָן און מוז ראַטעווען וועלט און מענטשהייט! נעמען מיר אַפילו די דערמאָנטע זעלבסטאָפערונג, זעלבסטפייניקונג פון אידעאַליסט, יענע אַלע סימנים, וועלכע דאַרפן, דאַכט זיך, דינען אַלס בולטע ראיה צום אידעאַליסטס זעלבסטלאָזיקייט (זעלבסטאָפערונג, זעלבסטפייניקונג זענען זעלבסטפאַרניכטונג!), זענען זיי באמת אויך נישט קיין סתירה, נאָר אדרבא — אַ בולטע דעמאָנסטרירונג ווידער אַמאָל פון עגאָצענטרישקייט.

מיר ווייסן שוין איצט, אין דער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע, גאַנץ גוט, אַז יעדע זעלבסטפייניקונג האָט אַלס איר יסוד זייער שטאַרקע זעלבסטליבע. נאָך מער: אין זעלבסטפייניקונג (מאַזאָכיזם) איז פאַראַן זעלבסטליבע אַ סך-מער, ווי אין פייניקן אַנדערע (סאַדיזם).

כ'האָב פריער פאַרבונדן „זעלבסטאָפערונג און זעלבסטפייניקונג" און זיי לאָזן זיך טאַקע, ווי געזאָגט, פאַרבינדן לויט דעם געמיינזאַמען יסוד זייערן — די זעלבסטליבע, די שטאַרקע

אַקצענטירונג פון „איך", די שטאַרקע עגאָצענטרישקייט פון אידעאַליסט. אָבער זיי דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַרטיילט און באַזונדער לויט דער קוואַנטיטאַטיוו-קוואַליטאַטיווער גראַדירונג פון דערדאָזיקער עגאָצענטרישקייט אין יעדער פון זיי, לויט דער פאַרשידנהייט פון דער קאָנקרעטער אַנטפּלעקונג מצד דער-דאָזיקער עגאָצענטרישקייט. דאָס, וואָס איז געמיינזאַם פאַר זיי ביידע — די זעלבסט-ליבע, אַנטפּלעקט זיך אין יעדער פון זיי דורך אַן אַנדערש מאָטיווירטער, אַנדערש געריכטעטער אילוזיע (אילוזיע איז אַלע מאָל די אומבאַדינגטע באַגלייט-דערשיינונג פון יעדער אַנטפּלעקטער, רעאַליזירטער זעלבסטליבע): אין דער זעלבסטאָפּערונג איז די אילוזיע געריכטעט צו זיך, איר מאָ-טיווירונג איז „צובייגונג"; אין זעלבסטפּייניקונג, פאַרקערט, איז די אילוזיע געריכטעט פון זיך, איר מאָטיווירונג איז: „אָפּבויגונג".

דערדאָזיקער אונטערשיד דאַרף אָבער באַטראַכט ווערן ווידער אַמאָל נאָר אין רעלאַטיוון זין, דער „צו זיך"-צובויג אָדער דער „פון זיך"-אָפּבויג זענען נאָר אויף אַזוי פיל ריכטיק, וויפיל זיי ווערן פאַרשטאַנען אַלס דאָמינירנדיקע, אָבער נישט אַלס אויסשליסלעכע סימנים. דאָס דאַרף באַזונדערס באַטאָנט ווערן לגבי דעם „פון זיך"-אָפּבויג, וואָס אין זעלבסטפּייניקונג, ד. ה., אויך אין זעלבסטפּייניקונג איז דער „פון זיך"-אָפּבויג נאָר אַ דאָמינירנדיקע, אַ בולטערע אַנטפּלעקונגס-פאָרם, הינטער וועלכער ס'בלייבט דאָך אַ געוויסער פּלאַץ אויך פאַר „צו זיך"-צובייגונג (ווען אַפילו אין אַ קלענערער מאָס).

צוויי מאָמענטן, צוויי באַגלייט-אילוזיעס פון דער קאָמ-פּליצירטער איבערלעבונג פון זיך-אָפּערנדיקן ווילן מיר דאָ אַרויסנעמען אַלס אילוסטראַציע: א) די אילוזיע וועגן אייגענער דערהייבונג, וועגן ענדלעך-רעאַליזירטער אייגענער העכער-שטייונג און ב) די אילוזיע פון נקמה קעגן די שונאים. מען מוז צוגעבן, אַז אין דעם פּרט איז דער אידעאַליסט-זעלבסט-אָפּערער, פּסיכאָלאָגיש גענומען, אינגאַנצן גלייך מיט דעם זעלבסטמערדער, ווייל יעדער זעלבסטמערדער איז אין תוך אויך אַן אידעאַליסט, מער נישט, אין אונטערשיד פון דעם אידעאַ-ליסט אין אַנגענומענעם זין איז זיין אידעאַל דאָס רוב אַן

אָפּן אינדיווידועלער, אָפּן פּערזענלעכער, ווען ביי יענעם איז דער אייגענער אידעאַל נישט אַזוי אָפּן, מער פּאַרמאַסקירט — אומפּערזענלעך.

ווי ווייט ס'לאָזט זיך אַריינדרינגען אין די לעצטע איבער־לעבונגען פון זעלבסטאָפּערער־אידעאַליסט און זעלבסטמערדער־„אויך אידעאַליסט", קאָן מען עס האַלטן פאַר פעסטגעשטעלט:

אין דער צייט פון ערב־אָפּשיידן זיך פון לעבן פילט אַזאַ איינער אַ געשטייגערטע זעלבסטאָנערקענונג, אַ שטאַרקע דער־הויבונג פון אייגענעם באַדייט. דער אייגענער אידעאַליסט, וועלכער האָט פריער אין איין איבערחזרן, צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, אַז די רעאַליזיר־קראַפט פון אידעאַל ליגט נאָר אין די הענט פון גאַנצן כּלל, ווערט דורכגעדרונגען אין לעצטן מאָמענט מיט דער איבערצייגונג, אַז ער אַליין, ער מיט זיין איצטיקן לעצטן אַקט, העלפט מיט באַזונדערס דער רעאַליזירונג פון אידעאַל.

אין סאַמע לעצטן מאָמענט, ערב זייער אָפּשיידן זיך פון לעבן (דער אידעאַליסט דורך געוואַלטזאַמען טויט, דער זעלבסט־מערדער — דורך אייגנווילּיקן, אייגנהענטיקן טויט) פאַלן סיי דער אידעאַליסט, סיי דער זעלבסטמערדער אומבאַדינגט אַריין אין אַ פּסיכיש־אומנאָרמאַלן צושטאַנד (און דעריבער ווערן טאַקע די לעצטע מאָמענטן פון זיי ביידע מיט רעכט באַטראַכט פון פּאַטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט), אָבער די אומנאָרמאַלקייט פון דעם צושטאַנד באַשטייט, אָן ספק, נישט אין וועזנטלעכער סתירה צו אונזער געוויינלעכער, אַזויגערופענער נאָרמאַלער פּסיכיק אַלס אַזעלכע, ד. ה. נישט ס'איז אָט אין דעם צושטאַנד פאַראַן עפּעס אינגאַנצן נייעס, אַזעלכעס, וואָס ביי אונז איז עס נישט פאַראַן, נאָר אין דעם, וואָס דאָס שוין אין אונזער נאָרמאַלער פּסיכיק פאַראַנענע קומט אין דעם דערמאָנטן צושטאַנד אין אַ פיל־פאַרגרעסערטער, בולטערער מאָס. ס'איז אַזוי די אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק: קלענערע אָדער גרעסערע בולטקייט, אָפנקייט פון איר נאַטור איז אָפּהענגיק פון געוויסע זייטיקע באַדינגונגען. זענען די באַדינגונגען נישטאָ אָדער זיי זענען אין אַ קנאַפּער מאָס פאַראַן, דאַן גייען געוויסע פּסיכישע אור־אייגנשאַפטן אַוועק אין באַהעלטניש, אין לאַטענץ, קומען

אָבער די באַדינגונגען, ווייזן זיך ערשט די לאַטענצירטע אייגנ־שאַפטן אַרויס אין זייער גאַנצער קראַפט. דער צום טויט פאַר־אורטיילטער אידעאַליסט און דער זעלבסטמערדער האָבן יענע באַדינגונגען, ווו ס׳קאָנען זיך אַרויסווייזן אין זייער גאַנצער בולטקייט געוויסע פסיכישע אייגנשאַפטן און וואָס מיר האָבן זיי (די באַדינגונגען) אין אונזער נאָרמאַל־פליסנדיקן לעבן נישט. (דאָס פאַרפילן און דאָס באַוווסטזיין פאַר דעם נאָענטן טויט). דעריבער איז די אומנאָרמאַלקייט פון אידעאַליסט און זעלבסט־מערדער פאַר זייער טויט דווקא אַ זאַך, פון וואָס מיר קאָנען לערנען אויך וועגן אַלגעמיין־מענטשלעכער פסיכישער אורנאַטור.

וואָס־זשע איז כאַראַקטעריסטיש אין דעם אומנאָרמאַלן צושטאַנד אין לעצטן מאָמענט ערב אָפּשיידן זיך פון לעבן ביים אידעאַליסט און זעלבסטמערדער?

א) פאַראַכטונג צום טויט, ב) דואַליזאַציע פון מענטשן אין זיך אויף אייגעם, וואָס טראַכט וועגן „צווייטן", ג) פרייד פון זעלבסטפּיין, ד) שאַדנפרייד און געשטייגערטער נקמה־געפיל.

און אין זיי אַלע איז דער יסוד, אויף וועלכן זיי באַזירן, אומבאַדינגט די עגאָצענטרישקייט, וועלכע פלאַקערט זיך שטאַרק פונאַנדער ביים מענטש ערב זיין טויט. לגבי דער פסיכישער זעלבסטדערהאַלטונג פון מענטש איז, ווי לגבי דער פיזישער, אָנצווענדן פאָלגנדיקעס: גראַד דאַן, ווען די זעלבסטדערהאַל־טונג ווערט געשטערט, ווערט באַדראָט, ווערן די אָנשטרענגונ־גען זי צו זיכערן, זי צו פאַרשטאַרקן מערפאַך־געשטייגערט. פונקט, ווי ביי אַ פיזישער ווונד קומט פאַר אַ פיל־פאַרמערטער בלוט־צופלוס פון אַלע זייטן גראַד צו דער ווונד, צו דעם פלאַץ, ווו און פון וואַנען דאָס בלוט ווערט פאַרלוירן, אַזוי קומט אויך אַ שטאַרקער צופלוס פון עגאָצענטרישקייט־בלוט צו דער פסיכי־שער ווונד, ביים צום טויט־פאַראורטיילטן אידעאַליסט און זעלבסטמערדער.

גראַד איידער דער „עגאָ" גייט אינגאַנצן לאבוד, ווערט ער געשטאַרקט, איידער דאָס ליכט ווערט אויסגעלאָשן, הויבט זיך זיין פלאַם אויף.

דער, ווען דער „עגאָ" האַלט ביי פאַרשווינדן, אינגאַנצן פאַרשווינדן, מוז אָנקומען צו קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, צו

אילוזיעס, וועלכע זאָלן אים מאַכן פֿאַרגעסן די אומפֿאַרמייד-לעכע פֿאַרשווינדונג, וועלכע זאָלן זיין ווייטיק פֿאַרטויבן.

און די אַלע אויסגערעכנטע איבערלעבונגען פֿון ערב-טויט זענען טאַקע אַזעלכע קאָמפּענסאַטאָרישע פֿיקציעס, אַזעלכע פֿאַרטויבנדיקע אילוזיעס.

„פֿאַראַכטונג צום טויט" — וויפֿיל באַריכטן וועגן דער לעצטער האַלטונג פֿון אידעאַליסט אויפֿן עשאַפֿאָט, וועגן זעלבסט-מערדער ערב זיין טויט, זאָגן אונז וועגן דעם עדות? אָבער דאָס איז אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פֿיקציע, דאָס איז אַ פֿאַרצווייפֿל-טער פֿאַרזוך צו מאַכן פֿון נויט אַ טוגנט: „אויב מ'קאָן נישט אַריבער" זאָל פֿון „מוז מען אַרונטער" גופֿא ווערן אַן אילוזיע פֿון „גייט מען אַריבער".

נאָרמאַל איז די „פֿאַראַכטונג צום טויט" און די באַקאַנטע העראָישע „רויקייט" ביים אידעאַליסט אין זיינע לעצטע לעבנס-מינוטן נישט-באַגרייפֿלעך. ווי אַזוי קאָן עס מעגלעך זיין, אין נאָרמאַלן צושטאַנד, פֿאַראַכטונג צום טויט גראָד ביי דעמיעניקן, וועלכער איז דער גרעסטער פֿאַרהערלעכער פֿון לעבן, ווי אַזוי קאָן עס מעגלעך זיין „רויקייט" ביים פֿאַרשווינדן גראָד ביי דעם טרעגער פֿון אומגעזעטיקטן „זיין"?

ביי דעם אידעאַליסט, וואָס איז אַקטיוו לגבי לעבן (באַ-זיצט די מאַקסימאַלסטע אַקטיווקייט לגבי לעבן) קאָן דאָך נישט זיין פּאַסיוו לגבי אויס לעבן, לגבי טויט.

און דער זעלבסטמערדער אויך — ער האָט דאָך דאָס לעבן ליב אין אַ געשטייגערטער מאָס, ער באַגייט דאָך זיין טאַט טאַקע צוליב דעם, וואָס זיין געשטייגערטע ליבע צום לעבן ווערט אַביסל געשטערט, הייסט ווי איז עס מעגלעך, אַז ס'זאָל ביי אים זיין אַ פֿאַראַכטונג צום טויט, וועלכער מאַכט זיין ליבע צום לעבן, זיין לעבן גופֿא אינגאַנצן פֿאַרשווינדן? אין דעם פּראַקטיש-זאַץ פֿאַר דאָס רוב לעצטע געזעגענונגס-צעטע-לעך פֿון זעלבסטמערדער: „ווייל כ'האָב נישט דערגרייכט דאָס און דאָס אין לעבן, גיי איך פֿון לעבן אַוועק" זענען דאָך, נאָרמאַל גענומען, ביידע העלפֿטן בפֿירושע סתירות קעגנאייננאַנדער.

אויב דער מענטש האָט אַזוי ליב דאָס לעבן, אַז אַ טייל-ווייזע שטערונג אין זיין לעבנסגענוס פֿאַרשאַפֿט אים אַזאַ ווייטיק

(ביז צום באַשלוס – אָוועקצוגיין פון לעבן), ווי אַזוי־זשע וואָלט שוין געדאַרפט גרויס זיין דער ווייטיק פון אַ גאַנצער צעשטע־רונג, פון אַ פאַרניכטונג פון לעבן?

און די פאַרשידענע ספּעציעלע אויספאָרשונגען פון זעלבסט־מאָרדן שטעלן פעסט גאַנץ קלאָר, אַז די איבערוויגנדיקסטע מערהייט פון זעלבסטמאָרד־סיבות בילדן דווקא יענע, וואָס גע־הערן צו דער גרופּע געשטערטע לעבנס־אַקטיווקייט, לעבנס־ווילקייט, און נישט פון דער גרופּע: „לעבנס־פּאַסיווקייט. שוין דער פאַקט גופא, וואָס אַ מענטש באַגייט זעלבסטמאָרד, באַווייזט, אַז ער איז פעיק אויף מאַקסימאַלער לעבנס־אַקטיווקייט (ווייל זעלבסטמאָרד איז דאָך, זאָל זיין פּאַטאָלאָגישע, אין זיך און מיט זיך די גרעסטע אַקטיווקייט), אַ מענטש אַ פּאַסיווער, אַ ווילנסלאָזער, קאָן גאָר נישט מסוגל זיין צו אַזאַ אַנטשיידע־נעם שריט, ווי זעלבסטמאָרד. איז דאָך די קשיא: ווי קומט עס, אַז דער, וואָס ס'איז מאַקסימאַל־אַקטיוו צוליב לעבן, זאָל קאָנען ווערן מאַקסימאַל־פּאַסיוו צום לעבן דאַן – גראָד, ווען ער פאַר־לירט דאָס לעבן? ווי קומט עס, אַז דער מענטש, וואָס פאַר־מאָגט די גרעסטע אומרויקייט און שווערגעשטילטן דראַנג צום לעבן, צום גאַנצן לעבן, זאָל מיט אַמאָל ווערן רויק און דראַנג־לאָז ביים פאַרלירן דאָס לעבן?

דער איינציקער ענטפער אויף דעם אַלעם איז אַזאַ:

די „פאַרלאַכטונג צום טויט", די „רויקייט" איז דאָ גאָר אַ רעזולטאַט פון פאַרטויבונג, נאָר אַ פיקציע, וואָס קומט צו קאָמפּענסירן דעם שווערן ווייטיק, אַ דעקטוך אויף דעם בפירושן קעגנזאַץ פון „פאַראַכטונג" און „רויקייט" – אַקטיווער ווידער־שטאַנד קעגן טויט מצד דעם נאָך לעבן דאָרשטיקן.

אַן אויסדרוק פון פּאַקטיש־אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן טויט, אַ פיקציע צום קאָמפּענסירן, צום לייכטער מאַכן דעם ווייטיק פון פאַרשווינדן איז אויך די דועליזאַציע אין דער פּערזאָן פון שטייענדיקן אויף דער שוועל פון טויט.

דער אידעאַליסט האָרט ביים עשאַפאָט, דער זעלבסט־מערדער איידער ער לייגט־צו דעם טויט טראָגנדיקן רעוואָלווער צו דער שלייף, איז פול־איבערפילט מיט געדאַנקען וועגן זיך, אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ, אין אַרום בינדט זיך ביי אים אומבאַדינגט און

אויסשליסלעך נאָר מיט אים אַליין, מיט זיין אייגענעם „איך". אָבער ווי אַזוי קומט עס פאָר? דער „איך" איז אַ געשפּאָלטע־נער, אַ פאַרטיילטער אויף צוויי: איין „איך" דענקט וועגן „צווייטן". דער אידעאַליסט און זעלבסטמערדער פאַרוואַנדלען זייער נאָך צוקינפטיקן, נאָך נישט פאַרווירקלעכטן טויט־אַקט אין „קעגנוואַרט" און שטעלן זיך פאָר, ווי אַזוי וועט עס אויסזען נאָך זייער טויט. ווי אַזוי וועלן די אַנדערע האַנדלען, וואָס וועט מען דאָ און דאָרט זאָגן וועגן זיי א. א. וו.

איין „איך" ווערט, אַלזאָ, אויסגעטיילט אויף דער ראָל פון אַ „זייטיקן" באַאָבאַכטער, אורטיילער, וועמענס עקזיסטענץ דער טויט־אַקט רירט נישט אָן און צעשטערט זי נישט. דאָס איז, פסיכאָלאָגיש גענומען, אַ פרווו אָפּצוראַטעווען עפּעס, זאָל זיין אַפילו אילוזאָריש, פון טויט, אָפּצורייסן אַ יתר־הפליטה פון אונטער די „איך"־רוינען.

צו גרויס איז די פיין פון לעבן־אַוועקגייענדיקן, דער לעצטער זאָל נישט זוכן, נישט אָנשטרענגען זיך די פיין צו מילדערן — ווען אַפילו די מילדערונג קומט פון פאַרטויבונג. די נויטיקייט אין מילדערונג, אין פאַרטויבונגס־טרייסט איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו די פיין גופא ווערט צו אַ טרייסט פאַרוואַנדלט. די זעלבסטפיין (וואָס געוויסע אידעאַליסטן פאַרן טויט פאַרגרעסערן אַפילו ביי זיך) איז פאַר דעם אידעאַליסט (און זעלבסטמערדער) אַ דערהויבונג פון אייגענעם „איך", די זעלבסטפיין פאַרגרעסערט די אילוזיע פון העכער־מאַכנדיקן מאַר־טירערטום, פון מאַרטירערטום, וואָס ווערט איינגעוועבט אין דער „אייביקייט". יעדער אידעאַליסט מוז האָבן אַ געדאַנק, אַ ווילן אַזאַ אין רעכטן מאָמענט פון זיין אַוועקגיין פון דער וועלט: „וואָס גרעסער מיין מאַרטירערטום, וואָס שטאַרקער ס'איז מיין אַנדערשקייט פון אַלע איבעריקע, אַלץ פעסטער ווערט מיין נאָמען איינגעוועבט אין דער אייביקייט". דער אידעאַליסט שפּינט מיט זיין טויט פעדעם פון זיין „איך" אין דער אייביקייט אַריין; די הענט ציטערן פון איבעראָנשטרענגונג (די צייט איז קורץ און דער ווילן שטאַרק) און ער שפּינט — מורא האָבנדיק צו פאַרפעלן, חלילה, צו נישט־פאַרענדיקן זיין „אייביקייטס־געוועב".

און נאָך מער: זיכערקייט איז בײַ אים דאָ, בײַ דעם אידעאַליסט. ער איז זיכער, אַז אויף אים וואַרט דער פּלאַץ אין דער אײביקײט, ער פֿאַרקעגנווערטיקט אַפֿילו אַט דעמדאָזיקן פּלאַץ (און דאָס איז דער זין פֿון דער דואַליזאַציע אין זײַן פּערזאָן, בײַ װעלכער אײן „איך" זײַנער „באַאָבאַכטעט" די רעאַליזירטע „אײביקייט" פֿון צווייטן, פֿאַר אים עיקרדיקן „איך"), ער איז זיכער אין זײַן אַנדערשקייט, אין זײַן העכערקייט איבער אַלע אַנדערע.

און ווײַל די זיכערקייט איז אַזוי שטאַרק, ווײַל די אויטאָ-סוגעסטיע פֿון „העכערקייט" איז אַזוי ווירקנדיק, געפֿינט דער אידעאַליסט (און זעלבסטמערדער) אומבאַדינגט אין זײַנע לעצטע מינוטן אַ געוואַלטיקע טרייסט אין נקמה.

ווען געוויינלעכן זעלבסטמערדער איז דאָך שוין אָפּגע-רעדט, זײַן טאַט איז דאָך אַמוויזנטלעכסטן מאָטיווירט מיט נקמה-געפֿילן. ער איז דאָך דורכגעדרונגען אינגאַנצן מיט דעם גע-דאַנק, וועלכער פֿאַרזיסט די ביטערקייט פֿון זײַן טאַט: „און זאָלן זיי (די, וואָס האָבן פֿאַראורזאַכט זײַן זעלבסטמאָרד) וויסן! און זאָל זייער געוויסן זיי שטענדיק פּײַניקן".

אָבער אויך דער אידעאַליסט מוז אַזאַ געדאַנק האָבן. זײַנע לעצטע געדאַנקען זענען געווענדט גלײַכצײַטיק צו אייגענע און פֿרעמדע, קענען פֿרײַנט און פֿײַנט, און צו פֿרעמדע און פֿײַנט נישט ווייניקער, ווי קעגן אייגענע און פֿרײַנט. לגבי די אייגענע און פֿרײַנט האָט ער דאָס באַוווּסטזיין: מיט זײַן טויט ברענגט ער זיי נוצן, לגבי די פֿרעמדע און פֿײַנט איז זײַן באַוווּסטזיין: ער ברענגט זיי מיט זײַן טויט שאָדן. זײַן טויט וועט נאָך מער אַרונטעררייסן דעם אויפֿהאַלט פֿון די שונאים, זײַן טויט וועט עס זײַן דער לעצטער שופֿר-שאַל, אונטער וועלכן די טויערן פֿון קעגנערישן יריחו וועלן זיך מוזן אויף אַן אַנטשיידענעם אופֿן אַ שאָקל טון.

דאָסדאָזיקע נקמה-געפֿיל (און זיכערקייט, אַז דער טויט באַדייט טאַקע נקמה פֿון די קעגנער) איז אַ רעזולטאַט פֿון שטאַרקער אומבאַהאָלפֿנקייט. פּונקט ווי בײַם קינד, וועלכעס איז דורכגעדרונגען מיט זיסע נקמה-געדאַנקען, ווען עס איז באַ-שטראָפֿט, קענען זײַן באַשטראָפֿער („איך וועל קראַנק ווערן און

שטאַרבן און זאָל די שלעכטע „גיאַניע", דער בייזער טאַטע אָדער דער שלעכטער לערער וויסן!"), אַזוי איז אויך דאָס נקמה-געפיל ביים אידעאַליסט, אַ פּראָדוקט פון וועלן קאָמפּענסירן די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט.

אָבער אין לעצטן סך-הכל זענען אַלע געפילן און געדאַנקען פון אידעאַליסט (און זעלבסטמערדער) אין לעצטן מאָמענט פאַר זיין טויט דורכגעוועבט און באַפאַרבט מיט איינס: מיט געשטייגערטער עגאָצענטרישקייט.

די אַזויגערופענע זעלבסטאָפּפערונג פון אידעאַליסט איז אין איר אינערלעכן וועזן נישט אַנדערש, ווי אַ בולטער, אַ קאָנדענסירטער אויסדרוק פון זעלבסטבאַרעכטיקונג, פון זעלבסט-דערהויבונג און קאָמפּענסירנדיקער זעלבסטאויסטיילונג איבער אַנדערע. אין מקריב זיין זיך צוליב אַנדערע איז אַנטהאַלטן דאָס שטעלן זיך העכער איבער אַנדערע.

אין דער גרעסטער מאָס איז עס צו זען אין דער שטאַרקסטער, דער צענטראַלסטער זעלבסטאָפּפערונג: אין דעם בוכשטעבלעכן און מיטאַמאָליקן אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר דעם אידעאַל. דאָס אייגענע איז אָבער, אמת, אין אַ שוואַכערער מאָס, צו זען אויך אין די קלענערע אָפּצווייגונגען, אין די ראַדיוסן, וואָס ציען זיך פון און צו דער צענטראַלער זעלבסטאָפּפערונג: אין געוויסע קלענערע אויסערונגען פון אידעאַליסטס אָפּפערווילליקייט, ווי ענִיוות, אַסקעטיזם.

אין דער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע פאַרשטייט מען שוין ענִיוות אויפצופאַסן נישט ווי אַ ריין-אומווילקירלעכן, פון זיך קומענדיקן און איינגעבוירן-פאַראַנלאַגטן, נאָר דווקא ווי אַ ווילקירלעכן, פון אויסן אַנגעצווונגענעם און געוואָרענעם צושטאַנד, נישט ווי אַ ריין-קאָנסטיטוציאָנעלן סטאַטיש-פסיכישן לויטערמאָציאָנעלן צושטאַנד, נאָר דווקא ווי אַ דינאַמישן פּראָצעס פון צוזאַמענשטויס און קעגנזייטיקן ווידערשטאַנד צווישן עמאָציע און אינטעלעקט. אַנדערש גערעדט: ענִיוות ביי אַ מענטש איז נישט אַ זאַך, וואָס ס'איז, נאָר דווקא אַ זאַך, וואָס דאַרף ווערן, איבער ענִיוות דאַרף דער מענטש אַרבעטן. באַזייטיקן דערביי פאַרשידענע אינערלעכע שטערונגען, אַרבעטן סיי ביי

דער ערשטער פּאָרמירונג פון דער עניוות, סיי ביי איר שפּעטערער אויפהאַלטונג.

עניוות, איבער וועלכער מ׳דאַרף נישט אַרבעטן, וועלכע קומט פון זיך אַליין — איז פּאַטאַלאָגישע אַנטפּלעקונג, איז אַן אויסדרוק פון פּסיכישער אַנאָמאַליע. (איינגעבוירענע פּאַסיווקייט — דערשלאָגנקייט א. אַז. וו.). אַ מענטש, וואָס איז אַן עניו נישט דערפאַר, ווייל ער וויל עס, נאָר ווייל ער קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, איז אַ קראַנקער מענטש. פאַרקערט: פּסיכאָלאָגישע, נאָרמאַלע עניוות איז די יעניקע, וואָס קאָן לייכטער נישט זיין, ווי זיין, וואָס אין אינערלעכן ווען פון מענטש טרעפט זי אָן אויף אַ בפירושן ווידערשטאַנד און נישט זי איז, נאָר זי ווערט. און נאָר דערפאַר ווערט זי, ווייל דער מענטש וויל זי זאָל ווערן. פּסיכאָלאָגישע עניוות איז, אַנדערש געזאָגט, אַן אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון מיט באַוווסטזיין און וואָלאַנטאַריזם פאַרבונדענער זעלבסטבאַשטימונג פון מענטשן, רעזולטאַט פון קאַמף איבער אינערלעכע ווידערשטאַנדן, רעזולטאַט פון זעלבסטבאַהערשונג.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן אויך וועגן אַסקעטיזם.

און ווען מיר ווילן טיפער פאַרשטיין אַזעלכע פּסיכישע אויטערונגען פון מענטשן, ווי עניוות און אַסקעטיזם, ווען מיר ווילן זיך נישט באַנוגנען מיט דעם לעצטן אויסוווקס, נאָר ווילן דערקלייבן זיך צום ערשטן, עיקרדיקן וואָרצל, פון וועלכן דער אויסוווקס נעמט זיך, — מוזן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז היגטער זיי, עניוות און אַסקעטיזם, ליגן זייערע „קעגנזאַצן" („קעגנזאַצן" אין געגנזנפּיסלעך, ווייל באמת זענען עס קיין קעגנזאַצן נישט, נאָר באַזונדערע אַנטפּלעקונגס-פאָרמען פון איין און דעמזעלביקן פּסיכישן אינהאַלט).

עניוות, וואָס איז אין פּלוג אַן אָפענער אויסדרוק פון שטעלן זיך נידעריקער, ווי אַנדערע, איז באמת אַ פאַרבאַהאַלטענער אויסדרוק, פאַרקערט, פון שטעלן זיך העכער, ווי אַנדערע.

עניוות איז אַ סך ווייניקער אָפגעהאַלטענער, ענדגילטיקער זיג, ווי דער כסדרדיקער קאַמף פון מענטש מיט זיין היפּערעגאָצענטרישקייט, עניוות איז אַן אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונג איינצושטילן, צו פאַרטויבן דאָס, וואָס ס׳ברויזט אין אינערלעכן

וועזן פון עניו און וואָס רייסט זיך כסדר פון אונטער די קינסטלעכע צוימען: די אינערלעכע העכערשטעלונג, די אַזוי נערופענע גאווה.

אַסקעטיזם, וואָס איז אין פלוג אַן אָפענער אויסדרוק פון לוסטלאָזיקייט פון נישט-באַדערפעניש אין לעבנס-גענוס, איז באמת נאָר אַ פאַרבאַהאַלטענער אויסדרוק פון איבערדורכשניטלעכן דראַנג צו לוסט, פון נישט געזעטיקטער באַדערפעניש אין לעבנס-גענוס. אַן עניו און אַן אַסקעט זענען נישט יענע אָרימע, וואָס האָבן נישט און דאַרפן נישט האָבן קיין רייכקייט (רייכקייט פון עגאָצענטרישקייט, פון שטאַרק-אַקצענטירטער זעלבסטאָנער-קענונג), נאָר דווקא פאַרקערט: גבירים, וואָס האָבן און דאַרפן נאָך האָבן, — האָבן מער ווי אַלע און דאַרפן האָבן מער ווי אַלע — זייער רייכקייט. אלא וואָס דען? זיי ווילן בלייבן נישט געזעענע גבירים, זיי ווילן, ווי יענער „קאַרגער ריטער", זיך מתיחד זיין, פון פרעמדע אויגן אין פאַרבאָרגענעם קעלער, מיט דער אייגענער רייכקייט. מיט דער אייגענער שפע. ביי טאָל-סטאָיען האָט דאָס ווירקלעכע וועזן פון אַסקעט געפונען זיין בולט-פסיכאָלאָגישן אויסדרוק: דער אַסקעטישער „פאָטער סערגיי" איז נישט לויז פון זיינע ליידנשאַפטן, פון זיין דראַנג צום פולן לעבנס-גענוס, נאָר טראָגט אין זיך, פאַרקערט, שטענדיק אַן אויסערגעוויינלעכן ברויז פון ליידנשאַפטן און דראַנגען, וועלכע ער מוז אין זיך מיט מוראדיקע אָנשטרענגונגען פאַר-שטיקן, ביז אָפהאַקן זיך אַ פינגער. די עניוות און אַסקעטיזם ביים אידעאַליסט זענען פאַרבונדן מיט טיפער טראַגיק, ווייל זיי זענען רעזולטאַטן פון שווערן קאַמף מיט זייערע קעגנזאַצן: גאווה און לעבנס-לוסט — ווייל זיי זענען אַן איבערגעוואַלט-אָנגעצויגענע מאַסקע אויף אַ לחלוטין אַנדערן פנים, ווי זיי שטעלן מיט זיך פאָר.

און דער אידעאַליסט איז איבערהויפט טיף-טראַגיש מיט דעם, וואָס ער מוז כסדר האַלטן אַ שווערן קאַמף מיט זיך אַליין, מיט זיינע נאַטירלעכע מענטשלעכע נייגונגען, וועלכע ער וויל פאַרדרענגען, באַזיגן — באַזיגן זיי קאָן ער טאַקע נישט, וועט ער דעריבער זיי בלויז משנה-צורה צו זיין, אָנגעבן זיי אַ ווינק-דאַכטנדיקע „אַנדערע" פאָרם פון דער, ווי זיי זענען באמת.

ער מוז זיי פאַרשרייען, די קאָנפליקטן, וואָס צווישן דעם ווירקלעכן, אומווילקירלעכן פסיכישן אור-תוך זיינעם און דעם געמאַכטן, ווילקירלעכן, זיך-דאַכטנדיקן תוך.

דעם אידעאַליסטס פּאַטאָס איז, לכל הפּחות זייער אָפט, אַ מיטל צו פאַרשרייען די ווירקלעכע דעפּרימירטקייט, נישט צו דערלאָזן אין אייגענעם געמיט קיין שפּאַלט פאַר די זיך רייסנדיקע בייזע ווינטן פון סקעפּסיס. און די אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידעאַליסט, איז ווידער אַמאָל אַ מיטל צו פאַרשרייען דאָס אינערלעכע, זיך רייסנדיקע קול פון אומזיכערקייט, פון פחד, דרייסטקייט, געוואַגטקייט, — אָט די אַלע סימנים, וואָס באַצייכענען די אַנטשלאָסנקייט אין מענטשלעכער טאַט, — קאָנען און דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס ווילן, אַלס באַדערפעניש לויז צו ווערן פון אומאָנגענעמען. אַלס מיטלען מקצר צו זיין דעם שווערן וועג, אַלס אויף-גיך אויפגעשטעלטע, הגם שוואַכע, פּאָנטאָן-בריקן איבער דעם תהום. דרייסטקייט, געוואַגטקייט זענען אין תוך שטענדיק פאַרצווייפלטע שפּרונגען אין דער נישט-געזעענער, און דעריבער שרעקנדיקער ווייטקייט אַריין. אויף אַזעלכע שפּרונגען לאָזט מען זיך דערפאַר, ווייל דאָס בלייבן-שטיין פאַר דער ווייטקייט איז נאָך פיל שרעקלעכער און פיינלעכער, ווייל דורך אַן איינמאָליקן שפּרונג וויל מען כאָטש זיך באַפרייען פון פילמאָליקער, אומאויפהערלעכער שרעק. דרייסטקייט, געוואַגטקייט זענען אַ זאַך פון פיין-עקאָנאָמיע.

אויף די אומציילִיקע קאָנקרעטע ביישפּילן פון געוואַגטקייט ביים אידעאַליסט קאָנען מיר עס גאַנץ גענוי נאָכזען:

ווען און ווי אַזוי קומט די אידעאַליסטישע געוואַגטקייט?

ווען? — ווען דער אידעאַליסט געפינט זיך דווקא אין פאַרצווייפלטסטער, אַממערסטן הילפסלאָזער לאַגע (די אַנטלויפונג פון אונטער דעם הענקערס האַנט, דאָס ראַטעווען זיך פון לעבעדיקן תפיסה-קבר א. אַז. וו.) און ווי אַזוי? ווען קיין גאַנצע זיכערקייט און דערפאָלג פון געוואַגטן שריט איז נישטאָ (ביי אַ גאַנצער זיכערקייט וואָלט דאָך די געוואַגטקייט קיין געוואַגטקייט נישט געווען), ווען זי איז נאָר „טאָמער” פון

רערפּאָלג, ד. ה. דורך אים, דעם „טאָמער" פון דערפאָלג וויל מען לויז ווערן פון אַ זיכערער פּיין.

דער אידעאַליסט מוז זיין געוואַגט, מוז דורך דער געוואַגטקייט זיינער נישט לאָזן זיך באַמערקן די געוואַלטיקע דיסטאַנץ, וואָס שיידט אָפּ זיין ווילן פון זיין קאָנען (נישט קאָנען), וואָס טיילט אָפּ דעם שלעכטן „איצט" אין דער וועלט פון דעם געגאַרטן גוטן „שפּעטער". וויל וואָלט ער זיין געוואַגטקייטשפּרונג נישט געמאַכט און וואָלט געלאָזן זיך צייט אַריינצוקוקן זיך אין אָט דער מוראדיקער דיסטאַנץ, וואָלט ער דורכדעם נעגעבן געלעגנהייט פונאַנדערצופלאַקערן זיך אין אים יענע פונקען פון אומזיכערקייט און שרעק, וואָס זענען אין אים פאַראַן איבערגעבנוג. געוואַגטקייט איז מיט אומגעדולד געבונדן, אָבער נישט מיט אומגעדולד פון פּאָזיטיווער נאַטור: פון אומגעדולד צום זיכערן גוטן, נאָר דווקא פון נעגאַטיווער נאַטור אין צוויי ריכטונגען: אומגעדולד צום פּטור-ווערן וואָס גיכער פון זיכערן שלעכט, וואָס אין „איצט" און אומגעדולד צום פּטור-ווערן וואָס גיכער פון דער אומזיכערקייט, פון דער שרעקעוודיקייט, וואָס איז „גוט" פון „שפּעטער". אין ביידע ריכטונגען איז דערווירקלעכער באָדן פון דער אידעאַליסטישער געוואַגטקייט: איינאיינציקער פּחד. כּדי די געוואַגטקייט זאָל קאָנען האָבן איר פּחד-פאַרטויבנדיקע קראַפט, איז איר נויטיק אַ הילפסמיטל, אַ קוואַל פון דערפאָלג-אילוזיעס, מונטערנדיקע פאַנטאַזיע. פאַנטאַזיע איז אויך איינער פון די בולטע סימנים, וועלכע פאַרראַטן, דעמאַסקירן ווירקלעכע אומזיכערקייט, דעם ווירקלעכן מאַנגל אין פעסטער ווירקלעכקייט. פאַנטאַזיע — קומט שטענדיק אויסצופילן פאַראַנענע בלויזן, איינצושטילן און צייטווייליק צו פאַרטויבן אייביקן, נישט באַזייטיקבאַרן ווייטיק. פאַנטאַזיע איז אייגנטום פון אין תוך אומצופרידענע, פון געשפּאָלטענע נשמות. און לויט דעם כּוח און פאַרנעם פון דער פאַנטאַזיע, קאָן מען אורטיילן וועגן דעם כּוח און פאַרנעם פון אינערלעכן עלנט ביי די פאַנטאַזיע-באַזיצער.

די גרעסטע פאַנטאַזיע-באַזיצער זענען די אַלע, וואָס ראַנגלען זיך מיט קאָנוולסיעס פון אומבאַהאָלפנקייט: ביי קינדער, ביי שוואַכע, קראַנקע, אַלטע, ביי קנעכט, ביי אידעאַליסטן.

אמת, די אלע אויסגערעכנטע מוז מען, לגבי דער אומבאהאָלפנקייט, פון וועלכע זיי אלע ליידן, איינטיילן אין צוויי גרופן: אזעלכע, וואָס זייער אומבאהאָלפנקייט איז אזוי גרויס, אז זי אליין מאכט זי שוין עמפינדלעך פאר אומבאהאָלפנקייט (קינדער, שוואכע, קראנקע, אלטע, קנעכט) און אזעלכע, וואָס זייער עמפינדלעכקייט איז אזוי גרויס, אז זי אליין פארשטארקט פאר זיי זייער אומבאהאָלפנקייט (דיכטער, אידעאליסטן). דאָס איז אָבער א פארטיילונג נאָר לויט דעם סדר פון ווירקונגען, אָבער נישט לויט דער ווירקונג פון דער אומבאהאָלפנקייט גופא, וועלכע איז פאר זיי אלע געמיינזאם.

און דעם אידעאליסטס געפליגלטע פאנטאזיע איז אזוי־ארום גאָרנישט קיין סימן לשבח, נאָר דווקא א סימן לגנאי, ווייל זי, ווי געזאָגט, קומט פון פארדרענגטער ווירקלעכקייט, פון וועלן אָפשיידן זיך, ארויסרייסן זיך פון די קאָנוולסיע־אָרעמס פון פיינלעכן שלעכט.

אזוי ווי דער אידעאליסט האָט פאר זיך בעיקר איין ריכטונג—אין וועלכער ס׳קומען צום אויסדרוק, ווי געזאָגט, אלע זיינע אייגנשאפטן, ווי פאטאָס, געוואגטקייט, פאנטאזיע א. א., ד. ה. די ריכטונג פון וואָס גיכער אָפשיידן זיך פון שלעכטס, פון זיכערן שלעכט פון איצט (און דאָס באהעפטן זיך צום „גוט" פון „שפעטער" איז באמת נישט מער, אין בעסטן פאל, ווי א צוגאָב צום עיקר; ווייל אין „גוט" פון „שפעטער" איז דער אידעאליסט ווייניקער זיכער, ווי אין „שלעכט" פון „איצט"), איז ממילא פארשטענדלעך, וואָס אָט אויף דערדאָזיקער ריכטונג ווענדט ער אָן זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט, און אויסער דער ריכטונג פארבלייבט שוין ביים אידעאליסט דער היפך פון אויפמערקזאמקייט: צעשטרייטקייט.

דער אידעאליסט איז אינגאנצן איינגעשלונגען פון זיין אידעע אזוי, אז אויסער איר באמערקט ער גאָרנישט. און ס׳איז דעריבער באַרעכטיקט פסיכאָלאָגיש דער אומגאנגס־עפיטעט פאר דעם אידעאליסט: „איינזייטיקער מענטש". וואָס שטארקער ס׳איז דער אידעאל, אלץ איינזייטיקער איז ממילא זיין טרעגער, דער אידעאליסט, אלץ ווייניקער אויפמערקזאמקייט און אָריענטירפעיקייט פארבלייבט ביי אים פאר אלץ, וואָס מחוץ דעם

אידעאַל, זיין אידעאַל. איצט, צולעצט, די פראַגע וועגן דער פאַקטישער אוממיטלבאַרקייט ביים אידעאַליסט, גענויער: די אוממיטלבאַרקייט אין דער אויסשליסלעכער ראָל און פאָרם פון אַ שטענדיקן באַווירקן — אַנדערע און נישט באַווירקט זיין פון אַנדערע.

די פראַגע איז אַ גרויסע און קאָמפּליצירטע און מיר וועלן זי דאָ בלויז קורץ באַרירן. ס'איז אָנגענומען צו האַלטן, אַז דער אידעאַליסט איז דער גרעסטער באַזיצער פון פולער מענטשלעכער אוממיטלבאַרקייט און פון אויסשליסלעכער קראַפט צו באַווירקן אַנדערע. צווישן אַלע איבעריקע צווייגן, וואָס מיר פלעכטן כסדר אריין אין לאָרבער-קראַנץ פון אידעאַליסט, איז די וויכטיקסטע, די בליענדיקסטע, אַזוי צו זאָגן, די אייגנטלעכקייט פון אידעאַליסט.

צי איז עס אָבער באמת אַזוי?

אין דער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע איז שוין היינט צו טאָג אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, — און דאָס איז אפשר איינער פון אירע וויכטיקסטע אויפטוען — אַז אויך אין דער פסיכישער ספערע, פונקט אַזוי, ווי אין דער פיזישער, איז מעגלעך און איז פאַראַן אינפעקציע מער אָדער ווייניקער, ווירקלעכע איבער-געבונג, איבערטראָגונג פון פסיכישע צושטאַנדן פון איינעם צום אַנדערן, פון איינעם צו אַ סך און פאַרקערט.

נישט נאָר קאָנקרעטע, איינצלנע פסיכישע צושטאַנדן און בייגונגען קאָנען זיין און זענען אַ רעזולטאַט פון אָנשטעקונג, נאָר אויך יענער הויפט-באָדן פאַר אַזעלכע צושטאַנדן און ביי-גונגען, אויך אידעען. מ'רעדט שוין איצט. און גאַנץ באַגרינדעט, וועגן „אימפונג פון אידעען", וועגן מיטלבאַרן איבערפלאַנצן פון אידעען. סיי בעכטערעוו (צווישן אַנדערע זיינע ווערק אין און ("Bedeutung der Suggestion", Wiesbaden, 1905 סיי אַ גאַנצע ריי פון געלערנטע נאָך אים און אַפילו פאַר אים (פון די דאָזיקע „ראשונים" זאָל דערמאָנט ווערן, למשל, זיגהעלע אין זיין ווערק: („Psychologie des Auflaufs", פירן צוריק די צוויי, אייגנטלעך, צוויי־איינציקע, (Dresden, 1897 קרעפטן, וועלכע ווירקן אָנספּקדיק אין גאַנצן מענטשלעכן לעבן

און קאָנגעניאַלע פּערזאָנען פּאַסיווער: נאָכמאַכונג און סוגעסטיע צו פּסי־כישער אינפעקציע.

עס זענען פאַראַן דריי ריכטונגען פאַר דער פּסיכישער אינפעקציע: איינע וואָס גייט פון פּרט צו פּרט (איין פּערזאָן אינפיצירט פּסיכיש די צווייטע פּערזאָן) אַ צווייטע, וואָס גייט פון פּרט צו כּלל (איין גרויסע פּערזענלעכקייט באַווירקט אַ גאַנצע מאַסע) און אַ דריטע, וואָס גייט פון כּלל צום פּרט.

ביי דער מאַסע דערגייט אַפילו די פּסיכישע אינפעקציע אַמאָל ביז צו עפּידעמיע (פון פּסיכישע מאַסן־עפּידעמיעס אין דער געשיכטע ווייזט מען, למשל, אָן אויף דער קרייץ־צוגן־באַוועגונג, אויף דער ספּעקולאַציע אין פראַנקרייך אַרום דער מיסיסיפּי־קאָמפּאַניע אין 1717 א. א. וו. און וואָס איז דען געווען אונזער אייגענע ערשט־נישטלאַנגיקע נאָך־מלחמה־ספּעקולאַציע אין פאַרשידענע לענדער, אין דער תּקופה פון אינפלאַציע, אויב נישט אַזאַ פּסיכישע מאַסן־עפּידעמיע?) אַפילו ביי פּסיכישע מאַסן־עפּידעמיעס דאַרף מען אָפּטיילן (ווי ס'ווייזט אָן בעכטערעוו) פּסיכאָפּאַטישע פון פּסיכיש גאַנץ־נאָרמאַלע. אַזעלכע פּסיכישע מאַסן־עפּידעמיעס, ווי בשעת אַ רעוואָלוציע, למשל, בשעת אַ מאַסן־אויפברויז פון און פאַר אַ אידעאַל געהערט צו די פּסי־כיש־נאָרמאַלע.

אָבער ווי יעדע אינפעקציע (פיזישע אינפעקציע) איז אויך די פּסיכישע נישט קיין זאַך פון לויטער צופעליקייט, נאָר האָט אַ געוויסע געזעצמעסיקייט. נישט סתּם־יעדערער, נישט סתּם־אַלע (ביי פּסיכישע מאַסן־אינפעקציעס) זענען מסוגל אינפיצירט צו ווערן פּסיכיש, צו דעם זענען מסוגל נאָר יענער און יענע, וואָס האָבן צו דער אינפיצירונג אַ באַשטימטע פּרעדיספּאָזיטקייט. אַזאַ פּרעדיספּאָזיטקייט לגבי פּסיכישער אינפעקציע איז די בשותּפות'דיקייט פון לאַגע און אינטערעסן ביי די פּסיכיש־אינפיצירטע. און דעריבער קאָן אַ אידעאַל אויסאיבן זיין אינ־פעקציע־ווירקונג איינאיינציק צווישן אַ באַשטימטער מאַסע, נאָר צווישן אַ סאָציאָלאָגישער גאַנצקייט. און דעריבער איז נאַטירלעך, וואָס איינהייטלעכע אידעאישע מאַסן־באַוועגונגען האָבן מיר נישט אין סתּם־געמיינשאַפטן, נאָר אין סאָציאָלאָגיש־געבונדענע, דורך געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן צעמענטירטע

באַשטימטע געמיינשאַפטן, מיר האָבן קלאַסן-אידעאַלן, נאַציאָנאַלע אידעאַלן א. א. וו.

דער איינצלנער אידעאַליסט, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, מוז געניסן פון דער אַלגעמיינער פסיכישער אינפעקציע, וואָס די מאַסע, ווי יענע באַשטימטע געבונדענע געמיינשאַפט צווינגען און פאַר וועלכע ער אַרבעט.

כ'לאָז דאָ אָן אַ זייט די וויכטיקע פראַגע: ווער אויף וועמען ווירקט מער, דער איינצלנער גרויס-אידעאַליסט אויף דער מאַסע אָדער די מאַסע אויף דעם איינצלנעם (די אַלט-נייע פראַגע וועגן דער ווירקונג-פאַרטיילונג צווישן פערזענלעכקייט און געשיכטע, צווישן פערזענלעכקייט און מאַסע.

איין זאַך איז אויסער ספק: — מער אָדער ווייניקער, אָבער דער איינצלנער, אַפילו גרויס-אידעאַליסט, נישט נאָר ער ווירקט, נישט נאָר ער אינפעצירט, נאָר ער ווערט אויך באַווירקט, און אינפעצירט, פון אַנדערע, פון דער מאַסע.

אין דער אַלט יידישער פאָרמולירונג האָט עס געהייסן: „יעדער צדיק איז אַ שליח פון זיין דור" און לויט דער גרויס און וויכטיקייט פון זיין דור איז אויך די גרויס און וויכטיקייט פון צדיק" („שמואל בדורו כיפתח בדורו").

אין אונזער מאָדערנער פאָרמולירונג דאַרף עס הייסן: „יעדער פירנדיקער אידעאַליסט איז באַווירקט, אָנגעלאָדן מיט פסיכישער אינפעקציע פון דער מאַסע". ווי עס דריקט עס אויס דער דיכטער יהואש אין זיין ליד (אויפן ביבלישן מאָטיוו: „כי תצא למלחמה", דברים כד.) וועגן גרויס-אידעאַליסט:

„...פאַרשלינגען זאָל זיין קליינער איך
די גרויסע פאָלקס-נשמה.
באַצווינגען זאָל זיין לייב און זעל
די פלאַמענדע מלחמה".

אַז דער אידעאַליסט „קליינער איך" ווערט באמת נישט „פאַרשלונגען אין דער פאָלקס נשמה", „פאַרשלונגען אין זין פון לחלוטינדיקן פאַרשווינדן האָבן מיר געזען: דער אידעאַליסט בלייבט עגאָצענטריש אַפילו אין די מאָמענטן פון זיין זיך-

דאַכטנדיקער עגאָלאָזיקייט, אָבער אַ פֿאַרשלונגנקייט אין זיך פֿון געוויסן באַווירקט-זיין מצד דער מאַסע, אין זין פֿון פּסי־כישער אינפֿעקציע, וואָס דער אידעאַליסט מוז איבערנעמען פֿון דער מאַסע איז יהואשעס דיכטערישע שילדערונג זיכער ריכטיק. דאָס גופֿא, דעם אידעאַליסטס אינפֿעצירט און באַווירקט-זיין פֿון דער מאַסע מאַכט פֿאַר אים ערשט מעגלעך זיין אידעאַל-קאַמף, זיין אויסזיכט, אויף צו „באַצווינגען די פֿלאַמענדע מלחמה".

אונטער דער זיך-דאַכטנדיקער אוממיטלבאַרקייט פֿון אידעאַליסט שטייט באמת איר קעגנזאַץ: מיטלבאַרקייט און באַווירקט-זיין!

צענטער קאַפּיטל

„דער אמתער מהות פון אונזער זעלבסדערהאַלטונג"

ווי עס זאָל נישט זיין פיינלעך פאַר אונזער מענטשלעכן באַוווסטזיין, מוז מען דאָך מודה זיין:

מיר מאַכן כסדר קאָנצעסיעס אונזער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, און די בייטש, וועלכע טרייבט אונז צו מאַכן דידאָזיקע קאָנצעסיעס, איז די זעלבסטדערהאַלטונג.

„אַז מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער" — דאָס איז די הויפּט-דערקלערונג פאַר אַ סך, אַ סך היפּערבאָלן אין אונזער לעבן, פאַר אַ סך איבערטריבענע און קינסטלעך-הילכיקע לויב-געזאַנגען אונזער מכלומרשטער מענטשלעכער „אַלמאַכט", די דערקלערונג פאַר דער „פאַרטוגענטונג" פון אַ סך אונזערע באמתע נויטן.

די אילוזיע פון „פּ אַ ן - מ ע נ ט ש". דער פיין קאָנסטרוירטער, אין הימל-אַנשפּאַרנדיקער טורעם פון דער אַזויגערופענער מענטשלעכער „בחיר-היצורימדיקייט", דאָס גופא איז, פּסיכאָלאָגיש גענומען, אָפּט אַ כשר קינד פון אונזער מענטשלעכער זעלבסטדערהאַלטונג, אַ מין מונטערונגס-טראָפּן פאַר דעם באַדראָטן צו פאַלן אין חלשות, אַ מין פייגנבלאַט צו פאַרדעקן, פאַר זיך אַליין צו פאַרדעקן, די ווירקלעכע נאַקעטקייט פון דער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט און מינדערווערטיקייט.

און אַזוי איז שוין אַלע מאָל דער אַנטפּלעקונג-און-אַנטוויקלונגס-וועג פון דער זעלבסטדערהאַלטונג: לכתחילה קומט זי (די זעלבסטדערהאַלטונג) ווי אַ ווילקירלעכע, בכוונהדיקע אָנווענדונג, לכתחילה רייסט זי זיך אַריין איבערגעוואַלט, שפּעטער אָבער ווערט זי ביסלעכווייז אַ שטיק נאַטור, אַן אָרגאַנישער טייל פון פּסיכישן מענטשלעכן מהות.

פריער קומט דער „מוז", ווי אַן איפּגעצוווּנגענער שפּינוועבס, וועלכער פאַרשטעלט אַביסל און ביסלעכווייז פאַר

אונז די שיין, און מיר ווערן זיך נאָך, מיר באַמיען זיך נאָך צו באַפרייען פון אונטער דעם „מוז"-געוועב צוריק צו איבער-לעבער זעלבסטבאַשטימונג, צום ליכט פון אייגענעם ווילן. שפּע-טער אָבער, ווען דאָס שפּינוועבס ווערט געדיכט און מיר גע-וויינען זיך צו אים צו, הערן מיר שוין ממילא אויף צו פילן די נויטיקייט אין שיין, מיר נעמען די פינסטערניש גופא אונטער דעם „מוז"-געוועב אָן פאר שיין. און ווען דער „מוז"-שפּין נאַגט אויס אַלע זאַפטן פון אונזער פרייען און אייגענעם ווילן, „מאַכן מיר זיך הארץ" און זאָגן נאָך „אָמן".

יעדער „מוז" שטויסט לכתחילה אַרויס דעם „ווילן" און שפּעטער באַצירט ער זיך אַליין מיט דעם באַזיגטנס נאָמען: ער רופט זיך אַליין אָן „ווילן". און יעדע פאַקטישע קללה פון מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט ווערט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ „ברכה" פון מכלומרשטער מענטשלעכער „אַלמאַכט".

אַן אַנדערע ברירה האָט דען דער קנעכט, וועלכער קאָן סיי-ווי-סיי נישט אַרויסגיין פריי, ווי אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, צוצוגעבערן זיינע אויערן צו די טיר-אושאַקעס פון קנעכטהייטס-הויז און אויסשרייען מיט „פרייהייטס"-שטאָלץ: „דאָ איז מיר ווויל און דאָ וויל איך בלייבן!?

מעגן עס זיין ריטער, וועלכע שמייסן און פאַרוווּנדן כסדר די מענטשלעכע זעלבסטשטענדיקייט, — קומט שפּעטער די זעלבסטדערהאַלטונג און מאַכט פון זיי למראית עין אַ „זיגערישן" לאָרבער-קראַנץ אויפן קאָפּ פון פאַרוווּנדעטן. אַלע רעשטלעך פון חורבן, אַלע צעבראָכענע שערבלעך פון די פריער געגלאַנצטע פערלען פון מענטשלעכער „אַלמאַכט" קלויבט זי, די זעלבסט-דערהאַלטונג, צונויף, ציט זיי צוריק אָן אויף אַן אילוזאָרישן שנירל און לאָזט וויסן: „עס איז גאָר קיין חורבן נישטאָ און נישט געווען — עס איז לויטער בנין, די פערל זענען גאָר קיינמאָל נישט צעבראָכן געוואָרן — זיי גלאַנצן אין זייער גאַנצ-קייט!..."

שאַקאַלן-יאָמער ווערט דורך דער זעלבסטדערהאַלטונג איבערגעלייגט אויף די נאָטן פון אַ מונטערנדיקן „שיר השירים", דלות-לאַטעס באַקומען פון איר און דורך איר דעם זיבעטן חן

פון אויסצייכנונגס-אָרדערס פאַר עשירות, פון פינסטערער נאַכט
נאַכט זי מכלומרשטן בלענדנדיקן טאָג.

אַזוי איז שוין די טבע פון זעלבסטדערהאַלטונג.

און וואָלט מען געקאָנט זיך אַמאָל אויסשיילן פון דער זעלבסטדערהאַלטונג, וואָלט מען געקאָנט אַמאָל אַראָפּוואַרפן פון די אויגן אירע פאַרבעלמעגדיקע הייטלעך (און דאָס גיט זיך אַמאָל דאָך איין און נישט בלויז די איינצלנע גרויס-גייסטער, נאָר יעדן דורכשניטסמענטש!), — וואָלט מען געמוזט דערזען, אַז דאָרטן, וווּ מען האָט פריער פאַר זיך געהאַט מכלומרשט לויטער בליענדיקע גערטנער, זענען באמת גאָר טיפע, שרעקנדיקע לעכער פון קברים, אַז דאָרטן, ווו פריער איז געשטאַנען אויף הויכע פיעדעסטאַלן די מענטשלעכע „אַלמאַכט" וואַלגערט זיך באמת אין קאָנוווּלסיע-צאַפּלען דאָס מענטשלעכע עלנד.

אין דעמדאָזיקן צוזאַמענגעזעצטן וואָרט „זעלבסטדערהאַלטונג", וואָס קלינגט, דאַכט זיך, פּראָגנאָסטיש: ווייזט דאָס ווייטערע און דאָס נייע אין מענטשס וועג. זענען באמת ביידע זיינע טיילן נאָר פון דיאַגנאָסטישער נאַטור, דיאַגנאָז פון די-רעקט-נאָענטן און נישט-פאַרענדבאַרן, זיי אַנטהאַלטן אין זיך מער, אַ סך מער, די קאָנסטאַטירונג פון דער מכה, ווי די אָנווייזונג אויף דער מעגלעכער רפואה צו דער מכה. אַקצענטירן מיר אין דערמאָנטן וואָרט זיין צווייטן טייל: „דערהאַלטונג", דאַן דיאַגנאָסטירן מיר, זענען מיר זיך מודה אין פאַקט פון דעם לכתחילהדיקן, פון דעם אין מענטש גופא פאַרוואָרצלטן מענטשלעכן צו גרונט-גיין, אין פאַקט פון פרימערע שטערונגען פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, פאַר דער מענטשלעכער דערהאַלטונג, וועלכע ער דאַרף ערשט גובר זיין דורך שפּעטערדיקע, סעקונדערע אָנשטרענגונגען. „דערהאַלטן זיך", אָנווענדן אָנשטרענגונגען אויף דערהאַלטן זיך, דאַרף מען נאָר דאַן, ווען ס'איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע שטערונג דערצו. ווען פון אויסן שטויסט אַ קעגנגעזעצטע קראַפט. און נאָך עפּעס איז פון אַקצענטירטן וואָרט: „דערהאַלטונג" צו זען: די צייטווייליקייט פון די אָנשטרענגונגען און די דערפאָלגן אין קאַמף מיט די אָביעקטיווע שטערונגען.

„דערהאַלטונג" הייסט: נאָר אָפּשוואַכן, נאָר פאַרפאַמעלעכן

די קראַפט, וואָס שטויסט צו פאַרניכטונג, נאָר פראָלאָנגירן די פאַרניכטונג, אָבער נישט אויסמיידן זי אינגאַנצן.

דער מענטש, דער „פאַן"-מענטש איז נאָר אַ פאַלנדיקער שטיין, וואָס די מאַגנעטישע קראַפט פון דער ערד ציט אים צו זיך, אין זיך, און ער קאָן זיך נישט קעגנשטעלן איר באַפעל, וואָס לאַכט אויס זיינע אַלע אָנשטרענגונגען אויף ווידערשטאַנד און ענטפערט אויף אַלע זיינע אילוזאָרישע אויסרופן: „איך בין" מיט איר איינאייניציקן מעכטיקן אַקאָמפאַנימענט „דו ביסט נישט!", „דו ווערסט צו נישט!". דעם מענטשס גאַנצער לעבנס-וועג איז נאָר איין כסדרדיקע שורה פון פאַלן, פון דערנענטערן זיך צו דער ערד, וואָס וועט אים פאַרשלינגען אַזוי, אַז ס'וועט פון אים קיין שריד ופליט נישט בלייבן. נעכטן איז ער געווען אַ ביסעלע ווייטער פון סוף ווי היינט, היינט איז ער אַ ביסעלע ווייטער ווי מאָרגן. און דאָס איינציקע, וואָס ס'פאַרבלייבט אים, דעם מענטש, דעם פאַלנדיקן שטיין, איז נאָר צו פאַרהאַלטן די שנעלקייט פון פאַלן, צו טרייסטן זיך אַליין אויף די צווישנ-סטאַנציעס בין פאַלן לפאַלן מיט דעם, אַז ער „פאַלט נישט", אַז ער „דערהאַלט זיך". „זעלבסטדערהאַלטונג", ווען מען אַקצענטירט דעם צווייטן טייל אין דעם וואָרט—„דערהאַלטונג" איז עס נאָר אַן איינשפּריצונג, און דאָס אויך נאָר אַן אילוזאָרישע, אַן אויטאָסוגעסטיווע, אין דעם גוף פון אומפאַרמיידלעך-שטאַרבנדיקן.

און נאָך ערגער איז, ווען מען אַקצענטירט אין דעם וואָרט פון ערשטן טייל: „זעלבסט". פון דעם „זעלבסט", פון דעם אייגנטלעכן אינדיווידועלן „איך" ביי דעם זיך „זעלבסטדער-האַלטנדיקן" מענטש פאַרבלייבט טאַקע ביי די אָנשטרענגונגען פון „זעלבסטדערהאַלטונג" נאָר אַ בלאַסער שאָטן.

דער „זיך זעלבסטדערהאַלטנדיקער" מענטש באַמערקט נישט, ווי זיין „זעלבסט" גייט קודם כל און אויף דעם אַנט-שיידנסטן אופן פאַרלוירן.

עלפטער קאַפּיטל

איז געמיינשאַפט אַ ברכה אָדער אַ קללה?

צווישן די פיל־פיל אילוזאָרישע „טוגנטן”, וואָס האָבן צו פאַרדאַנקען אייגאַייציק אונזער זעלבסטדערהאַלטונגס־געפיל, פאַרנעמט מיין איך, דעם הויפּט־פּלאַץ די מ ע נ ט ש ל ע כ ע ג ע מ יי נ ש אַ פ ט.

אָט דידאָזיקע מענטשלעכע געמיינשאַפט, וועלכע ווערט פון אונז אַלע, אויף פאַרשידענע אופנים, געלויבט און באַזונגען, וועלכע איז סיי דער פאָרבאַדינג און סיי דער צוועק און זין פון אַלע אונזערע מענטשלעכע אונטערנעמונגען און דערגריי־כונגען, וועלכע איז סיי דער פונדאַמענט און סיי דער דאַך־קאַרניז פון אַלע אונזערע אידעישע לאַבירינטן. אָט דידאָזיקע געמיינשאַפט איז אַ כשר קינד פון יענעם שטענדיק אינגאַייגעמ־דיקן פאַר־פאָלק, וואָס ברענגט אונז און באַפאַרבט מיט זיין פאַרב אונזער גאַנץ לעבן בכלל, איר (דער געמיינשאַפטס) מוטער, וואָס האָט זי אויסגעכאַליעט און שפּרעכט איר אָפּ עין־הרע, איז די זעלבסטדערהאַלטונג און איר פאָטער, וואָס האָט זי פאַרפלאָנצט און פאַראורזאַכט, איז דאָס מענטשלעכע ע ל נ ד.

וואָרום וואָס איז דען געמיינשאַפט אין לעצטן סך־הכל, אויב נישט רעזולטאַט פון מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, אויב נישט קיין פאַרקנעכטונג?

„רעזולטאַט פון אומבאַהאָלפנקייט” און „פאַרקנעכטונג” — צוויי נעמען, נישט קיין סינאָנימען, נאָר צוויי באַזונדערע טייטשן און אַנטפּלעקונגען פון צוויי פאַרשידענע פאַזן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און פסיכיק, צוויי פאַרשידענע אויס־דרוקן פאַר דער אַנטשטייונג, לכתחילהדיקער קאָנסטרווירונג פון דער געמיינשאַפט פון איין זייט און פאַר איר עקזיסטענץ, פאַר איר שפּעטערער אויפהאַלטונג פון דער אַנדערער זייט.

איר אַנטשטייונג האָט די מענטשלעכע געמיינשאַפט אָן ספק צו פֿאַרדאַנקען דער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט. זי, די געמיינשאַפט, איז דאָך נישט די ערשטע, נישט די אורשפּרינגלעכע, געבוירענע פֿאָרם פֿון מענטשלעכן קיום אויף דער ערד, נאָר די געוואָרענע, די שפּעטערגעקומענע. אַזוי איז עס ביים היסטאָרישן מענטש און אַזוי איז עס אויך ביים איצטיקן איבערחזרער זיינעם, ביי דעם קינד. דער אור-מענטש אין דעם „בראשית"-עלטער פֿון דער מענטשהייט האָט פֿון אָנהייב אָן נישט געוווּסט פֿון געמיינשאַפט, נאָר האָט געמוזט ערשט שפּעטער אַריבער צו געמיינשאַפט אונטער דעם דרוק פֿון נויט: אַליין איז ער, דער אור-מענטש, געווען צו שוואַך קעגנצושטעלן זיך און ביי צו שטיין די אַלע שוועריקייטן און שטערונגען אין אַרומיקן לעבן. אויך דאָס קינד היינט-צו-טאָג, וואָס ווייסט לכתחילה נישט פֿון געמיינשאַפט און איז, פֿאַרקערט, איר גרעטער קעגנער (דעם קליינקינדס עגאָצענטרישקייט וועקט און מוז וועקן ביי אים ערשטן נאַטירלעכן ווידערווילן און ווידערשטאַנד צו דעם אַסימילאַציע-ווילקיר פֿון דער געמיינשאַפט), מוז אָבער שפּעטער אַריבערגיין צו דער געמיינשאַפט און טון אַלץ מיטן צוועק אין איר זיך איינצוגלידערן, ווייל נאָר אין און דורך איר, דער געמיינשאַפט, קאָן ער באַזיגן זיין פֿרי-קינדערישע אומבאַהאָלפנקייט.

די מענטשן האָבן נאָך אַ ריי פֿון פּיינלעכע דערפֿאַרונגען, וועלכע האָבן זיי זייער, זייער טייער געקאָסט, אַרומגעזען און איבערצייגט, אַז „אייניקייט איז קראַפֿט", אַז קעגנזייטיקע הילף און פֿאַרטיידיקונג איז דער איינציקער מיטל צו זיכערן זיך אַן אָנהאַלט אין לעבן.

אָבער די טעאָרעמע: „אייניקייט איז קראַפֿט" האָט דאָך און מוז דאָך לאָגיש האָבן אויך איר קעגנטעאָרעמע: „נישט-אייניקייט איז שוואַכקייט", ד. ה. יעדער איינצלנער מענטש פֿאַר זיך, יעדער מענטש אָן געמיינשאַפט מוז אַנטפּלעקן זיין אומבאַהאָלפנקייט. אַנדערש גערעדט: די „קראַפֿט" פֿון „אייניקייט" אין דער געמיינשאַפט איז געקומען אַלס מוז-רעזולטאַט פֿון דער „שוואַכקייט" פֿון מענטשן אויסער געמיינשאַפט. און אויף אַזאַ אופֿן איז געמיינשאַפט טאַקע יענער אינסטיטוט, וואָס דעמאָנסטרירט

צוזאַמען מיט דער קראַפט פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ פון דעם מענטש אויך פסיכישע קראַפטלאָזיקייט, די אוממעגלעכקייט פאַר דעם מענטש צו בלייבן טריי זיין אייגענעם, "אורשפּרינג-לעכן מהות, וועלכע ציט דאָך נישט צו דער געמיינשאַפט, נאָר דווקא פון דער געמיינשאַפט.

די מענטשן, אין מערצאָל, די מענטשהייט אַלס גאַנצע האָט פון דער געמיינשאַפט זיכער געוווּנען, דער מענטש, יעדער איינצלנער מענטשלעכער אינדיווידום, יעדער מענטש פון זיין אינדיווידועל-פסיכישן מהות, האָט אָבער פון דער געמיינשאַפט פאַרלוירן.

ביאָלאָגיש איז געמיינשאַפט סיי צוועקמעסיק, סיי אַפילו אפשר אַן אָפּטימאַלע, דערהויבנדיקע לעבנס-בילדונג, פסיכאָלאָגיש אָבער, איז זי אַ סימן-דלות, אַ דעגראַדירונג פאַר דעם מענטש.

ווי אַזוי בילדעט זיך אַ געמיינשאַפט, יעדע פון די אומ-ציילִיקע מענטשלעכע געמיינשאַפטן, וועלכע מיר פאַרמאָגן שוין אָדער וועלכע מיר וועלן ווען עס איז פאַרמאָגן ? — דורך דעם, וואָס יעדער איינצלנער אָנגעהעריקער פון דער געמיינשאַפט איז עפּעס מוותר פון זיך, פון זיין אייגענעם פסיכישן מהות, און נעמט אָן און אויף אין אַ קלענערער-גרעסערער מאָס פון נישט-אייגענעם, פון פרעמדן פסיכישן פאַרמעגן. „געמיינשאַפט" איז פאַרטייטשט מיט אַנדערע ווערטער: אַ סכום פון צופּאַ-סונגען, וואָס דער פּרט מוז דורכמאַכן לויט די פאָדערונגען און באַשטעלונגען פון כלל, געמיינשאַפט איז אַן אַנאַטאָמירונגס-טיש, אויף וועלכן דער פּרט איז אויסגעצויגן, כּדי די כלל-מעסערס זאָלן פון אים קאָנען אָפּ-און-אויסשניידן גאַנצע לעבע-דיקע שטיקער פון זיין מהות, פון זיין אייגענעם אינדיווידועל-פּסיכישן מהות. מען טאָר זיך קיינמאָל נישט פאָרשטעלן די געמיינשאַפטן אויף אַ גראָב-פאַראייִנפאַכטן אופן, ווי אַ סומע פון חבור-צאָלן, ווו די חבור-צאָלן ווערן נישט געענדערט, אַ גע-מיינשאַפט איז עפּעס אַנדערש, ווי אַ געוויינלעכער רעזולטאַט פון מעכאַנישער פאַרבינדונג : זי איז אַ כעמישע צונויפשמעל-צונג, וועלכע שאַפט אַליין נייע עלעמענטן אויסער די, וואָס האָבן זי לכתחילה געבילדעט און וואָס (אָט די צונויפשמעלצונג) ענדערט לחלוטין דעם אור-מהות פון די לעצטע. געמיינשאַפט

איז בשום אופן נישט קיין פעדעראַטיווע פאַרבינדונג אין פולן זין פון וואָרט (אַפילו ביי יענע געמיינשאַפטן, וועלכע קרוינען זיך שוין לתפארת-הלשון מיט דעם עפּיטעט: „פעדעראַטיווע"), ביי וועלכער די איינצלנע פאַרבונדענע טיילן זאָלן אָפּהיטן זייער אורשפּרינגלעכע גאַנצקייט, — אַ געמיינשאַפט איז לויט איר תּוך און דעריבער שוין אויך אַלע מאָל אַ שמעלץ-קעסל, אין וועלכן די אינדיווידועלע מהותן פון די איינצלנע באַשטאַנד-טיילן פון געשמעלץ גייען און מוזן גיין לאבוד.

און דעריבער איז יעדער אָנשלוס אָן אַ געמיינשאַפט אַלע מאָל און אומבאַדינגט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אַ כאַראַקירי, וואָס דער אָנגעשלאָסענער באַגייט, אמת, צוליב צוועקמעסיקייט, צוליב נויט, איבער זיך אַליין, איבער זיין אייגענעם אינדיווידועל-פּסיכישן פאַרמעגן. יעדער אָנשלוס אָן אַ געמיינשאַפט ברענגט מיט זיך און מוז ברענגען אַן אינערלעך-אינסטיטוציאָנעלע ראַדיקאַלע ענדערונג ביים אָנגעשלאָסענעם. אַנדערש גערעדט: יעדע געמיינשאַפט ברענגט און מוז ברענגען מיט זיך קנעכטשאַפט, קנעכטשאַפט, אַלס „סטאַטוס", אַלס בלייבנדיקן, רויקן רעזולטאַט. אַזוי זעען מיר, למשל, שוין ביי די ערשטע מענטשלעכע געמיינשאַפטן די קנעכטשאַפט אַלס איינגעשטעלטע, נאַטירלעכע נאָרמע: די מאַטריאַרכאַט-געמיינשאַפט האָט געבראַכט קנעכטשאַפט איין טייל פון איר באַשטאַנד— די מענער, די מאַטריאַרכאַט-געמיינשאַפט האָט געבראַכט קנעכטשאַפט דעם צווייטן טייל פון איר באַשטאַנד — די פרויען און אַזוי בסדר אין אַלע צייטן און אומעטום.

אָבער אויסער דערדאָזיקער „סטאַטוס"-קנעכטשאַפט, אויסער דער קנעכטשאַפט אַלס נאַטירלעכער ממילאדיקער רעזולטאַט, האָט נאָך די געמיינשאַפט נאָך אַן אַנדער מין קנעכטשאַפט, אַ דינאַמישע קנעכטשאַפט, קנעכטשאַפט אַלס בסדר-פאַרקומענדיקן פּראָצעס, — אויסער קנעכטשאַפט איז נאָך פאַראַן פאַרקנעכטונג. און דידאָזיקע לעצטע איז נאָך כאַראַקטעריסטישער און באַ-לייידיקנדיקער ווי די ערשטע.

קנעכטשאַפט איז רעזולטאַט פון דער צוועקמעסיקייט ווי זי איז, פאַרקנעכטונג איז שוין רעזולטאַט פון דעם וועלן באַ-רעכטיקן די צוועקמעסיקייט, קנעכטשאַפט איז אַ שרץ,

פאַרקנעכטונג איז שוין דאָס באַמיען זיך צו מטהר זיין דעם שרץ, קנעכטשאַפט איז נאָר אַ „מקבל באהבה"-זיין פון דעם אויפגעצוווּנגענעם, פאַרקנעכטונג איז שוין פיל-מער: זי איז שוין אַ „מלמד זכות"-זיין אויף דעם אויפגעצוווּנגענעם, אַ ווע̇לן דערווייזן, אַז דאָס אויפגעצוווּנגענע איז גאָר קיין אויפגע-צוווּנגענע נישט.

כדי אַריינצוגיין אין דער געמיינשאַפט דאַרף זיין איין „מוז" — אַ ריין פיזישער „מוז", כדי צו האַלטן זיך אין דער געמיינשאַפט, דאַרף שוין זיין אַן אַנדער „מוז" אַ—פסיכאָלאָגישער „מוז", מען דאַרף פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע (פאַר זיך אַליין אָפט נאָך מער, ווי פאַר אַנדערע) רעכטפאַרטיקן דאָס האַלטן זיך אין דער געמיינשאַפט, מען דאַרף דורך אויסגעדריי-טעטן, זיך אַליין און אַנדערע איינגערעדטן „ליכט" נישט לאָזן אַנטפּלעקן זיך די אמתע נאַכט פון מענטש אַלס קרבן פון אויפ-געצוווּנגנקייט, פון מענטש אַלס שפּילצייג אין פרעמדע אָרעמס פון אויסן-שטייענדיקן „מוז".

און די טראַגיק פון קנעכט איז נישט נאָר אין דעם, וואָס זיי זענען קנעכט, נאָר נאָך פיל מער אין דעם, וואָס זיי שמועסן זיך און אַנדערע איין, אַז זיי זענען קיין קנעכט נישט. דאָס וואָס מיר לייטערן כסדר געמיינשאַפט אין אונזער באַ-ווּסטזיין, וואָס מיר מישן צו צום געמיינשאַפטס-פאַקט נאָך אונזער מפלומרשטע „זעלבסטבאַשטימונג" פאַר געמיינשאַפט, וואָס צו די בפירושע פּסולת פון „מוז" גיבן מיר נאָך צו גינגאָלד (פאַלשן גינגאָלד) פון אונזער כמו-וואָלאָנטאַרישן „איך",— דאָס איז אפשר פאַרשטענדלעך פון שטאַנדפּונקט פון זעלבסטדערהאַל-טונג, בכלל אָבער איז דאָס אַ פסיכישער „כאַראַקירי" איבער זיך אַליין, נישט אַן אויסמעקן, נאָר דווקא אַן אונטערשטרייכן פון דער אייגענער מענטשלעכער מינדערווערטיקייט און אומבאַ-האָלפנקייט. מיר האָבן פשוט מורא זיך מודה צו זיין אין אונ-זער פאַקטישן דלות און אָנשטאָט אַזאַ מודה זיין זיך, שרייען מיר פאַרקערט און פאַרשרייען מיט אונזער אַרכי-„עשירות", און אין דעם איז אפשר פאַראַן נאָך מער דלות, ווי אין דעם דלות אַליין.

מיר האַלטן דאָך אומדערמידלעך אין איין באַזינגען געמיינשאַפט,

ווי „איר מאַיעסטעט די געמיינשאַפט", ווי אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט און פאַר דעם מענטש. מילא די מענטשהייט—דאָרטן זענען אָנוועגדבאַר ביאָלאָגישע טעמים, אָבער דער מענטש, יעדער מענטש פאַר זיך, — איז דען טאַקע באמת געמיינשאַפט פאַר אים אַ ברכה ? ! —

עס איז אומבאַדינגט און דורכויס פאַלש, אַז אָנגעהערי־קייט צו אַ געמיינשאַפט ליגט אויף דער גלייכער ליניע פון אינדי־ווידועל מענטשלעכן פרייען ווילן, אַז עס געפינט זיך אין איינ־קלאַנג מיט דער נאַטירלעכער פסיכיש-מענטשלעכער פאַראַנ־לאַגטקייט. געמיינשאַפט איז פאַר דעם יחיד דורכויס אַן אָנגע־צוווּנגענער „מוז" און נישט קיין זאַך פון אור-נאַטור. געמיינ־שאַפט לייגט דאָך אַרויף פּענטעס אויף דער אינדיווידועל-מענטש־לעכער פסיכישער פרייהייט, אין דער געמיינשאַפט מוז דאָך דער פּרט זיין אייגענעם ווילן און נייגונגען אונטעראָרדנען דעם ווילן און די נייגונגען פון כלל. ווען מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז דער פּרט אין דער געמיינשאַפט איז נישט נאָר אַ „מושפע", נאָר אויך אַ „משפיע" אין אַ געוויסער מאָס, ווען מיר זאָלן האַלטן מיט דער אידעאַליסטישער וועלט-אויפפאַסונג און וועלט-אָנשויונג, אַז „נישט בלויז געשיכטע בילדעט פּערזענלעכקייטן, נאָר אויך פּערזענלעכקייטן בילדן געשיכטע", — אויך דאַן וועלן מיר נישט קאָנען אינגאַנצן פאַרלייקענען די אויפצווינגונגס־קראַפט און די פאַרקנעכטונג-אייגנשאַפט פון דער געמיינשאַפט, וואָרום אויב אַפילו דער פּרט אין דער געמיינשאַפט איז אויך אַ משפיע, איז ער דאָך על-כל-פנים אַ מושפע מער ווי אַ משפיע.

וואָס איז אַ געמיינשאַפט ? אַ פאַבריק-סיסטעם פון מאַ־שינען, וווּ איין מאַשין איז באַהעפט מיט דער אַנדערער און אָפּ־העננגיק פון דער אַנדערער. און ווי אין אַ מאַשין, מוז יעדעס איינצלראָד און רעדל, ווען עס האָט נישט נאָר צו פאַרדאַנקען זיין באַוועגונגס-פעיקייט אַנדערע, נאָר פאַראורזאַכט אַפילו מיט זיך די באַוועגונג פון אַנדערע, זיין אויסגעשניטן, משנה-פנים זיין זיין אור-פלאַך דורך קינסטלעך-געמאַכטע ציינדלעך, כדי עס זאָל זיין ביכולת זיך צוצופאַסן און איינצופאַסן אין די אַנ־דערע שכנותדיקע רעדלעך, ווייל אַנדערש וועט דאָך די מאַשין נישט קאָנען אַרבעטן, — אַזוי מוז אויך יעדער פּרט אין דעם

בלל ענדערן זיין אור־מהות, לאָזן זיך איינשניידן אין זיין אינ־ דיווידועל־פסיכישן מהות פון די געמיינשאַפטס־צײַנער, װעלכע װייסן נישט און קאָנען נישט װיסן פון רחמנות און פון שאַ־ נעווען די אינדיווידועלע און אַנטיגעמיינשאַפטלעכע אָפּנייגונגען פון אָפּגעשלאָסענעם פּרט.

דער לאַנג גילטיקער אַפּאָריזם. „דער מענטש איז אַ גע־ זעלשאַפטלעכע חיה" — וואָס איז זיין אמתר פּשט? אין דער עצם־געזעלשאַפטלעכקייט פון מענטש ווערט ממילא מאַניפעסט־רט אויך זיין חיהשקייט, ד. ה. זיין גלייכקייט מיט דער חיה אין זין פון באַגרענעצטע קיום־מעגלעכקייטן און הילף מן הצד, און פּונקט ווי די פלערליי שוץ־מיטלען ביי דער חיה איז אויך ביים מענטש זיין געזעלשאַפט בלויז אַ שוץ־מיטל קעגן סכנות, אַ שוץ־מיטל, וואָס מער ווי מען וויל אים, מוז מען אים אָנווענען.

און זאָל זיך נעמען יעדער איינצלנער אָנגעהעריקער צו אַ געמיינשאַפט דורכפירן אַ זעלבסט־אַנאַליז, זאָל ער פּרווון זיך קלאָר מאַכן, וואָס און ווי אַזוי ער איז געווען, אָדער וואָלט געקאָנט און געדאַרפט זיין ביז צו דער געמיינשאַפט און נאָך איר, און ער וועט שוין מוזן, אַפילו מיט זיין געוויינלעך, אומ־ באַוואָפנט אויג, זען און אויסגעפינען, אַז געמיינשאַפט באַדייט נישט קיין אויסלייזונג, נאָר אַ גלות, נישט קיין ברכה, נאָר אַ קללה פאַר זיין אינדיווידועל־מענטשלעכער פסיכישער פרייהייט. געמיינשאַפט ברענגט נוצן דעם איינצל־מענטש, וויל זי העלפט אים אַרויס פון זיין אומבאַהאָלפנקייט לגבי די אויסערלעכע שוועריקייטן אין נאַטור און וועלט אַרום אים, גלייכצייטיק אָבער שטרייכט זי, אָט די נויטיקייט אין געהערן צו געמיינשאַפט, נאָך מער און מיט אַ באַזונדערער בולטקייט אונטער די אינער־ לעכע אומבאַהאָלפנקייט פון איינצל־מענטש, די אומבאַהאָלפנקייט פון זיין אייגענער, אינערלעכער נאַטור און וועלט.

אַז דאָס איז אַזוי, קאָן מען צווישן פיל אַנדערע ראיות זען אויך פון יענעם אומספקדיקן געשיכטלעכן פּראָצעס, וועלכער האַלט! כסדר אין איין פאַרוואַנדלען קלענערע געמיינשאַפטן אין גרעסערע, מען קאָן דאָך אַפילו אַ דעפיניציע אַזאַ מיט רעכט שאַפן פאַר „געשיכטע" און „מענטשלעכן פּראָגרעס אין צייט".

וואָס איז אַזוינס געשיכטע און פּראָגרעס? — בלויז בהדרגהדיקע
און כּסדרדיקע איבערגאַנגען פון קלענערע מענטשלעכע געמיינ-
שאַפטן צו גרעסערע, בלויז דאָס בויען גרעסערע צווישנמענטש-
לעכע קערפּערשאַפטן אויף די חורבות פון די קלענערע. די
גאָר אַמאָליקע „שבט"-פאָרם פון מענטשלעכער אָרגאַניזאַציע איז,
למשל, שפּעטער אַריבער אין קאָמפּליצירטערער פאָרם פון „פאָלק",
קלענערע פעלקער, פעלקער, אַזוי צו זאָגן, „אין דעם יי",
זענען כּסדר אַריבער צו צונויפגעגאָסענע גרעסערע פעלקער,
אין פעלקער „פער אַנגראָ", וואָרום וויפיל האָבן מיר דען ביי
היינטיקן טאָג, למשל, אַזויגערופענע „ריינע" פעלקער, אויסער
יידן, אין דער וועלט? יעדעס מאָדערנע פאָלק איז דאָך שוין
באמת אַ צוזאַמענמיש פון פאַרשידענע פעלקער, פון וועלכע
יעדעס האָט מוותר געווען אויף זיין פריערדיקע אייגענע זעלבס-
שטענדיקייט לטובת דער גרעסערער געמיינשאַפט. די אַמאָליקע
קלענערע מלוכהלעך האָבן זיך מיט דער צייט צונויפגעגאָסן
איניינעם, און נישט אַלע מאָל בלויז צוליב פרעמדן, אָנגע-
צוווּנגענעם, אָקופּאַנטישן ווילן, נאָר אָפט מיט דעם אייגענעם
ווילן (די פלערליי געשלאָסענע צווישנפעלקערלעכע „אוניעס"
פון מיטלאַלטער און אויך פון דער נייער צייט), — און האָבן
געבילדעט גרעסערע פאָלקס-פאַראייניקונגען. שוין דער פּרינציפּ
פון פעדעראַטיווער פאַראייניקונג צווישן פעלקער איז דאָך, אין
זיין תוך, אַ רעזיגנאַציע פון אייגנס ביי די איינצעלנע באַשטאַנד-
טיילן פון דער פעדעראַציע, אַ מוותר-זיין מצד דער קלענערער
געמיינשאַפט אויף איר אייגנטלעכן ווען לטובת דער גרעסערער
געמיינשאַפט. דאָס אויפגעשמאָלצן ווערן פון מערערע פעלקער
איניינעם איז נישט אַלע מאָל נאָר אַ רעזולטאַט פון פרעמדער
אימפּעריאַליסטישער אויפצווינגונג, נאָר אויך, אפשר נישט אין
קיין קלענערער מאָס, אַ רעזולטאַט פון אַן אייגענעם, פון
אינערלעכן צוואַנג, ד. ה. אַ רעזולטאַט פון אַלייניקן אונטער-
שטעלן די פּלייצע אונטער דעם יאָך פון צוועקמעסיקייט. די
פּאָליטישע פאַרטייטשונג, זאָל עס אגב באַמערקט ווערן, פון
מאָדערנער מלוכה-בילדונג, די דערקלערונג פאַר צווישנפעלקער-
לעכער פאַראייניקונג אַלס פּועל-יוצא נאָר פון אויסערלעכן, אימ-
פּעריאַליסטישן צוואַנג געפינט זיך אין סתירה צו דער פּסיכאָ-

קאַגישער אויסטייטשונג און דערקלערונג, ווייל פּסיכאָלאָגיש גענומען איז דאָך דאָס לאָזן זיך פאַרקנעכטן אַן און פאַר זיך שוין אַן אויסדרוק פון אַ קנעכטישער פּאָטענץ, אַזוי צו זאָגן, ביי די פאַרקנעכטעטע. אָבער וועלכע אויסטייטשונג און דער-קלערונג עס זאָל נישט זיין די ריכטיקע, איין זאַך ווערט פון דעם כּלל נישט געענדערט: דער פאַקט פון כּסדרדיקן איבער-גאַנג פון קלענערע אין גרעסערע געמיינשאַפטן. אַפילו די גרויס-מלוכהשע פאַרייניקונג פון אונזער צייט, יענע פאַרייניקונג, וועלכע איז ווי אַ „עם כּל הנערים"-טלית איבער די קעפּ פון מערערע איינצלנע פעלקער, ווערט שוין פאַר אונזערע אויגן אַ נישט-גענוג-גרויסע געמיינשאַפט. מען זוכט שוין נאָך גרעסערע. אַט רעדט מען שטאַרק וועגן „איראַזיע", וועגן אַ פאַרייניקונג צווישן איראָפּע און אַזיע. כּלפּי חוץ באַמיען זיך, אמת, די אידעאָלאָגן פון דער איראַזיע, אויב עס איז דערלויבט אין געגעבענעם פאַל זיך אַזוי אויסצודריקן, „איינצוּוויקלען די טומאה אין דער יראה" — מען רעדט נאָר וועגן אַ ריין-קול-טורעלער פאַרייניקונג, וועגן אַ לויטער-גייסטיקער דיפוזיע, אָן צו פּרעטענדירן, חלילה, אויף אַ מאַטעריעלער, אויף אַן אָרגאַ-ניזאַציאָנעלער פאַרייניקונג, — דאָס איז אָבער נאָר כּלפּי־חוץ („כּלפּי חוץ אין דעם פאַל באַדייט אויך—אויסער דעם אייגענעם באַוווסטזיין), באמת, אונטער פּסיכאָלאָגישן פּראָזשעקטאָר גענומען, באַדייט דער „איראַזיזם" דאָס דערפילן זיך ענג אין דער קלע-נערער געמיינשאַפט און דאָס ווילן, דאָס נויטיקן זיך אין איבערגאַנג צו אַ גרעסערער געמיינשאַפט. „קולטורעלע געמיינ-שאַפט" און „פיזישע צונויפגעשמאָלצנקייט" זענען דאָך בעצם נישט קיין אַנטיטעזן. ווייל יעדע קולטורעלע געמיינשאַפט נעמט זיך דאָך פון און ברענגט צו אָרגאַניזאַציאָנעלער, פיזישער קעגנ-זייטיקער איינשליסונג.

מען קאָן אפשר ווען אָפּפרעגן די הנחה וועגן דעם, אַז איצט, אין אונזער צייט זאָל פאָרקומען אַן איבערגאַנג פון קלענערע צו־גרעסערע געמיינשאַפטן מיט דער אָנווייזונג אויף אַ פונקט-פאַרקערטער דערשיינונג אין אונזער צייט, נעמלעך: אויף דער באַפרייונג פון אַסך קליינע פעלקער נאָך דער מלחמה, אויף דער בילדונג פון אַ גאַנצער ריי נייע קליינע מלוכהלעך.

אויף דער סעפּאַרירונגס־טענדענץ פון די קלענערע, אין פרעמדן אָרגאַניזם איינגעשלאָסענע פעלקער בכלל. מען קאָן צו דער אויבנאָנגעוויזענער הנחה נאָך אפשר זען אַ סתּירה אויך אין דעם, וואָס אונזער צייט איז דאָך דווקא די בלי־צייט פאַר כּלערליי קליינע און גאָר קליינע געמיינשאַפטן שוין אויפן סמך פון מיני־דעסטער אינטערעסן־אינדענטיטעט צווישן די צוזאַמענגעשלאָסענע— קיינמאָל איז, דאַכט זיך, נאָך נישט געווען אַזאַ ווי איצט שטאַרקע שאַפונג פון כּלערליי פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע פאַריי־ניקונגען צווישן מענטשן. דידאָזיקע פאַרייניקונגס־טענדענץ דער־גייט אַפילו אָפט ביז צו קוריאָזיטעטן.

באמת אָבער זענען די אַלע דערשיינונגען נישט קיין סתּירה צו דער אויבנגעבראַכטער הנחה. פאַרוואָס? — ווייל אָט די אַלע דערשיינונגען זענען דאָך בעיקר נאָר צייטווייליקע, נאָר ריין־מעטאָדאָלאָגישע אָנווענדונגען, כּדי צו פאַרשנעלערן גראָד דעם פּראָצעס פון איבערגיין צו דער גרויסער געמיינשאַפט. נאָר אָטעם־פויזעס איידער מען וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון דער גרויסער געמיינשאַפט, נאָר יענער באַקאַנטער לאָז אויף צוריק איידער מען טוט אַ שפּרונג פאָרויס.

וועגן די כּלערליי פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע פאַרייניקונגען איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז זיי פירן צום סאָצ־יאַליזם, אַז זיי ווערן לכתחילה און בכוונה אונטערגענומען מיטן צוועק צו פאַרגיכערן דעם איבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָר אַפילו די אַזויגערופענע „קליין־פעלקער־באַ־פרייונג” פון אונזער צייט איז אויך נאָר אַ מיטל, אַ צייטווייי־ליקער מיטל צום אייגענעם איבערגאַנג. געוויסע אויפריכטיקע אידעאָלאָגן פון דערדאָזיקער קליין־פעלקער־באַפרייונג זענען זיך אין דעם אָפן מודה, די איבעריקע, וואָס אָנערקענען עס נישט, פאַרראַטן אָבער אויך זייער אונטערבאַוואוסטזיניקע כּוונה דורך אַ ריי מעשים. אין דעם פּרט איז, למשל, אינטערעסאַנט די אומבאַדינגטע לכתחילהדיקע אולטראַ־סאָציאַליסטישע באַפאַר־בונג פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג ביי די קליינע פעלקער און שפּעטער, שוין נאָך דער באַפרייונג, די טענדענץ אויסצו־ברייטערן זיך, צו שאַפן פאַרשטענדיקונגען און פאַרייניקונגען

מיט די שכנים, די פּלערליי „באַלטישע בונדן", די „פעלקער-ליגעס" פון די קליינע פעלקער „וכדומה".

און עס רעדן שוין אַנדערע אין הײַנטיקן אייראָפּע וועגן אַ גאָר גרויסער נייער געמיינשאַפט, און דאָס מאָל שוין אין בפירוש-אָרגאַניזאַציאָנעלן זין, וועגן „אַלאייראָפּעישע פאַראייניקטע שטאַטן". מען רופט נאָך, אמת, פון פאַרשידענע זייטן אָן די אידעאָלאָגן פון דעם לעצטן געדאַנק — „פאַנטאַסטן", מען מוז דאָך אָבער מודה זיין, אַז דידאָזיקע פאַנטאַזיע האָט איר געוויסן יסוד און איר פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג. ווידער אַמאָל צו ענג איז געוואָרן די פריערדיקע געמיינשאַפט און מען שטייט ערב איבערגאַנג אין אַ נייער, גרויסער געמיינשאַפט. אַזוי ענג און קנאַפּ איז געוואָרן די פריערע אַרט געמיינשאַפט אין אייראָפּעישן „אַבענד-לאַנד", אַז געוויסע קרייזן זעען די איינציקע רעטונג פאַר דעם „אונטערגייענדיקן אַבענד-לאַנד" אין איבערגאַנג צו דער נייער, גרויסער, נאָך גרעסערער ווי פריער, געמיינשאַפט. און צום סוף, צי איז נישט אַפילו דער העכסטער אידעאַל פון דער מענטשהייט, דער סאָציאַליזם, נישט אַן אויסדרוק פון ווילן, פון מוזן איבערגיין צו דער אולטראַ-גרויסער געמיינשאַפט ? — וואָס קאָן זיין נאָך גרעסער, ווי די סאָציאַליסטישע געמיינשאַפט ?— ווייטער פון אַזאַ געמיינשאַפט, ווו די גאַנצע מענטשהייט ווערט צו איין געמיינשאַפט, קאָן מען דאָך שוין נישט גיין !

וואָס באַדייט אָבער דער כסדרדיקער איבערגאַנג פון קלענערע צו גרעסערע געמיינשאַפטן, אויסער דער מוז-צוועקמעסיקייט, פאַר דעם איינצלנעם מענטש ? וואָס באַדייט עס פאַר דעם אינדיווידועלן-פּסיכישן וועזן און פאַרמעגן פון דעם מענטש ?

עס באַדייט, אַז דער מענטש פאַרלירט וואָס ווייטער אַלץ מער זיין אייגענע פרייהייט, אַז ער גייט כסדר אַריבער פון קלענערער קנעכטשאַפט צו גרעסערער, אַז די פעטליע אַרום זיין האַלז ווערט אַלץ ענגער און דריקנדיקער. וואָרום וואָס קלענער די געמיינשאַפט איז, אַלץ ווייניקער איז איר אַנאַטאָמירונגס-קראַפט פאַר דער אינדיווידועל-מענטשלעכער פרייהייט, אַלץ מער געלעגנהייט איז פאַר דער לעצטער דאָ זיך ווען-נישט-ווען

אַרויסצורייסן און אַנטפּלעקן זיך. אין שבט האָט דער איינצל־מענטש געקאָנט מער בלייבן טריי זיך אַליין און זיינע אור־נייגונגען, ווי אין פאָלק א. אז. וו. און מען דאַרף אַמאָל האָבן דעם מוט זיך מודה צו זיין: די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אַלס די אַלערגרעסטע געמיינשאַפט, וועט מוזן פּאַרווישן דאָס אייגענע אין איינצל־מענטש נאָך נישט אין פאַרגלייך מער, ווי אַלע פריערדיקע קלענערע געמיינשאַפטן צוזאַמען גענומען. דער נאָמען אַליין: „סאָציאַליסטישע געמיינשאַפט", וועלכער איז אַ שפּראַכלעכע טויטאָלאָגיע: צוויי מאָל געזעלשאַפט פאַרראַט שוין, דאָס געמיינשאַפטלעכע אַלס עיקר־העיקרים אין דער נייער וועלט־אָרדנונג, אַנדערש גערעדט: גראָד דאָס, וואָס פאַרווישט און מוז פאַרווישן דאָס אינדיווידועל־מענטשלעכע ווערט אויך אין סאָציאַליזם דערפירט צו „טוגנט". (דער איינציקער קעגנזאַץ איז דאָ די אינדיווידואַליסטישע, אַנאַרכיסטישע אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם, נאָר אויף דעם פּלאַץ קאָן איך זיך מיט דערדאָזיקער ספּעציאַל־פראַגע נישט אָפּגעבן).

עס איז גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז געמיינשאַפט איז נאָר אַ „מוז" צו פאַרשטעלן די מענטשלעכע מינדערווערטיקייט, נאָר אַ צוועקמעסיקער מיטל אַרויסצוציען דעם מענטשלעכן מין פון זיין אומבאַהאָלפנקייט, עס איז אַ נויטיקע זאַך. פון דעם איז אָבער כלל און כלל נישט געדרונגען, אַז עס איז אויך אַ גוטע זאַך. פאַר דעם איינצל־מענטש איז געמיינשאַפט נישט קיין ברכה נאָר אַ קללה, אַ קללה פאַר דאָס אייגענע אין דעם איינצל־מענטש, פאַר זיינע אור־נייגונגען און אור־פרייהייט.

פאַר דער מענטשהייט איז געמיינשאַפט אַ גליק, פאַר דעם מענטש אָבער איז זי אַן אומגליק! — האָבן זיך דאָך אָבער מענטשן מורא מודה צו זיין אין דעם, וואָס עס איז פיינלעך, קומט די זעלבסטדערהאַלטונג און „שאַפט די רפואה פאַר דער מכה" און רוקט אַרויס אַ „קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע", מאַכט פון נויט גופא אַ טוגנט, פון וויטיק גופא אַ „נחת" — געמיינשאַפט, זאָל עס הייסן, איז נישט בלויז אַ „מוז", וואָס פאַרשמעלערט און צוימט איין, נאָר אַ פרייהייטלעכער „זעלבסטבאַשטימונגס"־

ענין, וואָס פאַרברייטערט און רוימט אדרבא אָפּ צוימען פון איינצל־מענטשלעכנס וועג.

פונקט דאָס אייגענע האָט מען צוליב דיזעלביקע סיבות פון „אַרבעט", וואָס איז בטבע אַ צוואַנג פאַר דעם מענטש, געמאַכט מכּלומרשט אַ קוואַל פון מענטשלעכער פרייהייטלעכער פריידיקייט און אַליין, מיטן אייגענעם ווילן אויסגעקליבענעם גליק. פונקט דאָס אייגענע ווערט געמאַכט אויך מיט אַן אַ סוף אַנדערע פיינלעכע „מוזן", וועלכע ווערן פאַרוואַנדלט פון קללות אין „ברכות" — אַז מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער און מען מוז נאָך דעם „אַרונטער" גופא זיך אַליין פאָרשטעלן ווי אַן „אַריבער".

און דאָס אייגענע האָט געטראָפן און טרעפט בסדר אויך מיט דער מענטשלעכער באַציונג פון „געמיינשאַפט"! —

צוועלפטער קאַפּיטל

„אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס"

פאַרהערלעכונג פון אַרבעט, איבערפירונג פון אַרבעט פון אונטערגעאָרדנטן מיטל צו זעלבסטצוועק, דאָס איז דאָך דער תוך פון איינעם פון די געהויבנסטע מענטשלעכע אידעאַלן: פון סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם שטעלט זיך אַלס ציל צו פאַרריכטן, צווישן אַנדערע, יענעם גרויסן אומרעכט, וואָס מענטשן באַגייען לגבי אַרבעט: אַנשטאָט אַרבעט זאָל זיין, ווי ס'איז אין אונזער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַ מקור פון מענטשלעכער פּיין, זאָל עס ווערן צום מקור פון מענטשלעכן ווויל, פון מענטשלעכן גליק. נישט זיפצן זאָלן קלינגען אונטער דעם דערנידעריקנדיקן יאָך פון אַרבעט, נאָר זינגען אין עכאָ פון שטאָלן; אַרבעט זאָל ווערן דאָס, וואָס זי פאַרדינט צו זיין: אַ קרוין אויף דעם מענטשלעכן קאָפּ.

די אויפריכטונג פון אַרבעט האָט אין דער ערשטער ריי אין זינען — די אויפריכטונג פון מענטש גופא: אָן אַרבעט איז קיין מענטשלעך גליק נישט מעגלעך, אָן אַרבעט איז דער מענטש אויסגעשטעלט פאַר די טויט-קלעפּ פונם שוואַרצסטן יאוש, פון פאַרגיכטנדיקער אָפּהענטיקייט. אַרבעט אין איר ריכטיקן, אין איר נישט-געפעלשטן אור-טייטש איז — אָנווענדונג פון מענטשלעכער ענערגיע, אַנטפּלעקונג פון די שעפערישע כוחות אין דעם מענטש, כסדרדיקע איינפלעכטונג פון נייע בליענדיקע צווייגן אין די לאָרבער-קרענץ פון מענטשס ווירדע און עקזיסטענץ-זין.

אויב מ'וויל אויסזוכן אינם מענטשס לעבן עפּעס אַזוינס, אין וואָס ס'ווערט אַמבולטסטן און אַמאַיבערצייגנדיקסטן מאַניפעסטירט די מענטשלעכע איגערלעכע קראַפט, וועלכע טיילט אים אָפּ און שטעלט אים העכער פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן, איז עס די

צוועקמעסיקע שעפערישע אַרבעט זיינע, די אַרבעט, וואָס איז באַלויכטן מיט די העלע פּראָזשעקטאָרן פון מענטשלעכן באַוווסטזיין, וואָס איז באַוואָרעמט מיט דעם הויך פון מענטשלעכער זעלבסטבאַשטימונג.

אַרבעט, ווירקלעך דערהויבנדיקע אַרבעט, באַשטייט נישט אין דעם, וואָס ס'ווערט געטון, נאָר אין דעם, ווי אַזוי ס'ווערט געטון. ביי ווירקלעכער אַרבעט זעט מען קודם כל דעם, וואָס אַרבעט און ערשט שפּעטער, וואָס ער אַרבעט. די ווירקלעכע אַרבעט, אַנדערש געזאָגט, שטערט נישט, נאָר דווקא פאַרקערט — העלפט מיט דער אַנטפּלעקונג אין אַלע אירע ברכה־פאַרבן פון דער מענטשלעכער שעפערישער פּערזענלעכקייט. נאָר מעכאַנישע, איבערגעוואַלטיקטע אַנגעוואָרפענע אַרבעט איז בכוח צו פאַרטעמפּן דעם מענטש, צו פאַרקלענערן, צו פאַרווישן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אָבער אַרבעט מיט אינערלעכער באַציונג צו איר, אַרבעט מיט באַוווסטזיין פאַר איר ווערט מצד איר אויספירער, די ווירקלעכע אַרבעט — זי שאַפט, פאַרגרעסערט כסדר דאָס מענטשלעכע און דעם מענטש. זי שלעפּערט נישט איין, נאָר וועקט צו דערהויבנקייט, צו מערקווירדיקער נשמה־אויסאיידלונג און פאַרפיינערונג.

און אין דעם שטעקט טאַקע דאָס ווילדסטע אומרעכט פון דער ביז־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס זי האָט דעם ריינעם, לויטערן, פרישן און אָפּפרישנדיקן קוואַל פון מענטשלעכער שאַפונג — די ווירקלעכע אַרבעט, פאַרסמט, וואָס זי האָט פון דעם גרעסטן מענטשלעכן גליק אַן אומגליק געמאַכט, וואָס זי האָט פּאַטאָס פון הערשער אין זיפץ פון קנעכט פאַרוואַנדלט.

דאָס, וואָס ביז איצט, וואָס אין אונזער איצטיקער געזעלשאַפט איז אַרבעט אַ קללה פאַר מענטשן, וואָס צו אַרבעט ווערט מען געצוווּנגען און נישט מ'גייט צו איר צו מיטן גוטן, אייגענעם ווילן, וואָס אַרבעט איז די שענדלעכע „געלע לאַטע" פון קנעכטשאַפט אויף די איינגעבויגענע פּלייצעס פון מאַסן, אַ לאַטע, וואָס איז אַרויפגעניייט אויף זיי דורך יחידישע גליקלעכע באַהערשער, וועמענס גליק און באַהערשער־מעגלעכקייט איז אין דעם, וואָס זיי אַליין אַרבעטן נישט, — דאָס אַלץ איז קודם כל און בעצם אַ פאַרדרענגונג פון דער נאַטור, אַ

פאַרגוואַלטיקונג פון דעם מענטשלעכן אור-וועזן, ווו אַרבעט איז און מוז זיין אַ גליק, ווו אַרבעט איז און מוז זיין דער אייגנטלעכער יסוד נישט פון פאַרקנעכטונג און איינגעבויגענע פלייצעס, נאָר דווקא און פונקט פאַרקערט—פון פולער מענטשלעכער הערשאַפט און פון באַפרייטע אויסגעגלייכטע פלייצעס פון שטאָלצער, פון מענטשלעכער ווירדע.

ס'איז דער הילכיקסטער שפּאָט פון שטן: דאָס, וואָס דאַרף דעם מענטש אַלס אַזעלכן באַפרייען, איז אויף אַ קינסטלעכן אופן געוואָרן אַ מיטל צו זיין פאַרקנעכטונג; דאָס, וואָס דאַרף דערהויבן דאָס מענטשלעכע אינם מענטש, מאַכט עס גאָר דערנידעריקן; וואָס ס'דאַרף וועקן, שלעפערט גאָר איין און ברענגט אינערלעכע נשמה-דערשלאָגנקייט.

אַרבעט, וואָס דאַרף מאַכן דאָס לעבן זיס, מאַכט אים גאָר, אַ דאַנק דער טייוולאָניש-פאַלשער קאָנסטרוקציע פון אונזער געזעלשאַפט, ביטער און סמט אָפּ אומברחמנותדיק דעם עקזיסטענץ-ווילן, דעם עקזיסטענץ-זין ביי מיליאָנען און מיליאָנען איבערגעוואַלט-אַרבעטנדיקע מענטשן. דער לאָזונג, וואָס ווערט איצט אויף פּראָפּאַגאַנדע-פּלאַקאַטן אויסגעקריצט: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס", „מאַכט" אין געגנוואַרט, איז דערווייל בעצם נאָר אַן אָנווייז אויף דער צוקונפט, אַן אָנצייכענונג פון פּערספּעקטיוו, אָבער נישט קיין קאָנסטאַטירונג פוןווירקלעכער נעגנוואַרט. ס'איז מער אַן אויסדרוק פון סוביעקטיוון ווילן, געריכטעט צום „וואָס עס זאָל זיין", ווי פון אָביעקטיוון פאַקט—„וואָס ס'איז". פון אונטער: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס" מוזן מיר אַרויסלייענען: „אַרבעט דאַרף מאַכן דאָס לעבן זיס".

ס'הייסט: איצט איז טאַקע אַרבעט נישט דאָס, וואָס זי דאַרף זיין הן לויט איר אייגענער נאַטור און הן לויט דער נאַטור פון מענטש, וועלכער פירט זי אויס; איצט איז צוזאַמען מיטן פאַרקנעכטיקטן אַרבעטנדיקן מענטש די אַרבעט גופא פאַרקנעכטעט און אָפּגעריסן פון איר אמתן שורש, אָבער צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן פאַרקנעכטיקטן מענטש מוז אויך די אַרבעט באַפרייט ווערן און אומגעקערט ווערן צו איר נאַטירלעכן מהות פון גליקשאַפערין, פון אַ ברכה-ברענגערין.

אַז צום אוממיטלבאַרן „איצט" באַציט זיך נישט — טראָץ

איר פאָרמולירונג אין קעגנוואַרט-צייט — דער לאָזונג : „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס", קאָן מען זיך דאָך זייער לייכט איבערצייגן. אַפילו די יעניקע, ביי וועמען דידאָזיקע פאָרמולירונג איז אויף די ליפּן, אַפילו ביי די אַרבעטנדיקע עלעמענטן גופא, ביי יענע פון זיי, וועלכע שטייען שוין אין די רייען פון די קעמפער פאַר אַ בייער און באַפרייטער וועלט פון אַלגעמיינער אַרבעט — אַפילו ביי זיי איז דאָך די איצטיקע אַרבעט נישט קיין זאַך, וואָס „מאַכט דאָס לעבן זיס", נאָר פאַרקערט, אין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס — אַ זאַך, וואָס „מאַכט דאָס לעבן ביטער". וויפיל אַרבעטער אין אונזער איצטיקער וועלט זענען באמת שטאָלץ אויף זייער אַרבעט ? וויפיל זאָגן צו זיך אַליין, שטילערהייט און ביי אויפריכטיקער זעלבסטדערקענטניש, ווען זיי זענען ווייט פון דער מעגלעכקייט און דער נויטיקייט צו פּראָפּאַגירן אַנדערע : „מיר איז גוט — איך אַרבעט", „מיר איז גוט — כ'בין אַ כהן אין בית המקדש פון אַרבעט"! ?

צי איז ווער פון די אַרבעטנדיקעווירקלעך צופרידן — וועגן גליקלעך זיין רעדט זיך שוין נישט — מיט דעם, וואָס ער אַרבעט בכלל און מיט דעם, וואָס ער אַרבעט (מיט דער קאָנקרעטער אַרבעט זיינער) בפרט ? צי רייסן זיך מענטשן אין אונזער איצטיקער וועלט, מיט אייגענעם ווילן, נישט געשטויסן פון אויסערלעכן דראַנג און צוואַנג, צו אַרבעט אָדער פון אַרבעט ?

צי זעען מיר נישט טאָג-איין טאָג־אויס אָנשטרענגונגען מצד אַרבעטנדיקע מענטשן אַוועקצוגיין פון אַרבעט, אַריבערצוניין אין לאַגער פון די נישט אַרבעטנדיקע ?

דאָס, וואָס אַזאַ ווילן ווערט וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער פאַרווירקלעכט, וואָס אַזעלכע אָנשטרענגונגען ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשווערט, און ס'איז אין אונזער איצטיקער וועלט פיל גרעסער די צאָל פון די, וואָס גייען אַריבער פאַקטיש צו אַרבעט, ווי די צאָל פון די, וואָס גייען אַוועק פון אַרבעט — איז אין אונזער צוזאַמענהאַנג כלל נישט וויכטיק. אונז איז וויכטיק נישט דאָס, וואָס ס'איז, אַדאַנק אויסערלעכן דראַנג און צוואַנג, נאָר דאָס וואָס ס'וואָלט געווען ביי מעגלעכקייט פון אָנווענדן אינערלעכן פרייען ווילן. און עפּנט נאָר אויף אַ קליין פריי טירל אין די שווער פאַרמאַכטע דראַנג- און צוואַנג-טויערן,

וועלכע באַהאַלטן הינטער זיך די צו אַרבעט געצוווּנגענע, און ס׳וועט זיך זיכער אַ לאָז־טון אַ גאַנצע לאַווע פון אַרבעטנדיקע צו נישט־אַרבעט, צו אויס־אַרבעט!

אמת, אויף דער גאַנצער לאַנגער שטרעקע פון מענטש־לעכער געשיכטע ביז איצט זעען מיר טאַקע, אַז די צוויי מחנות פון אַרבעטנדיקע און נישט־אַרבעטנדיקע בייטן זיך אַלץ מער מיט זייערע פלעצער, אַז דער טייל, וואָס איז פריער געווען אַ מאַקסימום — די נישט־אַרבעטנדיקע, ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַ מינימום, און דער פריערדיקער מינימום — די אַרבעטנ־דיקע—פאַרקערט ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער מאַקסימום; אויב מיר זעען, אַז כסדר און אומעטום קומט פאָר די פאַרגעדיכטונג פון די רייען אַרבעטנדיקע אויפן חשבון פון דער פאַרשיטערונג אין די רייען פון די נישט־אַרבעטנדיקע — איז עס דורכויס און איינאיינציק נאָר אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכן צוואַנג. פון שווערע, „אייזערנע געזעצן”, וועלכע האָבן מיט דעם פרייען מענטשלעכן ווילן נישט צו טון, וואָס, פאַרקערט, זיי פּענטען און מאַכן פאַר אומבאַוועגלעך דעם פרייען מענטשלעכן ווילן.

און ווער וואָלט עס מיט פולסטער זיכערקייט אונז געקאָנט איבערצייגן, אַז ביי דער מעגלעכקייט פון אַ פרייען מענטשלעכן ווילן וואָלט פאָרגעקומען פונקט דער אייגענער פּראָצעס, וואָס ביז איצט און נישט קיין אַנדערער, נישט דער פּראָצעס פון עקשנותדיקן האַלטן־זיך דווקא ביי נישט־אַרבעט און פון איבער־גאַנג אַפילו מצד די שוין־אַרבעטנדיקע צו נישט־אַרבעט?

און דאָ קומען מיר צו דער הויפּטפראַגע: צי איז באמת טאַקע אין דער אור־נאַטור פון מענטש פאַראַן אַ נייגונג צו אַרבעט, אַפילו צו ווירקלעכער, נישט־געפעלשטער אַרבעט? צי איז בעצם שוין אין דער אור־נאַטור פון מענטשן נישט פאַראַן קיין אָפּנייגונג פון אַרבעט?

אויף דידאָזיקע פראַגן — ווי אומאָנגענעם זיי זאָלן פאַר אונז נישט זיין — מוז קומען דער ענטפער:

נישט קיין צונייגונג, נאָר אַן אָפּנייגונג צו אַרבעט איז דער יסוד פון דער מענטשלעכער אור־נאַטור!

יעדע אַרבעט, אַפילו די אַזויגערופענע שאַפונגס־אַרבעט, האָט זיך אַלס איר איינציקן יסוד דעם קאַמף מיט די שוועריקייטן

פון דער אַרומיקער נאַטור, קעגן וועלכע דער מענטש איז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אומבאַהאָלפן, וועלכע באַדראָען אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס די פרייע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פון דעם מענטש. אַרבעט באַטייט אַלעמאָל זעלבסט־פאַרטיידיקונג קעגן סכנות, אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן זיך קעגן שטערונגען. און צי קאָן אַזאַ אַרבעט זיין אַן אומבאַדינגטער, אַ פרייער רעזולטאַט פון פרימערן מענטשלעכן ווילן?

אַרבעט, יעדע אַרבעט, קומט צום מענטש שטענדיק צוזאַמען מיט איר צווילינג־שוועסטער, דעם גאַרנישט פרייַנטלעכן און גאָר נישט צערטלענדיקן האַרטן „מוז“ — ווי אַזוי קאָן דען אָט דער „מוז“ לויפן פאַראַלעל און נישט קעגנגעזעצט צום פרייען, פרימערן מענטשלעכן ווילן?

אַזוי ווי מ׳נעמט אויף אַ פיין, און נאָר ווי אַ פיין, די עצם שווערקייטן, קעגן וועלכע מ׳מוז קעמפן און זיך פאַרטיידיקן, פונקט אַזוי מוז מען אויפנעמען ווי אַ פיין, און נאָר ווי אַ פיין, אויך שוין דעם קאָנקרעטן קאַמף און די קאָנקרעטע פאַרטיידיקונג גופא קעגן די שוועריקייטן — מען מוז אויפנעמען ווי אַ פיין די נויטיקע אַרבעט.

פון דעם, וואָס אַרבעט איז דאָ ביים מענטש און איז זיין באַגלייטערין פון זיין ערשטן טאָג, וואָס ער קומט אויף דער וועלט, פון זיין ערשטן אָנהויב מענטש צו ווערן, איז דאָך כלל קיין ראיה נישט, אַז אַרבעט איז באמת טאַקי, אַן און פאַר זיך, אַ גליק פאַר דעם מענטש, — נאָר אפשר פונקט פאַרקערט, אַ ראיה פאַר דעם, אַז דער מענטש ברענגט שוין מיט זיך דאָס אומגליק זיינס, דעם אָנהויב פון זיין געצוווּנגען־זיין אין דער וועלט, וווּהין ער קומט און אין לעבן, וואָס ער באַהעפט זיך צו אים.

שוין אַ קינד איז טעטיק, אַקטיוו; שוין ביי אַ נייגעבוי־רענעם איז זיין ערשטע מענטשלעכע אַנטפּלעקונג אין „אַרבעט“, אין אַרבעט אויף זיין שטייגער, און מיט אָט דערדאָזיקער אַרבעט, וואָס ווערט אַלץ מער פאַרשידנאַרטיק, פילצאָליק, גייט דער מענטש ווייטער דורך זיין גאַנצן לעבנס־וועג, פון וויגעלע ביז צום קבר־ראַנד; אַרבעט איז יענער רויטער פאָדים, וואָס בינדט אויף ביידע עקן און ציט זיך פון אָנהויב ביזן סוף פון מענטש־לעכן לעבן. צי איז אָבער אָט אָט דערדאָזיקער באַשטענדיקייט

צו זעען אַן אָפּקלאַנג פון יובל אָדער פון זיפץ, פון גליק אָדער פון אומגליק, פון אַלמאַכט אָדער פון מאַכטלאָזיקייט? שוין דאָס קינד הויבט אָן פון אַרבעט, ווייל זיין לעבן הויבט זיך אָן פאַר אים מיט שוועריקייטן און מיט דער אומאָנגענעמער נויטיקייט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג; און אויך דער זקן פאַרענדיקט מיט אַרבעט, ווייל דאָס לעבן ענדיקט זיך פאַר אים מיט שוועריקייטן און מיט דער אומאָנגענעמער נויטיקייט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג; אָבער פּונקט ווי די שוועריקייטן גופא זענען אומאָנגענעם און פיינלעך, אַזוי איז אויך אומאָנגענעם און פיינלעך די זעלבסטפאַרטיידיקונג קעגן זיי, די אַרבעט. און אויב מיר באַזינגען די אַרבעט, אויב מיר פלעכטן זיגער-קרענץ צו איר קאָפּ, איז עס — ווי אין אַ סך ענלעכע פאַלן, וואָס ווייזן אַרויס די מינדערווערטיקייט אונזערע אין אונזער לעבן — מער אַ „לאחר מעשה", ווי אַ „קודם למעשה"-זאַך, מער אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע איידער אַן אורשפּרינגלעכער, פון זיך קומענדיקער,ווירקלעכער געזאַנג; מער אַ ווילן קינסטלעך צו „פאַרזיסן" דאָס ביטערע, נאָכדעם ווי מ׳האָט פון אים פאַרזוכט, ווי אַ לכתחילהדיקע בלויזע פאָרשטעלונג פון זיסן, איידער מ׳האָט זיין טעם געפילט.

אַן איבעריקע אילוזיע איז זי די פאַרהערלעכונג פון גליק-ברענגנדיקער (און אַ גליק אַן אַבסאָלוטער, אַן אומבאַדינגטער) אַרבעט!

פאַרוואָס איז דידאָזיקע אילוזיע גופא אויפגעשטעלט געוואָרן גראָד נאָר ביי די אַרבעטנדיקע, פאַרוואָס זענען די אַדעפּטן פון אַרבעט אַלס אַן אויפריכטונג פון דער וועלט נאָר די, וואָס שמאַכטן טאַקע אין פּיין פון איצטיקער אַרבעט?

צי פּירט מיט דעם נישט אָן (אומבאַמערקט, פאַרשטייט זיך), אין אונטערבאַוווסטזיין פון די אַדעפּטן דאָס געפיל פון קנאה צו די, וואָס אַרבעטן נישט? אפשר איז דער איגערלעכער זין, די אומבאַמערקטע, אָבער ערשטע און וועזנטלעכסטע באַוועגקראַפט צו אַ גלייכער, אַן אַלגעמיינער אַרבעטס-וועלט נישט אַזוי דאָס גלייך מאַכן אין גליק, נאָר דאָס גלייך-מאַכן אין אומגליק אַלע מענטשן. די אַרבעטנדיקע ווילן, אַז אויך נישט אַרבעטנדיקע זאָלן ווי זיי אַרבעטנדיקע ווערן; אפשר איז עס ביי די אַרבעטנדיקע מער אַן אויסדרוק פון יאוש, פון שנאה, פון

נקמה, ווי פון האָפנונג, פון ליבע, פון גרייטשאַפט צו העלפן אַנדערע? אפשר איז די פאָרמול ביי די אַרבעטנדיקע: „אַלע דאַרפן אַרבעטן” געקומען ערשט שפעטער, ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט אין דער נישט-פאַרווירקלעכונג פון: „אַלע קאָנען נישט אַרבעט”?

אַז אַרבעט איז אין תוך נישט קיין ברכה און נישט קיין זאַך פון פרייען אויסוואַל, נאָר אַ קללה און אַ זאַך פון אַ געצוווּנגענעם „מוז” — האָט אונז שוין דער אור-אַלטער מענטש געגעבן צו וויסן. און ער, דער אור-אַלטער מענטש, איז דאָך נישט אין פאַרגלייך עמפינדלעכער און אויפריכטיקער ווי אונזער מאָדערנער מענטש; דער אור-אַלטער מענטש האָט נאָך געקאָנט זיך מודה-זיין אָפן אין ווונדן, וואָס טוען וויי, און נישט ווי מיר, מאָדערנע מענטשן, וועלכע פאַרלייקענען די ווונדן, כדי דורכדעם צו מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז זיי טוען וויי.

די אַלט-ביבלישע לעגענדע וועגן אדם הראשון, וואָס האָט באַקומען אַרבעט אַלס שטראָף ערשט, ווען ער איז אַרויסגע-טריבן געוואָרן פון גן עדן, און אַז אין גן עדן האָט אדם טאַקע נישט געאַרבעט, אַז דאָס גן עדן'דיקע ד. ה. דער העכסטער גליק פאַר דעם מענטש באַשטייט אין נישט-אַרבעט, — איז אפשר אין איר תוך פיל, פיל אמתדיקער און ווירקלעכער, ווי אונזערע מאָדערנע פראָקלאַמירונגען: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס”, „אַרבעט איז נישט קיין שטראָף, נאָר אַ באַלוינונג”. אונזער איצטיקע וועלט פון אַרבעט נישט פאַר אַלע איז עס דער גיהנום און די צוקונפטיקע וועלט, פאַר וועלכע מיר קעמפן, די וועלט, וואָס וועט געבויט ווערן אויף „אַרבעט פאַר אַלע” איז עס דער אמתר גן-עדן?

דער אור-מענטש האָט געהאַט געלאָזט וויסן:

„אַרבעט מאַכט דאָס לעבן ב י ט ע ר”.

און מיר, די אור-אור-איייניקלעך פון אור-מענטשן, מיר, די מאָדערנע מענטשן, קומען און לאָזן וויסן דאָס פונקט פאַרקערטע:

„אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס”.

ווער פון זיי איז גערעכט?